STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03042

IN GANG

Yaakov Pilovski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פילאָווסקי

*

אין גאַנג

דאס דאזיקע בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון
דעם יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל·

פון די פריינד:
י· פאָליאַק (ישראל־טשילע), א· פילאָווסקי (טשילע), א· און י· קליין (קאַנאַדע), ב· ראָפּע (טשילע), פּ· און ב· רובינשטיין (פאַראייניקטע שטאַטן), פּ· שיינדער (קאַנאַדע), און פון דער יידישער קהילה אין סאַנטיאַגאָ (טשילע)·
פאַר זיי אַלעמען דער טיפער דאַנק פון דעם מחבר·

די שטעלן אין בוך, וואס וואלטן זיי געוועגן צום האַרצן, זאלן זיין געווידמעט זיי — מיין פאָטער, הרב הגי׳ ר׳ בנימין־דב־בער בר׳ הרב הגי׳ ר׳ חיים בייניש, און מיין מוטער, הרבנית מרת פּעשע־הדס בת ר׳ חיים הכהן, זכרונם לברכה, וואָס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט פון ווילנער געטאָ, דורך די היטלעריסטישע רוצחים, אין 1943־סטן י·

י. פּילאָווסקי

אין גאנג

הוצאת
י.ל. פרץ
ישראל

1967

J. Pilowsky

IN GANG

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel.

יעקב פילאָווסקי / אין גאַנג
דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן

פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31.

©

נדפס בישראל, תשכ״ז
Printed in Israel 1967
סודר במסדרת חנון את חנון ; נדפס בדפוס הפועל המזרחי

פון זעלבן מחבר:

פון טשילע

איבער וועגן

טריט אויף דער ערד

אינהאַלט

טשילע

דער טויט פון אַ מלאך 11
שאַטנס 16
פון אַ האַרצשלאַק 22
אויף דער עלטער 29
זי האָט זיך באַוויזן און אַוועק 39
אויסגעטאָרצלט 43
און וואָסיל ליגט אויפן יידישן בית-עולם 72
„יאָכווילניש" 79
דאָבלע פּאָרציע 90

אין גאנג

אַוועק 113
פאַרשטויסן 120
אַ טעות 131
די געטרייע 137

אויף דער ערד פון ישראל

געפונען און פאַרלוירן 155
פאַרלייקנט 165
די שווייגנדיקע קעלנערין 170

ישראל-רעפּאָרטאַזשן

איך האָב דיך געזען ישראל 179
ערשטער טריט 183
אַ בליק אויף ירושלים 185
מאה שערים 187
אַלטע זאַכען 189
קדוש שבת 190
ביי אַן אַראַבישן עקס־חבר־הכנסת 192
אין אַ געצעלט פון אַ בעדויִנער 194
אַ חתונה אין קבוץ 197
אַ יום טוב אין כפר חב"ד 201

מיין שטעטעלע בעלז 204
דאַמען רעכט 206
בעטלער 208
אשכנזים — דיסקרימינאַציע 209
שומרי התור 211
אַ סוף צום קאָנפליקט 213
אינעם פּאָרט פון חיפה 215
מיט אַ מימרא אָפּגעראַטעוועט אַ ראַפּאָרט 217
ביים קיאָסק 219
דער סוד 223
די אויגן פון חייל 225
מיין חבר בערגער 226
עס שלאָפט ניט און עס דרעמלט נישט
דער היטער פון ישראל 228

טשילע

דער טויט פון אַ מלאך

חיים אַלטמאַן, אַ מיטגליד אין דראַמאַטישן קרייז, איז איין אָוונט געקומען צו די חברים, מיט אַ ניי פּאָר־פּאָלק און אָנגעוויזן אויפן מאַן, ווי אויף אַ נייעם טאַלאַנט.

בעת אַלטמאַן האָט פאַרגעשטעלט מאַן און ווײַב, האָט די פרוי, ניט דרײַסט, דערלאַנגט די האַנט, און האָט זי לאַנג ניט געהאַלטן אין יענעמס.

דער מאַן האָט זיך געוויטעוועט מיט אַלעמען, ווי אַן אַלטער גוט באַקאַנטער, און בײַם געבן די האַנט, האָט ער, אנשטאָט צו זאָגן, ווי דער שטייגער איז, — קורץ — זיין פאַמיליע נאָמען, גאָר אַ קלאַפּ אָפּ געטאָן אַ גאַנצן פּזמון:

— וועלוועלע, משה־איטשעס, אַ רעגיסטרירטע מאַרקע פאַר גאַנץ זיד־אַמעריקע.

וועלוול ראַזין — אָדער ווי ער האָט זיך אָנגערופן, וועלוועלע משה איטשעס — האָט זיך גלײַך אײַנגעקויפט אין פרײַנדשאַפט, בײַם עולם.

האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, צווישן אַלעמען, שטיל, ווי אַ קאַטינקע, האָט אָנגעבלאָזן די פּוכקע, רויטע בעקעלעך זײַנע, וואָס זײַנען געווען, מיט גאָלדיק־שטרוי־הערעלעך באַהעלט און האָט אויסגעזען, ווי אַ ברוגזער ייִנגל, וואָס אָט־אָט, באַלד צעוויינט ער זיך פאַר כעס.

פּלוצלינג האָט ער זיך, ברייט און גוטהאַרציק צעלאַכט, און גענומען מאָנאָלאָגירן וועגן זיך, דאָס הייסט וועגן וועלוועלע משה איטשעס..

דער עולם איז גלײַך געווען מיט אים אין שטעטל, דאָרטן געזען

זײַן טאַטן, זײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך, געזונטע און הונגעריקע, שיינע און באָרוועסע, און געהערט די קללות פון דער מאַמען. באַלד איז ער מיט די צוהערערס אַריבערגעקומען קיין אַרגענטינע, קיין בוענאָס איירעס, צו דער אויפנאַמע, וואָס זײַן שוועגערין האָט אים דאָרטן געמאַכט, ווי זי האָט מיט אים אײַנגעקנעלט די תורה פון אַמעריקע.

ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך אַלע בײַ אים געבעטן: דערציילט, וועלוועלע, דערציילט ווײַטער, ביזן סוף.

די מיטגלידער פון דראַמאַטישן קרײַז, זײַנען אַלע געווען „גרינע", ניט לאַנג אין לאַנד. זיי זײַנען געווען די ערשטע יידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן, אין די צוואַנציקער יאָרן, גלײַך נאָך דער היימישער ערד, באַטראָכטן דאָס לאַנד פון טשילע. אַלץ איז פאַר זיי נאָך געווען פרעמד, — ניט נאָר דאָס לאַנד, אירע אײַנוווינער און מנהגים, נאָר אפילו די אַלטגעזעסענע יידן.

די יידן, וואָס זײַנען דאָ געווען פון פריער, האָבן פאַר זיי אויסגעזען, ווי פון אַן אַנדער מין. — איידער זיי זײַנען אָנגעקומען אַהער, האָבן זיי שוין געזען אַ וועלט. זיי האָבן שוין געוווינט אין אַנדערע זיד־אַמעריקאַנער לענדער. דאָס לאַנד איז זיי געווען נאָענט, אייגן, די שפּראַך און די מנהגים צוגעקלעפּט. די אײַנגעזעסענע יידן, האָבן דאָ געלעבט, פרײַ, ברייט, זאָרגלאָז און צעוואָרפן. זיי האָבן שוין געהאַט מיט זיך זייערע פאַמיליעס. און די לעצטע — די „גרינע" — האָבן ערשט געדאַרפט שטעלן די ערשטע טריט, מאַכן דעם שווערן אָנהויב. אפילו דאָס לעבן יידיש, איז זיי אָנגעקומען שווער. זייער יידיש לעבן איז שוין געווען אַ סך אַ פאַרויסיקער, ווי פון די וואָס זײַנען דאָ געקומען פריער.

דאָ אין דעם דראַמאַטישן קרײַז, האָבן זיי זיך געהאַלטן נאָענט, ווי קרובים. זיי האָבן זיך געטוליעט, איינער צו דעם אַנדערן, אונטער די פליגלען פון דעם יידישן וואָרט, געזוכט אַ שוץ פאַר פרעמדקײַט. בעת די רעפּעטיציעס, האָבן זיי זיך געפילט, ווי בײַ זיך אין שטעטל, האָבן פאַרגעסן אין זייער עלנט, און אין וועלוועלע משה איטשעס, האָבן זיי געפונען, נאָך אַ ליבן ברודער, נאָך אַ פרײַנד.

דעם ערשטן אָוונט, וואָס וועלוועלע איז געקומען אין דראַמאַטישן קרײַז, האָט מען זיך באַגנוגנט, מיטן בלויז פֿאַרברענגען צווישן זיך, מיטן באַקענען זיך, מיט טרינקען צוזאַמען אַ גלאָז טיי, און מען איז געווען צופֿרידן, וואָס עס איז צוגעקומען — מיט וועלוועלען — אַ נײַער טאַלאַנט — דער ריכטיקער קאָמיקער, אין וועלכן דער קרײַז האָט זיך גענייטיקט.

בײַ אַ צווייטן אָוונט, איז דער רעזשיסער פֿון קרייז, דער לערער ווײַנשטיין, בײַ וועמען די פּראָבן זײַנען פֿאָרגעקומען, צוגעטראָטן, צו פֿאַרטיילן די ראָלן און באַשטימט וועלוועלע משה איטשעס, פֿאַרן קאָמיקער פֿון דער פּיעסע. אָבער צום גרויסן וווּנדער פֿון אַלעמען, האָט זיך וועלוועלע אָפּגעזאָגט פֿון אויפֿטרעטן אויף די „ברעטלעך". ער האָט זיך אַנטזאָגט צו שפּילן, אין וועלכער עס זאָל ניט זײַן ראָל. ער וויל ליגן אין „בודקע", — האָט ער געטענהט. און עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. וועלוועלע איז באַשטימט געוואָרן, פֿאַר דעם סופֿליאָר פֿון דעם קרײַז. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועלוועלע איז געווען דער אידעאַלער סופֿליאָר. ער האָט פֿאַרמאָגט, אַ טיפֿע ברוסט־שטימע, האָט גערעדט קלאָר, דײַטלעך און ניט געגעבן קיין טאָן זײַנע ווערטער.

וועלוועלע משה איטשעס, האָט ניט געוואָלט שפּילן קיין טעאַטער, פֿאַרן פּובליקום. ער האָט עס אָבער געטאָן, פֿאַר דעם דראַמאַטישן קרײַז גופֿא, דורך זײַנע קינסטלערישע מאָנאָלאָגן.

די מיטגלידער פֿון קרײַז, האָבן שוין געוווּסט אַ שטיק פֿון זײַן לעבן, אויף אויסעווייניק. ער איז אָבער, מיט זײַנע מאָנאָלאָגן, דערגאַנגען, נאָר ביז אַרגענטינע. — געוווּסט האָט מען אָבער, אַז ער איז אַהער געקומען, פֿון בראַזיל.

אין בראַזיל... האָט מען געהערט... אין בראַזיל, האָט מען דערציילט... אין בראַזיל, האָט מען געזאָגט... אַז ער... אַז זי... — מען האָט ניט געוואָלט וויסן, וואָס עס איז געווען אין בראַזיל. — דאָ איז ער געווען, אַ טײַערער יונג, אַ האַרציקער, און זי, — זי איז געווען שטיל, ווי אַ טויב. נאָך שטילער פֿון אַ טויב. אַ טויב וואָרקעט נאָך. און זי — זי פֿלעג אָפּזיצן גאַנצע אָוונטן, אין קרײַז, אַן אַרײַנגעטוענע אין זיך,

מיט אַ פּאָר גרויסע, בלויע אויגן, איבערקערט אויף צוריק, אויף אינעווייניק אַרײַן, ווי זי וואָלט מיט זיי, מיט די אויגן, אַרײַנגעבליקט, טיף, אינעווייניק, אין זיך אַרײַן, אין דעם ווײַט ווײַטן פון איר לעבן, — אין דעם לעבן אירן, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. — ווי זי וואָלט זיך תמיד געוואָלט זען, אַזאַ, ווי זי איז געווען אַ מאָל, אַ מאָל. אַז מען האָט זיך צו איר געווענדעט, אַז מען האָט צו איר עפּעס גערעדט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפער פאַרחושטקײַט און האָט ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אַרום איר און וואָס צו ענטפערן אויף די רייד, וואָס מען האָט צו איר גערעדט. איבערהויפּט פלעגט זי מבולבל ווערן, פון דעם לערערס איידלקײַט צו איר, פון זײַן באַהאַנדלען זי, ווי מען באַדאַרף דאָס אַלעמען. דאַן פלעגט איר וועלוועלע קומען צו הילף, מיט זײַן: חנהלע!

זײַן אַ זאָג טאָן: חנהלע, — שטיל, — ווי מען רעדט צו אַ טויבן — איז געווען, אי אַ גלעט, אי אַ מין באַפעל פון אַ נאָענטן, — ווי אַ באַפעל פון איינעם פון איר וועלט, פון איינעם, וואָס קער זיך איר אָן גאָר אייגן, ווי אַ באַפעל, וואָס קומט אַרויס פון זיך אַליין, פון איר אייגענעם אינעווייניק גופא — און זי האָט אויפגעוואַכט פאַרן אַרום.

וועלוועלע משה איטשעס און חנהלע, זײַנען עטלעכע אָוונטן ניט געקומען אויף די צוזאַמענטרעפן פון פּראָבע. דער עולם איז געוואָרן באַזאָרגט און אומרויק וועגן זיי און באַשטימט אַ פּאָר חברים, וואָס זאָלן געוואָר ווערן, וואָס עס מאַכט דאָס פּאָר פּאָלק.

די חברים זײַנען אָנגעקומען אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. עס האָט זיי געעפנט די טיר, די באַלעבאָסטע פון הויז, ווו די ראָזינס האָבן געהאַט צוויי צימערן, אין דעם הינטער־הויף.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַן עכטע טשילענעריך, אַ ליבנסוויר־דיקע, דיקלעכע פרוי, מיט גרויסע, גוטע, וואַרעמע אַליוון־אויגן, וואָס זײַנען תמיד צעלויכטן מיט אַ פרײַנדלעכן שײַן און זאָגן צו געטרײַקײַט.

ווען זי האָט דערהערט, אויף וועמען זיי פרעגן, איז זי אַרײַן אין פרומען עקסטאַז.

— אויף דאַן גיזשערמאַן, פרעגט איר? אָרעמער, דאַן גיזשערמאַ!

ער קען נעבעך צו זיך ניט קומען. אַזאַ קלאַפּ! אַזאַ קלאַפּ! — דאַניאַ אַניטאַ? — ניטאַ שוין מער דאָס מלאכל, ניטאַ. דער אַלמעכטיקער האָט צוגעהערט איר שטילן געבעט און באַפרײַט איר ריינע, אומבאַ־פלעקטע נשמה, פון דעם פלייש־און ביינערדיקן שטײַג, פון דעם זינדיקן גוף. — אַז איך זאָג אײַך, אַז דאָס איז געווען אַ מלאך, אַ ריינער מלאך! שטיל, ווי אַ טויב, איז זי אויסגעגאַנגען, אָן אַ זיפץ, אָן אַ קרעכץ, ניט קלאָגנדיק זיך אויף קיינעם, — ניט אויף גאָט און ניט אויף לײַט. אפילו די דאָקטוירים האָבן ניט געקענט אויסגעפינען, וואָס עס איז איר געווען. גאָר פּשוט, זי האָט ניט געהערט צו דער וועלט. אַז איך זאָג אײַך אַ מלאך! גאַנצע טעג און נעכט איז זי געלעגן, אַ שווײַגנדיקע ניט עפענענדיק דאָס מויל, אַ וואָרט צו זאָגן, אָדער שפּײַז אַרײַנצונעמען. אָט אַזוי איז זי אָפּגעלעגן די עטלעכע מעת־לעת, מיט פאַרריסענע, בלויע, מלאכים־אויגן. און אַ געבעט איז אין זיי געלעגן, צו גאָט דעם אַלמעכטיקן, צו דעם דערבאַרעמדיקן און חסדימדיקן: דערלייז, דערלייז! און דער גנעדיקער האָט פאַרנומען איר געבעט, — באַפרײַט, איר ערלעכע, ריינע און ליכטיקע נשמה פון דער זינדיקער וועלט און איר אַרונטער־גענומען, אונטער זײַנע פליגלען, צוזאַמען מיט זײַנע געליבטע כרובים.

אָט אַזוי ריידנדיק, מיט אַ תפלהדיקן לשון, און פאַרלירנדיק איין בריליאַנטענע טרער נאָך דער אַנדערער, האָט זי די חברים געפירט, דורך אַ לאַנגן פּראָן (אַ ווײַנשטאָק־סוכה), ווו עס האָט זיך פון ווײַל צו ווײַל אַרײַנגעריסן אַ שטיקל פאַראומערטע האַרבסט־זון, ביז זי האָט זיי אָנגעוויזן, אויף אַ גרויסן, אָן־פענצטערדיקן צימער, וואָס איז געשטאַנען, אַ צעעפנטער, צום הויף.

דער קליינער וועלוועלע משה איטשעס איז געזעסן, אַן אײַנגעקאָר־טשעטער, ניט מיט זײַן פּנים.

די באַלעבאָסטע האָט זיי אַרײַנגעפירט אין צימער אַרײַן און געזאָגט:

— גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר זײַנט געקומען. גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר זײַנט אים געקומען טרייסטן. ער דאַרף אײַער טרייסט. אָרעמער, דאָן גיזשערמאָ! ער דאַרף אײַער טרייסט.

שאָטנס

די פֿאַמיליעס גאָלוב און דאַווידאָוויטש, האָבן געשטאַמט פֿון איין שטאָט. זיי האָבן זיך נאָך געקאָנט פֿון דער היים. אַז זיי האָבן זיך געטראָפֿן, דאָ אין לאַנד, האָט זיך, צעווישן זיי, פֿאַרבונדן גאָר אַן אינטימע פֿרײַנדשאַפֿט. וואָרעם אַחוץ לאַנדסלײַט, זײַנען זיי אויך געוואָרן שכנים. זיי האָבן געוווינט אַ טיר בײַ אַ טיר.

זיי פֿלעגן אין איינעם באַזוכן טעאַטער, אַרויספֿאָרן שפּאַצירן, גיין איינע צו די אַנדערע אויף יום־טובים, און ווו נאָר זיי האָבן געהאַט אַ ביסל פֿרײַע צײַט, אַ פֿרײַען טאָג, האָבן זיי פֿאַרבראַכט צוזאַמען — אַ מאָל בײַ איינעם, אַ מאָל בײַם צווייטן.

צווישן ביידע פֿאַמיליעס האָבן ניט געהערשט קיין סודות און ווען אַלץ אין זייער לעבן, פֿלעגן זיי זיך מישב זיין איינע מיט די אַנדערע.

מען האָט געקאָנט זאָגן, אַז ביידע פֿאַמיליעס — גאָלוב און דאַווידאָוויטש — זײַנען פֿאַרגלידערט געוואָרן אין איין גרויסער משפּחה, — צוזאַמען מיט זייערע קינדער, וואָס זײַנען אויך געווען פֿאַרחברט צווישן זיך.

צווישן זיך זײַנען די פֿאַרלעך געווען קאָנטראַסטן. לייב גאָלוב איז געווען אַן אויסגעאיידלטער אינטעליגענט — אַ לערער פֿון דער היים — און זײַן ווײַב, זשעני, איז געווען, אַ געזונטע, אַ לײַביקע. אירע באַקן האָבן געשפּריצט מיט בלוט. ליפּן, האָט זי געהאַט, פֿולע און נאַשערישע, און אירע אויגן האָבן געפֿלאַמט, מיט לוסט צום לעבן און צו זײַנע פֿאַרגעניגנס.

פֿאַרקערט, איז, בעלאַ דאַווידאָוויטש, געווען אַ צאַרטע און אַ מיני־אַטורנע. איר מאַטער פּנים איז געווען באַלויכטן פֿון אירע גרויסע,

ריידעוודיקע אויגן און באַהעלט פון דעם קלוגן שמייכל איבער אירע קליינע, גוט פאַרמירטע ליפּן. גערעדט האָט זי, שטיל און פאַרחולמט.

איר מאַן, יאַשאַ, איז געווען אַ הויך־געוויקסיקער און ברייט־ביניקער ברונעט. זײַן ליפּ איז געווען באַצירט מיט אַ פּאָר שוואַרץ־גלאַנציקע וואָנצעלעך, און אויגן האָט ער געהאַט — פֿײַער. דאָס לעבן האָט ער גענומען לײַכט און עס האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט מיט גבורה און ענערגיע — ניט צו פאַרהאַלטן.

ער איז געווען — ווי מען זאָגט עס — אַ פּראָסטער חי־וקיים.

אַז זיי פלעגן זיך אויפטרעפן, אַלע פיר, האָט מען אַ שטיקל צײַט פאַרבראַכט צוזאַמען. מען האָט גערעדט, וועגן משפחה־ענינים, וועגן געשעפט זאַכן. אָבער, ניט צו באַמערקן, האָבן זיך די פאַרלעך, פלוצים, געפונען באַזונדער. בעלאַ מיט לייבן, האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל, וועגן טעאַטער, מוזיק, ליטעראַטור, — אינטעליגענטישע זאַכן — און פון דעם אַנדער ווינקל האָט זיך געהערט דאָס געזונטע לאַכן פון זשעניין מיט יאַשאַן. זיי האָבן דערציילט וויצן, עפּיזאָדן, חכמות פון די קינדער און סתם נײַס פון שטאָט.

אַ סך יאָרן האָבןביידע משפחות אַזוי געלעבט צופרידן — ווי מען זאָגט — אין שלום און אין נחת.

נאָר מיט אַ מאָל איז דאָס גליק אין דער גרויסער, דאָפּלטער משפחה, צעשטערט געוואָרן.

אַ קראַנקײַט האָט זיך אין איר אַרײַנגעריסן.

די קראַנקײַט איז געווען אַ שווערע. זי האָט פאַרצערט דאָס לײַב, אויפגעגעסן דאָס פעטס פון גוף, צוגענומען די ענערגיע בײַם קראַנקן און אויך זײַן פאַטענץ.

און עס האָט פונקט אַזוי געטראָפן, אַז די זעלבע קראַנקײַט האָט זיך, אין דער זעלבער צײַט, אַרײַנגעכאַפּט אין ביידע משפחות. פון איין זײַט בײַ בעלאַ דאַווידאָוויטש, און פון די צווייטער — בײַ לייב גאָלובן.

פון דאַן אָן — אַז די צוויי פאַרלעך האָבן זיך געטראָפן — האָבן זיי זיך אַלץ מער אָפּגעזונדערט איינס פון דעם אַנדערן.

אין איין ווינקל זיצט לייב גאָלוב מיט בעלאַן. איצט האָט זיי

פאַרבונדן, צווישן זיך, ניט נאָר די נאָענטקייט פון זייערע כאַראַקטערן, די זעלבע אינטעליגענץ, נאָר אויך די זעלבע ליידן, דער איין און דער זעלבער גורל, און דער נאָענטער סוף.

זשעני מיט יאַשאַן, האָבן סתם געקלעפּט איינער צו דעם אַנדערן.

עס טרעפט אַ מאָל, זיי זיצן, אַלע פיר, בײַ אַ קערטל. זיי זײַנען, דוכט זיך, אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין שפּיל — זיי זעען גאָרניט און טראַכטן וועגן קיין זאַך ניט, אַחוץ די קאָרטן. אָבער מיט אַ מאָל הויבט אַרויס יאַשאַ זײַן קאָפּ פון די קאָרטן. זיין פּנים איז רויט־צעצונדן, די אויגן צעפלאַמט מיט פײַער. ער גייט דורך, — מיט די אויגן זײַנע — איבער זשעניס פּנים, איבער אירע שטײַפע ברוסטן, איבער איר גאַנצן גוף און טראַכט:

— אַ טעות, ברודערקע, אַ טעות! מיר — איך מיט זשענין — זײַנען גאָר די ריכטיקע פּאָר. אײַ, וואָלטן מיר געווען גליקלעך! אײַ, וואָלטן מיר דאָס געלעבט!

ער כאַפּט זיך אָבער באַלד, אַז ער האָט זיך צו פיל פאַרטראַכט און שפּילט אַרויס זײַן קאָרט, אויף אַ צו הויכן קול:

— טריומף!

אַ מאָל פאַרטראַכט זיך בעלאַ. זי הויבט אַרויס אירע גרויסע, ריידעוודיקע אויגן פון אירע קאָרטן, גלעט אַרום מיט זיי גאָלובן פון קאָפּ ביז די פיס און זיי זאָגן אַזוי — די אויגן — מיט טרויער:

— זיי איז גוט. זיי זײַנען געזונט. זיי וועלן אונדז איבערלעבן. זיי וועלן אונדז ירשנען. ווען מיר וועלן ליגן אין דער ערד, וועלן זיי לעבן גליקלעך. ווען מיר ביידע, איך און לייב, זיינען כאָטש צוזאַמען, וואָלטן מיר לענגער געלעבט. און ווען מיר זאָלן לעבן אפילו ווייניקער, וואָלטן מיר אייביק געלעבט, ווייל גליק איז אייביקײַט.

יאַשאַ רײַסט זי איבער פון איר פאַרטראַכטקײַט:

— טשע, (אַ ווענדונג צו אַ נאָענטן) בעלאַ, וואָס האָסטו זיך דאָס אַזוי פאַרקלערט? שפּילסט אין קאָרטן, צי דו טראַכסט וועגן דעם לעצטן בוך, וואָס דו לייענסט?

בעלאַס פּנים העלט אויף, אַ רגע, פון דעם אײדלען שמייכל, וואָס צעשפּילט זיך אויף אירע ליפּן און מיט פּאַרלעגנהײט זעצט זי פאָר, גלײַכגילטיק, דעם שפּיל.

די ערשטע איז אײַנגעפאַלן בעלאַ. אַ גריפּע האָט זיך צו איר צוגעטשעפּעט און זי האָט קאָמפּליצירט און פאַרערגערט איר שטענדיקע קראַנקײַט.

גאָלוב איז ניט אָפּגעטראָטן פון בעלאַס בעט. טאָג און נאַכט איז ער געזעסן לעבן איר — געקוקט אויף איר און געשוויגן. בעלאַ האָט קיין כח ניט געהאַט צו ריידן.

דעם לעצטן פאַרנאַכט פון איר לעבן, זײַנען זיי געבליבן אַליין.

די האַרבסטיקע, אָוועקגייענדיקע זון האָט זיך געלאָשן, פאַרן געזעגענען זיך מיט דער וועלט. און איידער זי האָט זיך געזעגנט מיט בעלאַן אויף אייביק, האָט זי איר צוגעוואָרפן אַ לעצטן שטראַל.

דער שפּיץ פון שניי־באַרג, האָט אַרײַנגעבליקט דורך אַ פענצטער, מיט אַ שוואַכער ראָזקייט, אויף וועלכער ער איז איצט געפאַרבט געוואָרן, דורך דער אָפּגייענדיקער זון.

די זעלבע, איידעלע ראָזקייט, האָט זיך געשפּילט אויף די גוססדיקע ליפּן פון בעלאַן.

בעלאַ האָט אַנגעשטעלט אויף גאָלובן אירע אויגן. זיי האָבן גערעדט צו אים די זעלבע רייד פון תמיד:

— אײַ, ווען מיר וואָלטן דאָס געקענט זײַן צוזאַמען!

זי האָט אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט. גאָלוב האָט ניט געוווּסט, צי איז דאָס אַ מאַך מיט דער האַנט פון יאוש, אָדער זי רופט אים צו זיך.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי געגלעט דעם הויכן שטערן, אירע זײַדענע, נאָכגיביקע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך דעם לעצטן אַראָמאַט און זי איז רויִק און אויף אייביק אײַנגעשלאָפן.

דער טויט פון בעלאַן, האָט מער פון אַלעמען געטראָפן, לייב גאָלובן. דער צער, די אויסשעפּונג פון ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן, האָט אים, דעם אַזוי אויך קראַנקן, צעבראָכן און אָוועקגעלייגט. ער האָט נאָך געלעבט עטלעכע טעג. דאָס איז געווען אַן אויסגעמישט לעבן —

פון חלום און וואָר. זיין מח איז געווען אָפּגעשוואַכט און געאַרבעט שנעל און אָן קאָנטראָל.

אָט הערט ער, בפירוש, בעלאַס קול. זי רופט אים ביים נאָמען. ער קערט זיך צו איר. זי איז נישטאָ.

אָט זעט ער דעם פּאָך פון איר האַנט — ווי אין דעם לעצטן פאַרנאַכט פון איר אויסגיין. די האַנט רופט אים, מאַניעט אים צו זיך:

— קום, קום, זאָל זיין אויף אַ ווייל. איין רגע פון גליק איז אייביקייט.

— —

— —

אין פינף טאָג אַרום האָט זיך די זעלבע שוואַרצע עגלה, מיטן מגן־דוד, וואָס האָט צוגענומען בעלאַן, אָפּגעשטעלט אויף דער זעלבער גאַס און אויף דעם אייגענעם אָרט. זי איז איצט געקומען, אַוועקנעמען גאָלובן.

די גאַס איז געווען שוואַרץ, באַלאַגערט פון באַקאַנטע און שכנים. די אויסטערלישקייט פון דעם טויט, וואָס האָט געטראָפן איז אַזאַ קורצע צייט ביידע שכנים, וואָס האָבן געליטן אויף דער זעלבער קראַנקייט, האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די הייזער.

זיי האָבן קאָמענטירט:

— גאָלוב איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער פרוי דאַווידאָוויטשעס טויט. זי האָט אים אַוועקגערופן צו זיך אין קבר אַריין.

— —

— —

נאָכן טויט פון בעלאַן און גאָלובן, האָבן די באַקאַנטע, די גאַנצע וועלט, פלאַנירט און איינגעזען אַ גוטן שידוך צווישן זשענין און יאַשאַן. ביי איר איז געשטאָרבן דער מאַן, ביי אים די פרוי, זיי קענען זיך פון לאַנג, זיינען גוטע פריינד — וואָס קען נאָך זיין בעסער?!

אָבער פריער האָט זיי דער טרויער זיך ניט געלאָזט דערנענטערן איינער צו דעם אַנדערן. נאָך דעם, אַז דער טרויער איז שטילער געוואָרן,

האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי, ווי אַ מחיצה, עפּעס אַ מין שולדיקייט־געפיל, וואָס זיי האָבן ביידע געשפּירט.

עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז דאָס זײַנען זיי שולדיק אין דעם פּריצײַטיקן אַוועקגיין פון דער וועלט, פון בעלאַן און לייבן, צוליב דעם פאַרגנבעטן באַגער איינער צו דעם אנדערן — אפשר איז בײַ זיי געלעגן אַזאַ באַהאַלטענער ווילן, אַז זיי זאָלן זיי פרײַ מאַכן דעם וועג...

די צײַט האָט אָבער אויך די דאָזיקע מחיצה צעבראָכן. אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך בעלאַס און לייבס טויט, האָבן זשעני מיט יאַשאַן חתונה געהאַט.

זשעני מיט יאַשאַן זײַנען געווען אַ צוגעפּאַסט און גליקלעכע פּאָר. זיי זײַנען פּונקט געווען אין זייער אויסגערײַפטן עלטער. זיי האָבן זיך ליב געהאַט און געגאָסן איינער פון דעם אַנדערן, שטילנדיק זייער אַ לאַנגן באַגער און זייער געשלעכטלעכן הונגער.

עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן איצט, מיט זייער צוזאַמענלעבן, אויסגעבעסערט אַן אַלטן טעות, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן.

אָבער עס האָט אָפט מאָל פּאַסירט, אַז אין העכסטן עקסטאַז פון זייער צערטלען זיך, אין סאַמע ברען פון זייער ליבע, ווען זיי זײַנען געלעגן צוגעטוליעט, באַהעפט און אַרומגענומען, ווען זיי האָבן געוואָלט זעטיקן זייער ליבשאַפט צו אַן אַנדער, זײַנען זייערע קערפּערס פּלוצים אָפּגעפאַלן אָן אַ זײַט, שלאַבערדיקע, ווי אָן לעבן אין זיי.

דאָס האָבן די שאָטנס פון די טויטע — פון בעלאַן און לייבן — דאַן זיך באַוויזן צו זיי און געוואָרפן אַ בליק פון פאָרוואורף אין זייער זײַט:

— איר האָט אונדז גערשנט! איר האָט אונדז גערשנט!

.1963

פון אַ האַרצשלאַק

אהרן עלמאַן האָט דערזען אַ ליכטיקן אינדזל אינמיטן פון דער גאַס — ווי עס וואָלט זיך אַ שטיק טאָג אַרײַנגעריסן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אַ באַלויכטענער שילד האָט, מיט גרויסע אותיות, אויסגעשריען דעם נאָמען פון אַ נײַעם רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך אויף דעם אָרט, ניט לאַנג געעפנט — „די וועלט״.

דורך די ליכטיקע פענצטער פון רעסטאָראַן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פון אונטן, פון דער ערד, און דערגרייכט ביזן באַלקן אַרויף, דורך די הויכע, גלעזערנע טירן, האָט ארויסגעקוקט די נײַקײַט פון דער אײַנריכטונג, פון די באַקוועמע מעבל און פון דעם גאַנצן אינעווייניק. אַרום די טישלעך, אין דעם פאָדערשטן טייל פון רסטאָראַן, זײַנען געזעסן גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן אַליין אויך אויסגעזען, ווי באַנײַטע, האָבן געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך, — געזופּט דעם שוימיקן ביר פון די גלעזער, דעם רויטן ווײַן, און פאַרביסן מיט זייערע אויסגעקליבענע, באַליבטע מאכלים.

די פרייד, דאָס ליכט און די געשמאַקע מאכלים, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין דרויסן אַרויס, האָבן געוועקט דעם אַפּעטיט ביי די פאַרבײַגייערס און זיי פאַרבעטן:

— אַרײַן!

עלמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז געווען נײַן אין אָוונט. זײַן גוף מיט אַ נאָג אין האַרצן און מיט אַ שוואַכקײַט אין אַלע אברים, — האָט געטאָן דאָס זײַניקע, — האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך אַ גאַנצן טאָג, כמעט גאַרניט געהאַט אין זײַן מויל. ער

איז אַרײַן אינעווייניק. אַ פּאָרטיער איז אים אַנטקעגן געלאָפן און פֿאַרבעטן אין עס־צימער אַריין, וואָס איז געשטאַנען, אַ רעזערווירטער, אין הינטערגרונט פֿון דער געבײַדע. די טירן האָבן זיך פֿאַר אים ברייט געעפֿנט און ער האָט דערזען פֿאַר זיך, אַ רחבותדיקן זאַל, וועמענס סוף מען קען קוים באַמערקן. דער עס־זאַל איז געשטאַנען אַ פֿאַרפּלייצטער פֿון ליכט און עס אין דאָרטן געווען ליכטיקער, ווי אין מיטן העלן טאָג.

אַ הויך און פֿעסט־געבויטער קעלנער, אַ סימפּאַטישער ברונעט, געקליידט אין זײַן פּייערלעכן פֿראַקן־טראַכט, פֿון וועלכן עס האָט ברייט אַרויסגעקוקט די ווײַסקייט פֿון העמד, וואָס איז געווען באַדעקט נאָר מיט אַ קליין, שוואַרץ שלייפֿל בײַם קאָלנער, האָט זיך צירלעך פֿאַרנויגט פֿאַר עלמאַנען, האָט אים געהאָלפֿן אַראָפּציען זײַן מאַנטל, פֿרײַנדלעך געשמייכלט צו אים, מיט זײַנע ווײַסע, געזונטע ציין, מיט דעם גלאַנציקן שײַן פֿון די אויגן און געניט באַוועגט מיט זיין שרײַב־פּענדל, כדי אויפֿצונעמען די באַשטעלונג.

עלמאַן האָט באַשטעלט קאָנסומע מיט אַן איי און געפּרעגלטע פֿיש מיט רײַז.

— און עפּעס צום טרינקען?

— אַ ביר.

דער קעלנער האָט זיך שנעל צוריקגעקערט צו עלמאַנס טישל, און ברידערלעך־פֿאַמיליער אים אָפּגערעדט פֿון זײַן באַשטעלטן מעניו.

— איך ראַט אײַך אָפּ פֿון דעם פֿיש. ער שטייט שוין עטלעכע טעג אין פֿריר־קאַסטן. סערווירט זיך בעסער אַ פֿרישן פּילעט.

— גוט. פּערפֿעקט.

עלמאַן האָט זיך גענומען צו זײַן מאָלצײַט. יעדע לעפֿל פֿון דעם הייסן נאַרהאַפּטיקן זופּ, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען, יעדער ביסן פֿון דעם זאַפּטיקן פֿלייש, וואָס ער האָט פֿאַרצערט, האָט געצונדן, געוועקט אין אים זײַן פֿאַרהונגערטן בלוט, און גערעגט זײַן פֿאַרחלשטן האַרץ.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן, אַרום זיך. בײַ די צענדליקער טישלעך, אין זאַל, זײַנען געזעסן גאַנצע משפּחות — מאַן,

ווײַב און קינדער — גרופּעס גוטע פרײַנד, פאַרלעך, וואָס זעען זיך צו איינער דעם אַנדערן, און נאָר ער זיצט אַליין — אַליין מיט זיך און אין זיך — און געניסט נאָר פון דער פרײַנדשאַפט און דער השגחה פון דעם פרעמדן קעלנער.

נאָכן עסן האָט ער באַשטעלט אַ קאָניאַק, וואָס זאָל אַראָפּזעצן דאָס עסן און אַ שוואַרצע קאַווע.

עלמאַן האָט זיך צעצאָלט מיטן קעלנער, אים איבערגעלאָזט טרינק־געלט אויפן טישל און האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין. דער זייגער איז שוין געווען דריי־פערטל צען, און צען אַ זייגער האָט ער זיך געדאַרפט טרעפן מיט אַ פּאָר מענטשן. נאָר מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערפילט שלעכט. דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן, ווי בײַ אַ גזלן, געהאַמערט, זיך געוואָלט אַרויסרײַסן דורכן גאָרגל. אין קאָפּ האָט גערוישט, ווי אַ מאָטאָר און אַ קוואַל שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זײַן פּנים, אויפן שטערן, אויסגעצוואָגן די האָר פון זײַן קאָפּ און אויסגעווייקט זיין העמד. ער האָט זיך געוואָלט שטאַרקן, זיך געפּרוּווט אויפהויבן, געזוכט, מיט די אויגן, זיין מאַנטל, אָבער ער האָט דערשפּירט אַ וואַקלעניש. אַלץ אַרום אים האָט זיך געדרייט, געשפּרונגען, די קולות, דאָס געשריי פון די מענטשן, האָבן צו אים דערגרייכט, ווי פון יענער וועלט.

ער האָט זיך צוריק, שווער אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן בענקל.

ער האָט ווײַט געקוקט צו דער ענד־וואַנט פון זאַל:

— וואָס טוט מען? אפשר איז דאָרטן ערגעץ־ווו דאָ אַ צימער, — אַ צימער פון אַ דינער? אפשר איז דאָרט פאַראַן אַ בעטל? רוען. זײַן איינציקער באַגער איז געווען רו. — אײַנזינקען אין אַ טיפן שלאָף. עס האָט אים געצויגן צו דער ערד, — אַבי ליגן.

ער האָט געהאַלטן אין איין ווישן זײַן פּנים, דעם שטערן, די האַלדז, הינטערן קאָלנער פון העמד. דאָס טיכל איז שוין געווען פּיטש־נאַס. ער האָט מיטן טיכל געוואָלט פאַרווישן פון פּנים, ניט נאָר דעם שווייס, נאָר זײַן פּײַן און צער. אָבער פאַרקערט, — דאָס בלוט האָט זיך פון דעם אַ רעק געטאָן און געשלאָגן, אַנגעצונדענערהייט, צום פּנים און קאָפּ.

זיין מח האָט נאָך געאַרבעט, שנעל־שנעל. ער האָט געטראַכט, וואָס עס האָט אים געקענט פאַרשאַדטן: די שפּייז, דאָס עסן אויף אַן אויסגעהונגערטן מאָגן, דער קאָניאַק, די קאַווע, דער ציגאַרעט, צי גאָר דער פּאַרדרוס? דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקענט טאָן איז — אויסלעשן דעם ציגאַרעט. די איבעריקע זאַכן האָט ער דאָך שוין ניט געקענט צוריקציען.

ער האָט באַטראַכט זײַן טישל און אין זיך, פון זיך אַליין, געלאַכט:

— אַ גאַנצער מאַנסביל בינסטו מיט אַ מאָל געוואָרן: קאָניאַק, קאַווע, ציגאַרעטן און עסן אין רעסטאָראַנען.

ער האָט געוווּסט, אַז זײַן קערפּער זײַנען פרעמד די אַלע זאַכן, אַז זײַן גוף וויל ניט אויפנעמען דעם קאָקאַין, דעם ניקאָטין און דעם אלקאָהאָל. ער ניצט ערשט איצט די דאָזיקע אַלע זאַכן פאַר דער לעצטער צײַט, זינט ער האָט געליטן די שרקלעכע אַנטוישונג, — זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן ריווע איז אים געווען אומטרײַ. די דאָזיקע אַנטוישונג איז צו אים געקומען אומגעריכט און האָט אים אין גאַנצן דערהרגעט, פאַרטשמעליעט. סטײַטש זײַן ריווע, זײַן ריווע! ער האָט דאָך אין איר געגלויבט, ווי אין אַ גאָט. ווי האָט זי דאָס געקענט טאָן, אים!

ריוועס אומטרײַשאַפט, גייט אים תמיד נאָך, ווי אַ שאָטן. ער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן ריווען אין די אָרעמס פון אַן אַנדערן, — אַז אַן אַנדערער זאָל קענען טרינקען פון דעם קוואַל פון איר ליבשאַפט, דורך אירע ליפּן, דורך די זעלבע ליפּן, פון וועלכע ער האָט געטרונקען אַ פאַרשיכורטער. ער האָט געמיינט, אַז נאָר אים האָט זי זיך געקענט אָפּגעבן און מער קיינעם ניט אויף דער וועלט.

ער האָט איצט געזען ריווען, אין אַ דאָפּלט־געשטאַלט, — זײַן ריווען, די איינציקע פאַר אים, די איינע, וואָס ער איז געווען מסוגל צו ליבן, און אַן אַנדער ריווען, אַ פרעמדע, אַזאַ וואָס ער האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז זי קען אַזוי זײַן.

ער איז געקראָכן אין איר הויט, געדורנגען אין איר לעבן, אין איר נשמה, — געוואָלט אויסמעסטן, שפּירן אירע געפילן. ער האָט איר

צײַטנװײַז געליבט מיט אײַפער ביז משוגעת, און מאָמענטװײַז געהאַסט, מיטן גאַנצן גאַל. ער האָט זיך אַליין אויסגעלאַכט, געזידלט, זיך אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען, שוטה, טפש, אידיאָט, — פאַר זײַן נאַיווע גלויבן, פאַר זײַן אומבאַגרעניצטן צוטרוי, פאַרן אַרײַנלייגן און אויסהאָדעווען אין איין מענטשן זײַן גאַנצע ליבשאַפט.

— זי איז דאָס אינגאַנצן ניט ווערט.

עלמאַן האָט אָנגעהויבן צו קוקן טונקל אויף אַלץ, — אויף מענטשן, אויף זאַכן, אויף דער גאַנצער וועלט — און אין גלי פון ציגאַרעט, האָט ער געזוכט דעם שײַן פון זײַן אַמאָל, די קאַווע — האָט ער געוואָלט — זאָל אים וועקן פון זײַן גלײַכגילט, דער אַלקאָהאָל זאָל אָנצינדן אין אים דעם קוראַזש, און אין רעסטאָראַן, האָט ער געזוכט, אַ מקום־מקלט פון זײַן פאַרפינצטערטער היים, פון וועלכער ער האָט געוויכט.

דאָס לעצטע, וואָס עלמאַן האָט געשפּירט און געהערט, איז געווען, זײַן אייגענעם, אײַנגעהאַלטענעם, געצוימטן ברומען, — אַ ברומען פון אַ חיה, בײַם פאַלן אַ פאַרווונדעטע.

— —

— —

אַז עלמאַן איז צו זיך געקומען, האָט ער דערזען, אַרום זײַן טישל, אַ סך מענטשן, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערהערט, איז געווען:

— שוין!

— דו האָסט אונדז פאַרשאַפט אַ סך אַרבעט — האָבן די אַרומיקע גוטמוטיק געשמייכלט צו עלמאַנען. האָסט ניט געשפּירט, ניט דאָס פּאַכן מיט די טיכלעך און אפילו ניט, ווען מיר האָבן באַוויזיגן דײַנע אָרעמס. בינסט קראַנק אויפן האַרץ? אפשר זאָל מען ברענגען אַן אַמבולאַנס?

— —

— —

עלמאַן איז געלעגן אין זײַן בעט און איבערגעטראַכט וואָס עס איז מיט אים ניט לאַנג געשען. ער האָט געשפּירט דעם טעם פון עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל פאַרזוכט, — דעם טעם פון טויט. אייגנטלעך איז דאָס גאָרניט אַזאַ ביטערער טעם. עס האָט אין גאַנצן ניט קיין טעם. עס איז בכלל ניטאָ אַזאַ זאַך ווי טויט. מען הערט נאָר אויף צו לעבן און שווײַגן.

מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט, ווי ער פאַלט אַרײַן אין אַ שלאָף. עפּעס אַ מאָדנער שלאָף. דער שלאָף באַשטייט פון אַ תהום פון פינצטערניש און ער לאָזט זיך דאָרטן אַראָפּ, טיפער, טיפער, נידעריקער, נידעריקער...

— —

— —

ווען ריווע איז אויפגעשטאַנען, אין דער פרי, האָט זי געזען אהרנס גוף זיך בערגלען, אונטער דער קאָלדרע. ריווע איז ניט געווינט צו טרעפן אהרנען אין בעט ווען זי דערוואַכט. ער שטייט תמיד אויף פריער פון איר. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אין אהרנס זײַט און זיך אָנגעטראָפן, מיט אהרנס פאַרגלאָצטע אויגן, וואָס האָבן גלייך געקוקט אויף איר.

וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, אהרן!? איך וויל ניט דו זאָלסט אַזוי אויף מיר קוקן!

פון אהרנס בעט איז קיין ענטפער ניט געקומען.

ריווע האָט דערנענט צו אהרנען. זי האָט אים געוועקט, געטאָרקעט, נאָר אהרן איז געבליבן אומבאַוועגלעך. זי האָט געשריגן, געמאַכט געוואַלדן. עס זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן שכנים און משפחה.

דער דאָקטער, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן, האָט פעסטגעשטעלט: געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק.

די דאָזיקע ווערטער — פון אַ האַרצשלאַק — האָט ריווע נאָך דעם אַ סך מאָל געהערט און אַליין איבערגעחזרט.

— וואָס איז געווען אײַער אהרנען? ער איז דאָך געווען אַ געזונטער, קיין מאָל קראַנק ניט געווען. פון וואָס איז ער געשטאָרבן.

— פון אַ האַרצשלאַק.

— אַזוי, פון אַ האַרצשלאַק? ער האָט דען אַ מאָל געליטן אויפן האַרץ?

— ניין, ער האָט קיין מאָל ניט געליטן אויפן האַרץ, נאָר זײַן האַרץ האָט געליטן... — האָט זיך אַ מאָל ריווע אַרויסגעכאַפּט — אָבער גלײַך האָט זי אָפּגעהאַקט:

— פון אַ האַרצשלאַק. יאָ, פון אַ האַרצשלאַק.

.1962

אויף דער עלטער

ראובן זאַלקינד האָט זיך דערנענטערט צו זײַן שטוב. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע, נאָכלאָזיקע און גלײַכגילטיקע טריט. זײַן אָנגע־לאָדענער קאָפּ האָט זיך פון שווערקײַט געוויגט אויף אַראָפּ און מיטגעבויגן דעם רוקן.

אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק. די זון האָט געוואָרפן אַ בלייכן בליק אויף דער וועלט, איידער זי איז אַוועק.

ראובן איז געגאַנגען, מיט די אויגן אַראָפּ. ער האָט גאָרניט געזען און גאָרניט באַטראַכט. ער האָט אַפילו ניט געזען די פאַרפלאָמטע זון פאַרן אונטערגיין, ניט אַרײַנגעקוקט איר אין פנים אַרײַן.

פריילעכע, יוגנטלעכע אויסגעשרייען, אין וועלכע עס זײַנען געווען פאַרמישט די קולות פון זײַנע אייגענע קינדער, און בראַזגענדיקע קלאַנגען פון טאַנץ־מוזיק, האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער געפינט זיך שוין עטלעכע טריט פון זײַן הויז.

ראובן האָט אויפגעעפנט די טיר. דער גרויסער האָל איז געשטאַנען אַ העל באַלויכטענער, אונטער אַלע זײַנע לאָמפּן. אַ דינער וואָלקן פון ציגאַרעטן־רויך, האָט זיך געשפּילט מיט די עלעקטרישע שטראַלן. אין מיטן האָל האָבן זיך פאָרלעך, התלהבותדיק געדרייט, מיט באַהאָפטענע גופים און מיט פאַרדביקהטע פנימער.

אַניטאַ איז געזעסן, — מיט איר גאַנצער ברייטקײַט און שווער־קייט — אַ צעגאָסענע, אין אַ סעזשלאָנג און האַרציק אָנגעקוואָלן פון דעם גאַנצן אַרום.

צווישן טאַנץ און טאַנץ, האָט זיך דער עולם געקוויקט, מיט דעם פרישן קיל־באַטעמטן פּאָנטש, — וואָס נאָר אַניטאַ האָט אַזוי גוט געקענט

צוגרייטן — און איז הייטערער געוואָרן. די קולות האָבן זיך — פון זיך אַליין — פון די ברוסטן געריסן און איינער האָט דעם אַנדערן געמוזט איבערשרײַען.

ראובן האָט זיך, זײַטיק, אדורכגעשלײַכט, דורכן האַל, ווי פון קיינעם ניט באַמערקט, און איז אַרײַן צו זיך אין צימער.

אין זײַן צימער האָט ער געפונען אַ מקום־מקלט פאַר זיינע לעצטע יאָרן.

אויף אַ גרויסן שרײַב־טיש, זיינען געלעגן אָנגעוואַלגערט, גאַנצע שטויסן אַלטע ספרים: מחזורים, סידורים, תנכן מיט אַלערליי פירושים, אַ משניות, עטלעכע גמרות און אַנדערע פון דעם מין. ער האָט די דאָזיקע ספרים צוזאַמענגעשלעפט, פון וואַנען ער האָט נאָר געקענט.

שעהן־לאַנג, בײַ טאָג און בײַ נאַכט, זיצט ער אָפּ אין זײַן צימער, איז מעין אין די ספרים און זינגט דערבײַ אונטער אַ גמרא־ניגון, ווי אַ מאָל אין דער ישיבה. ער קען שוין אָט די ספרים. ער האָט זיי שוין אַ מאָל געלערנט. אָבער איצט זײַנען זיי פאַר אים נײַ. אַלץ פאַרשטייט ער איצט אַנדערש. ווי אויף אָפּגעפונענע אוצרות, קוקט ער אויף די ספרים. אַ שאָד. ווי לאַנג קען ער נאָך פון זיי געניסן? — און ווען זיי איבערצולאָזן האָט ער אויך ניט.

אָבער דאָס מאָל קען ער רויק ניט מעין זײַן אין די ספרים. ער האָט היסח־הדעת. די קולות, די שרײַענדיקע מוזיק־קלאַנגען, וואָס קומען פון האָל, לאָזן זיך אים ניט פאַרטיפן אין לערנען.

— יאָ — לאַכט ער אין זיך, סאַרקאַסטיש, דערמאָנענדיק זיך אָן זײַן עלטערער טאָכטער, — עס איז שוין צײַט פאַר איר כלי־זמר צו הערן. עס איז שוין צײַט צו דערלעבן נחת פון איר. זי איז שוין ראוי־לחופה.

און דאָס געלעכטער ווערט ביטערער און בײַסיקער. ער רייצט זיך מיט זיך גופא און שפּאָט אָפּ פון זיך אַליין:

— פון ווען אָן באַנוצסטו דאָס אַזעלכע ווערטער? אַזעלכע אויסדריקן? — פירן זי צו דער חופה? — זי וועט זיך אַליין פירן... נחת? — נחת פון וואָס? — פון באַגלייטן זי אין קלויסטער אַרײַן?...

ער האָט זיך פּלוצלינג אַרומגעעזן, אַז ער האָט פאַרלוירן זײַנע עטלעכע צענדליק יאָר, אַז ער האַלט שוין בײַם סוף.

אין דער אמתן, פילט ער זיך ניט אַלט. ער שפּירט ניט אויף זיך די זקנה. ער איז נאָך בײַ זײַנע אַלע כחות. אדרבה, ער האָט איצט אָנגעהויבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן. אַלץ רײַפט אין אים. ער באַנעמט אַלץ בעסער און פאַרשטייט אַנדערש. אָבער ער הערט, אַז מענטשן אין זײַן עלטער, רופט מען שוין, זקנים. איבערהויפּט אין דעם לאַנד.

אים גייט ניט אָן זײַנע יאָרן. עס אַרט אים אויך ניט, וואָס מענטשן זאָגן. איין זאַך ווייס ער נאָר, אַז עפּעס איז אין אים, אינעווייניק, צעבראָכן געוואָרן און עס איז שוין שפּעט דאָס צו פאַרריכטן.

פריער האָט ער געהאַט אַ דרך אין לעבן און ער האָט אים, דעם וועג, איצט, אין סוף פון זײַן גאַנג, פאַרלאָרן.

אמת, ער האָט שוין אין זײַן לעבן געהאַט אַ פּאָר איבערברוכן. אָבער דאָס איז געווען אין זײַן יונגקײַט, — דאַן זײַנען די ריסן, לײַכט פאַרגאַנצט געוואָרן. אָבער איצט? — איצט איז צו שפּעט...

— —

— —

ראובן זאַלקינד האָט געשטאַמט פון רביישן גזע. די ערשטע יאָרן פון זײַן לעבן איז ער געגאַנגען אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון זײַנע אבות. אַז ער האָט נאָך דעם איבערגעריסן מיט זײַן אַרום און איז אַוועק צום סאָציאַליזם, איז דאָס געווען אַ המשך פון זײַן פריערדיקן גאַנג אין לעבן. וואָרעם גאָט, האָט ער באַנומען, ווי דעם גאָט פון גערעכטיקײַט, און זײַן תורה, — ווי די לערע פון יושר.

פריער, אין דער ישיבה, איז ער געווען אַן עילוי און נאָך דעם האָט ער, מיט זײַנע כשרונות און דעם ברען צו דער תורה, זיך אַרײַנגעוואָרפן אין בויען אַ נײַע וועלט — די וועלט פון צדק.

אין אַ גלאָז מילך האָט ער געזען דאָס חיות פון אַ קינד. אין אַ בגד און אין אַ פּאָר שטיוול, האָט ער געזען דעם קיום פון דעם מענטשלעכן

מין, און פאַר דעם האָט ער געקעמפּט, מיט עקסטאַז, מיט התלהבות און מסירות־נפש.

ראובן זאַלקינד איז גיך געוואָרן אַ שם־דבר אין דער באַוועגונג. ער איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטעטל — אונטער די גרעסטע סכנות — און פאַרשפּרייט זײַן נײַע תורה. זײַן נאָמען האָט געקלונגען ווי אַ לעגענדע — פאַר זײַן ערלעכקײַט, זײַן איבערגעבנקײַט, פאַר זײַן לויטערן שכל און פאַר זײַן העלדישקײַט.

ראובן האָט פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרשיידענע תפיסות, פריער אין פוילן און נאָך דעם, ווען ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן — די תפיסות פון דרום־אמעריקע. אָבער ער איז פון דעם ניט צעבראָכן געוואָרן. ער איז געגאַנגען, אַ מוטיקער, אַ שטאָלצער און אַ גלויביקער, אויף דעם וועג, וואָס ער האָט געפונען.

ווי אַלע אַנדערע פון זײַן קרײַז, האָט ער אויך געהאַט זײַן מיידל, זײַן „חברטע״. ער האָט זי נאָך אַראָפּגעבראַכט פון פוילן, ווו ער האָט זיך מיט איר געהאַט פאַרבונדן.

דעם ענין „קליידל״, האָט מען גענומען לײַכט, אין דער באַוועגונג. עס איז געווען אויסערן מנהג, צו לייגן צופיל אַכט אויף דעם.

געלעבט האָט מען, ווי און ווו עס האָט זיך געמאַכט. זאַלבעטלעכע. הײַנט בײַ איינעם, מאָרגן בײַ אַן אַנדערן — איבערהויפּט בײַ דעם, וואָס האָט געהאַט ארבעט.

אָבער, ווען ראובן האָט זיך געכאַפּט, אַז זײַן זלאַטקע טיילט זיך מיט איר ליבע, איז ער דערפון דערשיטערט געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער „ענין קליידל״ איז גאָרניט אַזוי פּשוט, ווי ער האָט געמיינט. פון זײַן היים, פון זײַן צניעותדיקער דערציונג, פון זײַן לערנען, האָט ער אַרויסגעטראָגן אַנדערע באַגריפן, וועגן ליבע און צוזאַמענלעבן. אַנדערע חלומות האָט ער אין זײַן יוגנט געהאַט, וועגן זײַן אויסדערוויילטער. אַנדערש האָט ער איר געשטאַלט אין זײַן פאַנטאַזיע געמאָלן.

— —

— —

דער טשילענער, יידישער אינדוסטריעלער — אַ יוגנט־פרײַנד

און בן־עיר פון ראובנען — האָט זיך פונקט אָנגערוקט אין בוענאָס אײַרעס, ווען ער האָט זײַן זלאָטקען פאַרלאָרן און איז אַרומגעגאַנגען, אַ פאַרווירטער און אַ צעבראָכענער, ווי אויף אַן עולם־התוהו. און אַז זײַן פרײַנד האָט אים אָנגעבאָטן אַ שטעלע בײַ אים אין פאַבריק, האָט ער זיך אָן דעם פאַרשלאָג אָנגעכאַפּט, ווי אַ טרינקנדיקער אָן אַ רעטונגס־שיפל.

— —

— —

ווי אַנדערש ער האָט עס דאָס דאָזיקע נײַע לאַנד געפונען. ער האָט שוין, אין זײַן לעבן, אַ סך ערדן באַטראַכט, אונטער פאַרשיידענע הימלען, אָבער אַזוינס האָט ער ניט געזען. דער טראַט איז דאָ אַ זיכערער און די פרײַקײַט אָטעמט מען דאָ אײַן, צוזאַמען מיט דער לופט, אין וועלכער מען שפּירט אַ טעם. מילד איז דאָ דער קלימאַט און מילד זײַנען דאָ די מענטשן, פון וועלכע עס שפּאַרט אַרויס מיט גוטסקײַט. אַפילו די באַוועגונג, די קאַמפן זײַנען דאָ אויך אַנדערש — פרײַער, מענטשלעכער. עס פעלט דאָ די האַרטקײַט, די צודרינגלעכקײַט. די זון וואַרעמט דיר, און קילע ווינטלעך, וואָס טראָגן זיך פון די שניי־בערג, פון ים, און מישן זיך אויס מיט געזאַלצנקייט און מיט דעם ריח פון בלומען, ווישן דיר אָפּ דעם שווייס פון דײַן פנים. אַפילו די תפיסות זײַנען דאָ פאַרמאַכט, פאַר פאָליטישע זינדער.

דערצו איז דאָ נאָך זײַן פאַך — וועבערײַ — מיט גאָלד צו גלײַך. די אינדוסטרי האָט זיך דאָ אין לאַנד, נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און יעדער פאַך־קענער ווערט אויפגעכאַפּט, ווי אַן אבן־טוב.

ראובן האָט זיך דאָ אָנגעהויבן צו היילן פון זײַן בראָך. אַ רויקײַט האָט אים באַהערשט. ער, וואָס האָט ביז איצט געפירט, כמעט אַן אַסקעטישן לעבן, האָט אָנגעהויבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון באַקוועמ־לעכקײַט. ער האָט גענומען געניסן פון אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט אים צוגעטראָגן.

געוווינט האָט ער בײַ אַ פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ

פרוי און צוויי קינדער, אין אַ גרויסן הויז, וואָס איז געווען צוגעשניטן, לויטן קאָלאָניאַלן סטיל און איז רחבותדיק געשטאַנען אין מיטן פון אַ גרויסן גאָרטן. עס איז געווען געווען, ער זאָל נאָר אַ פראַל אויף טאָן די פענצטער פון זײַן צימער, אַז די וועלט זאָל זיך פאַר אים אַנטפּלעקן אין איר גאַנצער פּראַכט און מאַיעסטעטישער שיינקייט און זי זאָל אַנזעטיקן זײַנע פרעסערישע, בלויע אויגן. זײַנע פאַרשמאַכטע לונגען פלעגן דאָן שלינגען, זויפן די באַטעמטע לופט און דעם ריח פון די בלומען, ביז פאַרשכורט צו ווערן פון גליק.

די ווירטין פון הויז, — אַ פרוי אין זײַנע יאָרן — איז געווען, אַ שטילע און בנעימותדיקע, וואָס האָט געגלעט מיט אירע גוטע, גרויסע פײַכטע אויגן און מיט דער נאָענטקייט פון איר קול. און איר שטעל איז געווען — אַ מאַמישער.

זי האָט נאָר איין מאָל ליב געהאַט. זי האָט נאָר איין מאַן געקענט.

אין פאַרלויף פון איר פופצן יעריקער אַליינקייט, האָט זי באַוויזן אויסצוהוילן איר האַרץ פון ווײַבלעכער ליבשאַפט. זי האָט פאַרמאַכט איר האַרץ, פאַר מענלעכער ליבע און איר טראַכט פאַר געבוירן. זי ווער זיך נאָך אַ מאָל ניט גיין שפּילן אין ליבע, נאָך דעם ווי זי איז אַנטוישט און באַליידיקט געוואָרן פון דעם מאַן, ווען זי האָט אָפּגעגעבן דעם גאַנצן פײַער אירן און וואָס האָט איר אָוועקגעוואָרפן און חתונה געהאַט „מיט זײַנס גלייכן" (ער איז געווען אַ רײַכער גוטבאַזיצער). דאָ, טאַקע אין דער זעלבער שטוב, האָט ער זי דאָס אַ מאָל באַזעסן.

ראובן האָט זיך געפילט אין דער דאָזיקער שטוב, ווי אַן אייגענער, ווי אין אַ היים. אַ נאָענטער, קרובהשער געפיל, האָט זיך מיט דער צײַט פאַרבונדן, צווישן ראובנען און דער פאַמיליע. די קינדער, וואָס זײַנען געווען אויסגעהונגערט, נאָך אַ מענערלעכער, פאָטערלעכער האַנט, האָבן צו אים געהאַט דעם געפיל, ווי צו אַ טאַטן. זיי האָבן געקלעפּט צו אים. דאָס גלייכן האָט ער געפילט צו די קינדער.

בײַ דער זעכצן יעריקער אַניטאַן, האָבן זיך די געפילן גענומען אויסמישן.

אין דעם גרויסן האָל, וואָס האָט אויך געדינט פאַר אַן עס־צימער און אַן אָפּרו־אָרט, פלעגט זי זיך אָפּט פאַרגנבענען אין אַ ווינקל און אַ לאַנגע צייט נאָכקוקן ראובנס יעדער קער און ווענד און באַטראַכטן זײַן אויסזען. עס האָט איר פאַרכאַפּט זײַן אַנדערשקייט — וואָס ער זעט נ׳ט אויס און איז ניט, ווי די אַלע אַנדערע, וואָס זי האָט ביז הײַנט געקענט. עס איז איר געפעלן געוואָרן, די קלאָרקייט פון זײַן הויט, זײַן בלאָנד־און געדיכט־געקרויזטער קאָפּ, זײַנע טיפע, בלויע אויגן, די איידלקײַט אין זײַן ריידן און אין זײַן פירונג, דער ברייטער טאָן און זײַן ברייטע האַרץ, זײַן אויפפירונג — אַלץ איז געווען אַנדערש, פון דעם, וואָס זי האָט אַרום זיך געזען.

פלעגט זי דאָרטן אַזוי שטיין, די מיניאַטורנע אַניטאַ, אין ווינקל פון האָל, אַ צאַרטע און אַ שלאַנקע, מיט אַ הויכן, קײַלעכדיקן שטערן, ווײַט אויף אַרויפצו פאַרקאַטשעט. פון אונטער איר שטערן האָבן אַרויס־געצונדן אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן צעשמייכלט איר קורצן נעזל און אירע בלוטיקע פּיצעלעך ליפּעלעך. און דאַן פלעגט איר האַרץ אויפ־צאַפּלען, מיט אַן אַנדער געפיל צו ראובנען — ניט קיין טאָכטערישער — מיט אַ געפיל פון אַ פרוי צו אַ שיינעם, שטאַרקן און איידעלען מאַן.

די זעלבע געפילן האָבן זיך אויך איבערגעטראָגן צו ראובנען. און ווען אַניטאַ פלעגט אים, שטיפעריש, אויסבינדן דעם קראַוואַט אַרום זײַן האַלדז, באַרירן אים, מיט אירע לײַכטע, צאַפּלענדיקע פינגערלעך פון אירע הענטלעך, האָט ער זיך ניט געקענט גובר זײַן, ניט צו באַרירן איר שימערירנדיקן שטערן, מיט זײַנע ליפּן, וואָס זײַנען פונקט אויס־געקומען, אַנטקעגן אים. דער שטערן האָט זיך ממש געבעטן, מען זאָל דאָס אים טאָן.

— —

— —

די צייט האָט געטאָן אירס. יאָרן זײַנען אַוועק און זײַנען געקומען. עס זײַנען אָנגעקומען שווערע יאָרן. יאָרן פון בלוט און פון פײַער. די וועלט איז געזונקען אין אומקום. אונדזער פאָלק איז — אין איראָפּע —

אויף אַש פאַרברענט געוואָרן. אָבער דאָס לעבן האָט זײַנס געטאָן. ראובן האָט קינדער געהאַט און די קינדער זײַנען געוואַקסן. מיט יעדער טאָג פון זייער וואַקסן איז אויך געוואַקסן די פרעמדקײַט, צווישן אים און זײַנע קינדער. קיין יידן זײַנען זיי ניט און אויף דעם וועג פון זײַנע אידעאַלן גייען זיי אויך ניט. זיי זײַנען געווען, ניט קיין בעסערע און ניט קיין ערגערע קינדער, ווי די איבעריקע פון דעם לאַנד. זיי האָבן געוואָלט לעבן — לײַכט לעבן. נעמען פון לעבן, אַלץ וואָס ער גיט. זיי האָבן געוואָלט עסן, טרינקען, זינגען, לאַכן, טאַנצן, פאַרברענגען — געניסן.

ראובן האָט זיך אָבער ניט געבראָכן. ער איז געווען פעסט בײַ זיך. זײַן לעבן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זײַן גלויבן. ער האָט געגלויבט אין דעם אויפקום פון אַ נײַער וועלט, וועלכער ער האָט, אַ גאַנץ לעבן זײַנס, געהאָלפן בויען. זי וועט אַרויסטויכן פון די ימען בלוט און אַרויס־שווימען פון די פלאַמענדיקע שׂרפות. זי וועט אויפקומען פון מזרח, צוזאַמען מיט דער ליכטיקער זון.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אין ראובנס אויסגעטרוימטן און פאַרהאַקטן לאַנד, האָבן זיך אויפגעעפנט שפּאַרונעס. אָבער פון דאָרטן האָבן זיך ניט אַרויסגעריסן קיין ליכטיקע זונען־שטראַלן, וואָס זאָלן באַהעלן די גאַנצע וועלט, נאָר די ווײ־געשרייען פון מיליאָנען פאַרפּייניקטע מענטשן. דורך די זעלבע שפּאַרונעס פון דעם פאַרריגלטן לאַנד, האָבן זיך אויך אַרויסגעריסן מענטשן, לעבעדיקע מענטשן, לעבעדיקע יידן, וואָס האָבן דערגרייכט צו די ברעגעס פון דעם לאַנד טשילע.

די ערשטע צײַט האָבן די אָנגעקומענע געשוויגן. זיי האָבן נאָך ניט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף האַלטן דאָס מויל. זיי האָבן נאָך געדענקט די צוויי גוט אויסגעלערנטע ווערטער: „ניע באָלטײַ" — פּלוידער ניט.

מיט דער צײַט האָט די צונג זיך גענומען באַוועגן בײַ זיי. זיי האָבן דערציילט וועגן זיך. וועגן זייער לעבן. זיי האָבן גערעדט ווי מסיחים לפי תומם.

ראובן האָט זיך אויך באַגעגענט מיט אַזעלכע אָנגעקומענע מענטשן, מיט רוסן, אוקראַינער, ליטווינער און יידן. ער האָט אָבער ניט געגלויבט

זייערע רייד. עס קען ניט זײַן, זיי ליגנערן. דאָס וואָס זיי דערציילן איז דאָך אומגלויבלעך. ראובן האָט אַפּילו ניט געגלויבט די רייד פון זיין אַן אייגענעם יוגנט־חבר, וואָס האָט מיט אים אַ מאָל געקעמפט אין די זעלבע רייען.

— ער רעדט ווי אַ פאַרביטערטער, ווי אַ דורכגעפאַלענער.

נאָך דעם זײַנען געקומען די פּראָצעסן איבער די דאָקטוירים, אין מאָסקווע. דער משפּט אין פּראַג. די פּראָצעסירטע זײַנען מערסטנס יידן. און די פאַרברעכנס — ציוניזם, קאָסמאָפּאָליטיזם.

— פון ווען אָן איז דאָס קאָסמאָפּאָליטיזם אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס קומט טויט־שטראָף ? !

ראובן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דער ספק האָט זיך אַריינגעעקבערט אין זיין מח, זיך דאָרטן באַזעצט און אים ניט געגעבן קיין רו. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט, ווי אַ ניט קיין אַריבערגייענדיקער צאַם, אין ראובנס לעבנס־וועג, אויף וועלכן ער איז ביז הײַנט געגאַנגען.

דערווייל האָבן זיך זײַנע נעכטיקע חברים אָפּגעקערט פון אים. זיי האָבן אים אויסגעמיטן. צוגענומען דעם גוט־מאָרגן בײַ אים. און ער איז געבליבן אַליין און אַ פרעמדער אויף דער וועלט.

און זײַן פאַמיליע ? — פרעמד איז ער פון איר און פרעמד איז זי פון אים.

פון זײַן אַניטאַן איז גאָרניט געבליבן — אַפּילו קיין זכר ניט. דאָס איינציקע וואָס עס איז פון איר געבליבן, איז דער נאָמען — אַניטאַ. פון דעם אַמאָליקן שיקסל איז געוואָרן אַ גויה — אַ צעגאָסענע, צעווירענע, דיקע פרוי. אירע אויגן זײַנען קליין געוואָרן און פאַרגאָסן מיט שמאַלץ. דער ברען אין זיי פאַרלאָשן. דאָס נעזעלע, וואָס האָט געלאַכט, מיט חנעוודיקע קנייטשעלעך, איז פאַרפאַלן געוואָרן, צווישן די פעטע באַקן. די הײַנטיקע אַניטאַן האָט ער דאָך קיין מאָל ניט ליב געהאַט, אַפּילו ניט געקענט, און די אַמאָליקע אַניטאַ, איז מער ניטאָ. טויט. אַ מיראַזש.

און זײַנע קינדער ?

אַנדערע האָבן כאָטש צו טאָן מיט יידן. זיי דאָס אויך ניט.

— וואָס איז ער פאַר זיי? — אַ פּאַדריאַטשיק, אַ צושטעלער פון עסן, קליידער און פאַרגעניגנס — אַן אַלטע מאַשין, וואָס אַרבעט נאָך. און אַז זי וועט קאַליע ווערן, די מאַשין, און אויפהערן צו ארבעטן, וועט מען זי... אַרויסוואַרפן, ווי מען וואַרפט אַרויס אַלטע ברוכוואַרג. ער וויל שוין ניט דערלעבן קיין „נחת" בײַ זיינע קינדער. מוחל אַזאַ נחת. זיי וועלן דעם וועג צום קלויסטער אַליין געפינען.

קיין אַנדער נאָמען, ווי „אַלטער", האָט ער בײַ זיי ניט. זײַן נאָמען, אָנרופן, האָט ער שוין יאָרן לאַנג ניט געהערט.

אַ מאָל, אַז אַניטאַ, אָדער די קינדער, האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „אַלטער", האָט עס געקלונגען, מיט ליבשאַפט, מיט צאַרטקײַט. הײַנט איז ער טאַקע אַלט. די בלויע אויגן, אויף רויט געזוימט און די בלאָנדע האָר — גרוי־שטרויענע צויטן, וואָס הענגען אַראָפּ פון די זייטן פון קאָפּ. הײַנט, אַז זיי זאָגן אים אַלטער, מיינט עס, — אַלטער, געבוי־גענער ייד.

שטייט ראובן פאַר דעם פאַרצאַמטן וועג. ער שטייט אַ פאַרווירטער. ער זוכט זײַן וועג אויף צוריק. ער זוכט אים אין די אַלטע ספרים. ער זוכט אים און קען אים ניט געפינען. שפּעט. דער וועג איז ווײַט — ווײַט און לאַנג. און ער איז אַליין, אַליין. אַ פרעמדער. און אויף דער עלטער.

.1962

זי האָט זיך באַוויזן און איז אַוועק

דרײַ פרײַנד, זײַנען מיר געשטאַנען, אויף דער שײַנענדיקער גאַס און גערעדט — וועגן אַ פּערטן.

אַלע האָבן מיר זיך געהיצט, וועגן דעם, וואָס איז דאָ ניט געווען.

נאָר מער פאַר אַלעמען, האָב איך זיך געקאָכט. איך וואָלט אים צעריסן, ווי אַ הערינג...

עס איז געווען געשמאַק, צו שטיין אַזוי און באַלאַקען, אין דער פרישקײַט פון דעם אינדרויסן.

די זון האָט זיך שוין גענומען פאַרנויגן אויף הינטערווײַלעכץ, אַהינטער די בערג. די היץ האָט זיך געלאָשן. נאָר די גאַסן זײַנען נאָך געלעגן פאַרגאָסן מיט ליכט, וואָס די זון האָט אויף זיי געפּלייצט אַ גאַנצן טאָג. אָן אַ שיעור מענטשן, פון פאַרשיידענע פעלקער, האָבן פאַרבײַ־געשטראָמט, מיט געשטרעקטע קעפּ צום הימל.

מילדע, קילע ווינטעלעך, האָבן זיך אָנגעטראָגן אין דער לופט, מיט אַ געמישטן גערוך, פון ים און שניי, און געגלעט, איבער די אָנגעהיצטע קעפּ, האָבן אָפּגעווישט דעם שוויס פון די פאַרשיידנאַרטיקע פּנימער.

די מענטשן האָבן, מיט זשעדנעקײַט, געהויבן זייערע קעפּ, אַנטקעגן די קילע ווינטן — זיי האָבן די ווינטן, זיך געלאָזן שפּילן, צווישן זייערע האָר, זיי צעשויבערן, און זײַנען פון דעם געשטאַרקט געוואָרן.

די אָפּגייענדיקע זון, האָט, מיט נחת, פאַרנומען, די געפּלאָפּלערייען פון פאַרשיידענע לשונות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, אויסגעמישט מיטן פייגל־געטשוויטשער.

דאַן האָט זי זיך באַוויזן.

זי איז פאַרבײַ מיט נאָך אַ פרוי.

ווי האָט זי אויסגעזען?

אַז געזען האָב איך זי, נאָר איין רגע. ניין, דערזען האָב איך זי נאָר אין דער רגע.

ווי זשע האָט זי אויסגעזען?

נו, און אַז איך וועל אײַך פּרווון דערציילן, ווי זי האָט אויסגעזען, וועט איר דען אין איר עפּעס זען?

איך ווייס נאָר, אַז זי האָט אויסגעזען אַנדערש ווי אַנדערע — ווי זי...

איר וועט סײַ ווי סײַ ניט נתפּעל ווערן פון איר אויסזען.

דער גדול — ניט קיין וואַזשנער. — כמעט אַ נידריקע, איז זי געווען. דאָס לײַב, אַ נאָכגיביקע, דער גאַנג, אַ נאָכלאָזיקער, די טריט, צווייפלענדיקע. זי שטעלט די פיס, פאַרויס, און בענקט שוין נאָך דער ערד, איבער וועלכער זי איז פאַרבײַ. זי גייט און אַ רוף יאָגט איר תמיד נאָך. אויגן האָט זי געהאַט, וואָס האָבן טויזנט יאָר געזען און פרעגן:

הא ? ? ? ! ! !

איר נעזעל האָט צום הימל געשמייכלט. אירע האָר האָבן זיך, פאַר אײַערע אויגן, מיט זאַפּטיקן גלאַנץ פון די וואָרצלען, אויף אַרויף געצויגן. אירע באַקן, האָבן זיך אַלבאַסטרעדיק געווײַסט, אונטער דעם אָפּשײַן פון די אויגן. און אויף אירע ליפּן האָט זיך געשפּילט אַ סודות־דיקער צוזאָג.

אָט אַזוי האָט זי אויסגעזען. ניין, אַזוי האָב איך איר דערזען, אין דער רגע, וואָס זי איז פאַרבײַ.

זי איז פאַרבײַ, מיט געלאַסענע טריט, בײַ דער זײַט פון דער אנדער פרוי. די אַנדער פרוי, האָב איך אין גאַנצן ניט געזען.

אין דער דאָזיקער רגע, האָט זיך מײַן לעבן געטראָגן, מיט אַ ווילדן געלאָף. עס האָט זיך געדרייט אין געווירבל. מײַנע געדאַנקען זײַנען געלאָפן, ווי בײַ אַ טויט־פאַרמשפּטן, אין דער לעצטער מינוט. מײַן קיום האָט זיך געוואַקלט.

דער האַס צו דעם פּערטן, איז גלײַך אויסגעלאָשן געוואָרן, אין מײַן האַרץ. אַן אַנדער פֿלאַם האָט זיך אָנגעצונדן אין מיר און ארויפֿגעזעצט אין פֿליגלען.

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָלט זי מיר כאָטש אַנגעקומען אַנטקעגן, וואָלט איך איר אפשר פֿאַרהאַלטן. עס קומט מיר נאָר אויס, איר נאָכצולויפֿן, פֿאַרלויפֿן דעם וועג. און דאַן? — וואָס וועל איך דאַן טאָן? — זיך וואַרפֿן צו אירע פֿיס: ראַטעווע?! וועט מען דאָך מיר אָפּפֿירן אין אַ משוגעים־הויז.

אַז עפּעס וועל איך טאָן, בין איך געווען זיכער. איך האָב זי געהאַלטן אויפֿן אויג.

זי איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ קוואַרטאַל. איך האָב אויסגערעכנט, אַז זי וועט אַפֿילו אָפּגיין פֿינף קוואַרטאַלן, וועל איך זי אַלץ דערגרייכן.

איך בין באַהערשט געוואָרן פֿון אַן אויסטערלישער קראַפֿט, ווי אַ דבוק וואָלט זיך אין מיר באַזעצט.

איך האָב, אין דעם מאָמענט, אָנגעהויבן צו גלויבן אין גלגול. איך האָב גענומען טראַכטן, אַז אפשר איז זי אין דעם ערשטן גלגול, געווען מײַן שוועסטער, אַ מאַמע, אַ ווײַב, אָדער — האָב איך געטראַכט — אפשר איז זי, אין דעם ערשטן גלגול, גאָר געווען, איך אַליין. אַזוי נאָענט איז זי מיר געוואָרן, די פֿרוי, וואָס איז פֿאַרבײַ.

מײַנע אויגן, האָבן נאָכגעפֿאָרשט אירע טריט. מײַן קאָפּ האָט אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי צוצוקומען צו איר. איך האָב געשטופּט, מײַן האַנט, אין די הענט פֿון די חברים און ניט געהערט, וואָס זיי האָבן צו מיר גערעדט.

פּלוצלינג — אוי!

דאָס הענטל פֿון דער פֿרוי, וואָס האָט איר באַגלייט, האָט אַ פֿאָכע געטאָן אין דער לופֿטן. אַן אויטאָמאָביל האָט זיך פֿאַרהאַלטן, מיט אַ ריטש און — ניטאָ.

מײַנע חברים האָבן אָפּגעלאָזט מײַן האַנט. איך בין געבליבן שטיין, אַן לעבן.

— וואָס גאַפּיעסטו? — האָבן זיי מיר צוגעוואָרפן — בינסט דער זעלבער לעקיש, וואָס געווען דײַן גאַנץ לעבען. וואָס האָסטו שוין דערזען?!

זיי זײַנען אַוועק און איך בין טאַקע געשטאַנען און געגאַפּיעט, — געשטאַנען, אַ פאַרשעמטער און זיך אַליין געזידלט, נאָך ערגער ווי מײַנע חברים.

איך בין אַזוי געשטאַנען, מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם פּנים, מיט טרויעריקע, אויפגעריסענע אויגן, מיט אַן אָפן מויל, אַ היבשע ווײַלע.

נאָך דעם האָב איך זיך געלאָזט גיין, אין די טריט, וואָס זי — די וואָס איז פאַרבײַ — איז ניט לאַנג געגאַנגען. פּאַוואָלינקע בין איך אַזוי געגאַנגען. איך האָב געזשאַלעוועט צו טרעטן, מיט מײַנע פיס, דעם אָרט, וווּ זי איז פריער געגאַנגען.

איך בין געגאַנגען און באַדויערט מײַן גורל. איך האָב זיך דערמאָנט, וויפל מאָל איך האָב שוין אָנגעכאַפּט דעם גליק בײַם עק און תמיד איז ער פון מיר אַנטלאָפן, ניט איבערלאָזנדיק מיר אַפילו קיין פעדערל.

און אַז איך בין געקומען צו דעם אָרט, פון וואַנען די מאַשין האָט זי פאַרנומען, בין איך לאַנג געשטאַנען און אַרײַנגעקוקט דער וועלט אין פּנים אַרײַן און דערזען איר פּנים, דעם פּנים פון דער, וואָס האָט זיך באַוויזן און איז אַוועק.

איז אַוועק...

אַוועק, אַוועק...

.1960

אויסגעוואָרצלט

שמעון פריד איז שוין געווען אַ היבש בחורל, ווען די יסודות פון זײַן גלויבן זײַנען ביי אים אויפגעריסן געוואָרן און אײַנגעפאַלן. ביז דאַן איז ער געגאַנגען, אויף גאָטס ערד, מיט פעסטע, זיכערע טריט, איבער די דרכים, וואָס עס האָבן פאַר אים אויסגעטראָטן זײַנע טאַטעס און זיידעס. ביז דאַן איז זײַן וועלט — זײַן קליינע, יידישע וועלט — געווען אַ גאַנצע, ניט קיין אָנגערירטע. — ווי אַ געזונטער יאָדער, וואָס איז געלעגן פאַרפאַנצערט, אונטער דיקע שאָלן פון סיגים און גדרים.

שמעון איז, פון זײַנע קינדער־יאָרן אָן, געווען אַ טיף גלויביקער, אָן אָפּגעהיטער אין אַלע געבאָטן — ניט אַריבערשפרײַזנדיק אפילו דעם שוועל פון אַ קוצו של יוד.

פאַר דער תורה־הקדושה, פאַר גאָט ברוך־הוא, פאַרן פאָלק ישראל, איז ער גרייט געווען זיך מקריב צו זײַן, אין פײַער און אין וואַסער צו גיין.

און ליב געהאַט האָט ער, די תורה, גאָט און אַ יידן — אהבת־נפש.

זײַן טאַטע, פלעגט, מיט אַ פרומען שמייכעלע, אָנקוועלן, וואָס זײַן קליינער זון, שטײַגט אים אַריבער אין גאָטספאַרכטיקײַט.

נײַנצן יאָר האָט ער אַזוי אָפּגעלעבט, אין גאַנצקײַט, אין זײַן ניט אָנגערירטער וועלט, ביז — ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען, גרייט, ניט צו לייגן קיין תפלין און קענען אָפּטאָן כל דבר אסור — אַפילו טריפה צו עסן, אַפילו אַ שטיק חזיר צו פאַרזוכן.

מען קען ניט זאָגן, אַז בין־לילה איז ער געקומען צו זײַן לעצטן באַשלוס.

נעכט — גאַנצע, לאַנגע נעכט, פאַר דעם, האָט ער זיך אַרומ־געקײַקלט אויף זײַן האַרטן, ישיבה־בחורישן געלעגער, זיך אַרומ־

געשליידערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אַ געמאַטערטער פון ספקות, אַ צעפּייניקטער פון אַ שולד־געפיל, פון אַ שרעק, וואָס איינער שפּירט פאַרן גיין אָפּטאָן דעם גרעסטן פאַרברעכן, דעם ערגסטן פאַרראַט, וואָס קען נאָר געמאָלט זיין אויף דער וועלט.

ניין, ניט אין איין נאַכט איז חרוב געוואָרן שמעונס פעסטע וועלט. ניט מיט אַ מאָל זיינען איבערגעריסן געוואָרן די בענד, וואָס האָבן שמעונען געהאַלטן אַזוי פעסט צוגעגאַרטלט צו זיין גלויבן. עס איז געקומען אַ כח אַזאַ, וואָס האָט גענומען דריקן אויף די דאָזיקע בענד גענומען מוליען זיי, רייבן, ביז זיי זיינען אויסגעריבן געוואָרן און נאָך דעם זיך אינגאַנצן צעשטויבט.

ניט קיין פולע נײַנצן יאָר האָט ער געלעבט אין זיין אומבאַרירטקייט. דאָס נײַנצנטע יאָר איז שוין ביי אים געווען אַ צעוואַקלטס, אַ צעטרייסלטס.

און שולדיק אין דעם איז געווען זיינער אַ חבר — אַ גוטער חבר, אַ נאָענטער, וואָס האָט געלערנט מיט אים, אַ שטענדער ביי אַ שטענדער — אַ בחור פון גרויסן יחוס, אַ בן־הרב — שמואל אָרלער. ער האָט אים איין מאָל און נאָך אַ מאָל אונטערגערוקט אַ ספר־חיצוני, אַ ביכל — זאָל ער אַרײַנקוקן אין דעם.

לכתחילה האָט זיך שמעון אָפּגעטרייסלט פון דעם, ווי מען טרייסלט זיך אָפּ פון אַ שרץ — ווי פאַר מוקצה מחמת מיאוס. אָבער שמואל האָט געהאַלטן אין איין אײַנטענהן מיט אים, אַז אַ מענטש איז מחויב פון אַלץ צו וויסן, אַז אַ מענטש דאַרף אַלץ זען און הערן, דאַרף אַלץ קענען, און נאָך דעם דאַרף ער טאָן, ווי ער פאַרשטייט. דערפאַר — האָט ער אים דערקלערט — איז דעם מענטשן צוגעטיילט געוואָרן אַ חלק אלקות, געטלעכער שכל און בחירה. ערשט נאָך דער בחירה, נאָך דער דערקענטעניש, איז דאָס גלויבן עפּעס ווערט.

און שמעון איז נכשל געוואָרן, — ער האָט אַרײַנגעבליקט אין פּרדס. פון פּרדס איז דאָס שמעון אַרויסגעגאַנגען, אָן אָנגערירטער, אַ געשטרויכלטער.

פון אָנהויב האָט ער די ביכלעך, וואָס דער אָרלער האָט אים געגעבן, געשליידערט צו דער ערד, זיי געקאָפּעט מיט די פיס, געזאָגט

צו זיך אַליין, אַז דאָס האָבן געשריבן עוכרי און שונאי־ישראל, — אַז די וואָס האָבן די ביכלעך געשריבן, זײַנען ליגנער, אויסטראַכטער, בלבול־מאַכער, אַז זיי פֿאַרמיאוסן דעם יידן. נאָך דעם האָט ער די ביכלעך אויפגעהויבן פֿון דער ערד און זיי נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל איבערגעלייענט. ער האָט שוין געפֿאָדערט נײַע ביכלעך בײַ דעם אָרלער און זיי אויך געזוכט אנדערשוווּ צו געפֿינען. ער פֿלעגט זיך צו זיי צוכאַפּן, ווי אַ שכור, צו נייעם, נאָך ניט אויסגעפּרוּווטן ווײַן.

שמעון האָט געהערט צו די דאָזיקע נאַטורן, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין פּשרות. ער האָט גענומען אַרײַנטראַכטן, גריבלען זיך, אין דעם עצם, אין דעם עיקר פֿון גלויבן — אין דער געטלעכער מציאות.

— איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, טאָ ווער איז ער — ווער איז ער דאָס, וואָס זאָל נאָכטראַכטן, וואָס עס איז רעכט און וואָס עס איז איבעריק אין זײַנע געבאָטן און אָנזאָגן? — דאָן זײַנע אַלע אומ־מעגלעכקײַטן, מעגלעך, אַלע אומפֿאַרשטענדלעכקײַטן, פֿאַרשטענדלעך — דאַן דאַרף ער אָפּהיטן די תורה — גאָטס תורה — מיט אַלע אירע מצוות, מיט אַלע אירע פּינטעלעך און פּאַסיקלעך. אלא ניט, איז אַלץ מותר.

און אַז דער שטאַרקסטער זײַל פֿון שמעונס גלויבן איז אײַנגעפֿאַלן, — דאָס גלויבן אין גאָט — איז ער מיט אַ מאָל שטיין געבליבן, אין אַ גרויסער, פֿרעמדער וועלט, אַליין, אַן אָפּגעריסענער, אַ הוילער און אויסגעהוילטער, אַ נאַקעטער און צעוואַקלטער.

וואָס איז ער? אַ ייד? מיט וואָס?

פֿון קיין אַנדער יידישקײַט, אַחוץ תורהשע, יידיש־געטלעכע, האָט ער ניט געוווּסט, ניט געאָנט.

— וואָס איז ער? אַ מענטש? וואָס איז אַ מענטש? — אַן אַנימאַלישע באַשעפֿעניש, וואָס שטאָפּט אַן דעם חומר און דערפֿילט זײַנע פֿאַרגעניגנס?

דאָס האָט אים ניט געזעטיקט.

שמעון איז אַרומגעגאַנגען אויף אַ צעוואַקלטער ערד, ווי בײַם ראַנד פֿון תהום.

נאָר אין גיכן האָט ער זיך אָפּגעפּונען, שמעון. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט נײַע פרײַנד, מיט נײַע חברים, — לוסטיקע קבצנים און פולע מיט לעבן און גלויבן. ער האָט פון זיי דערהערט אַ נײַע שפּראַך. אויך אין די קרײַזלעך, וווהין זיי האָבן אים אַוועקגעפירט, האָט ער געהערט דעם דאָזיקן נײַעם לשון: וועלט־באַפרײַונג, וועלט־אויסלייזונג, יושר, גערעכטיקײַט.

אייגנטלעך איז דאָס ניט געווען קיין נײַע שפּראַך פאַר שמעונען — ניט קיין נײַע ווערטער. די דאָזיקע ווערטער האָבן אָנגעקלונגען אין אים, אין זיין וועזן, ווי אַלט־באַקאַנטע רייד, וואָס הויזן און רוען שוין אין זײַן נשמה, פון לאַנג, פון קדמונים. די דאָזיקע ווערטער, וואָס ער הערט פון זײַנע חברים, זײַנען נאָר נײַ אין זייער פורים, און די געדאַנקען פון די רייד, זײַנען נאָר אויסגעשפּרייטער, איבער אַ גרעסערער וועלט, — פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס זײַנען דאָך די ווערטער, וואָס האָבן צו אים אַרויסגערעדט פון דער תורה. אַזוי האָבן דאָך צו אים גערעדט די נביאים. אַזוי האָבן דאָך געטײַטשט די תלמידי־חכמים די תורה.

— דו זאָלסט ליב האָבן דײַן חבר, ווי זיך אַליין. זאָלסט ניט פאַרהאַלטן דעם לוין פון דעם טאָג־אַרבעטער, ביז אויף מאָרגן. האָסטו אַ בגד פאַר אַ משכון, זאָלסטו עס אָפּגעבן דעם אייגנטימער, ווען ער באַדאַרף דאָס. וואָס דיר איז ניט ניחא, זאָלסטו דאָס דײַן חבר ניט טאָן. האָסטו זיך אײַנגעשאַפּן אַ קנעכט, האָסטו זיך אַ האַר געקויפט — האָסטו נאָר איין קישן, צום שלאָפן, דאַרפסטו זי דײַן קנעכט געבן. איז דער אָרעמאַן געוווינט צו עסן פלייש און טרינקען ווײַן, דאַרפסטו אים געבען אויף פלייש און ווײַן.

די זעלבע באַקאַנטע ווערטער, די זעלבע געדאַנקען, וואָס זײַנען אים אַזוי נאָענט און אייגן. אַ מאָל זײַנען דאָס געווען פּאַסיווע, ענגע מצוות און הײַנט, — הײַנט קען ער זיי אָנקליידן מיט ממשותדיקע מעשים.

שמעון איז געוואָרן אַ טייל פון אַ גרויסער וועלט־מחנה, צו וועלכער ער קען זיך באַהעפטן. ער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעהעריקע צו די קרײַזלעך, וווהין ער איז אַרײַנגעפירט געוואָרן,

דורך זײַנע חברים. ער איז געוואָרן אַן אייגענער און האָט אויס־געפילט אַלע באַפעלן און געבאָטן, וואָס זײַנען אים דאָרטן געגעבן געוואָרן, מיט דעם זעלבן הייליקן אייפער, ווי ער האָט אַ מאָל אויס־געפאָלגט די פאַרזאָגן פון דער תורה־הקדושה.

שמעונען איז אָבער פרעמד געווען האַלבקײַטן. האָט ער זיך איבערגעגעבן אַ זאַך, איז דאָס געווען בלב ונפש, מיטן גאַנצן ברען פון זײַן זעל.

שמעון האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם עכאָ פון די האַרמאַטן־שאָסן, דעם קלאַנג פון דעם שווערדן — געפעך, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אים פון יענער זײַט גרענעץ פון זײַן היים־לאַנד.

— דאָרטן וועט ער קענען מקיים זיין, זײַן תורה, כהלכתה, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, בחרבו ובקשתו — מיט שווערד און בויגן אין דער האַנט.

שמעון האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ נאָענטן חבר און איך גיכן האָבן זיי באַטראָטן דאָס לאַנד, וואָס האָט אָנגעזאָגט דער וועלט, די בשורה פון איר באַפרײַונג און דערלייזונג.

שמעון איז אָנגעקומען, אין רוסלאַנד, אין סאַמען ברען פון דעם בירגער־קריג.

אַ התלהבותדיקער האָט ער זיך געוואָרפן אין פײַער אַרײַן, איז געקראָכן אין אַלע סכנות און פון אומעטום איז ער אַרויסגעטראָגן געוואָרן, אַ גאַנצער, אויף די פליגלען פון זײַן זיכערן גלויבן. ער האָט דורכגעשפרײַזט — אַ באַרוועסער און הונגעריקער, מיט אַ ביקס אויף די פלייצעס — די אומענדלעך ברייטע פליינען און ווײַטסטע מרחקים פון אוקראַינע, רוסלאַנד און סיביר, ביז ער איז, צום סוף, פאַרטראָגן געוואָרן, דורכן פוילישן פראָנט, צוריק צו זיך אין זײַן היים־שטאָט אַרײַן.

ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון פולין, האָט שמעון באַקומען אַ פאַראָרדענונג, צו פאַרבלײַבן אין זײַן לאַנד, כדי דורכצופירן געוויסע אויפגאַבן.

פאַר שמעונען האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן פון וואַנדערן, פון אַרומפאַרן פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף — ווו געגעכטיקט

ניט געטאָגט. ער האָט אין יעדער אָרט גערעדט, אויפגעקלערט, אָרגאַ־ניזירט און ווײַטער געגאַנגען.

שמעון האָט געפירט, אַ באַשיידענעם, כמעט נזירישן לעבן — אַ ירושה פון דער ישיבה. ער האָט פון לעבן גענומען, נאָר זײַן אויסקומעניש.

אויף זײַן וואַנדער, האָט ער רחלע ווײַנמאַנען באַגעגנט.

רחלע האָט ניט געהערט צו זײַן באַוועגונג. ער האָט זיך מיט איר באַקענט בײַ איר אין שטוב, ווו ער פלעגט זיך אויפהאַלטן, ווען ער פלעגט קומען אין איר שטאָם־שטעטל. איר הויז איז געווען אָפּגעהיט און באַוואָרנט פון אַ „גוט אויג".

רחלע האָט שמעונען אײַנגענומען, מיט אירע בליקן. אַז זי האָט געקוקט אויף שמעונען, זײַנען אירע אויגן פול געווען מיט הכנעה, מיט גרייטקײַט צו טאָן פאַר אים, אַלץ, אפילו זיך מקריב זײַן פאַר אים, אויב מען דאַרף דאָס נאָר, און ער האָט אירע בליקן ניט אויסגעהאַלטן. רחלע האָט אים, צום ערשטן מאָל, געגעבן צו פאַרזוכן די לאַסקעס פון אַ צאַרט פרויען־הענטל, באַהויכט זײַן פּנים, זײַן שטערן, זײַנע אויגן, מיט דעם פרישן טוי פון אירע רויזן־ליפּן, און ער האָט זיך איר אונטערגעגעבן. זײַן פאַרשטיינערטע האַרטקײַט, זײַן פאַרשטאַרטקײַט, איז צעגאַנגען און צעשמאָלצן געוואָרן, אין אירע אָרעמס.

רחלע האָט שמעונען געטראָפן, אַ דורשטיקן נאָך ליבע. ער האָט קיין מאָל ניט געשפּירט, איבער זיך, די האַנט פון אַ פרוי, ניט קיין קוש, — אפילו ניט פון דער אייגענער מאַמען, אפילו ניט פון קיין שוועסטער. אין פרומע הײַזער, צערטלט ניט, קושט ניט אַ מאַמע קיין יינגעלע.

אַזוי צאַרט און איידל, ווי רחלע קושט אים, האָט אים מסתמא זיין מאַמע אַ מאָל דאָס געטאָן, נאָך דאַן, ווען ער איז געווען אַ זויגלינג און געלעגן בײַ איר ברוסט. ער שטעלט זיך פאָר, אַז אַזוי האָט עס באַדאַרפט צו זײַן. ער דרינגט דאָס אַרויס פון דעם, ווי אַזוי רחלע קוקט אויף אים. אָט אַזוי האָט אויך זײַן מאַמע אויף אים געקוקט. דער מאַמעס קוק געדענקט ער גוט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך

אַראָפּגעכאַפּט צו זיך אַהיים, פלעגט זײַן מאַמע אים צוזען מיט אַ גלעזל טיי, אונטערדוקן אַ געשמאַקן ביסן, אַ קיכל און קוקן אויף אים שטום־שטיל — די ליפּן פאַרמאַכט, נאָר די אויגן ריידן — די זעלבע רייד פון רחלעס אויגן.

צווישן שמעונען מיט רחלען, האָט זיך פאַרבונדן אַ לײַדנשאַפטלעכע ליבע. זי האָט שמעונען — די ערשטע — געשאָנקען, דעם גרעסטן, וועלטישן גענוס — ווײַבלעכקייט.

און ליבע האָט שוין אַזאַ טבע — זי גיט אַרויס פון זיך, פרוכט. מען רופט עס, — די פרוכט פון ליבע.

אין גיכן איז שמעונס „איך״ געכפּלט געוואָרן אויף דריי.

— —

— —

אַוועק איז שמעון פון דער פּוילישער ערד, מחמת די פאַרפאַל־גזנגען, וואָס האָבן זיך געשטאַרקט, קעגן אים. ער האָט זיך דאָן געפונען אין פויזן, און ווען ער גייט ניט אַריבער, בגנבה — אין איינער אַ נאַכט — דעם דייטשישן גרעניץ, — פאַלט ער אַרײַן אין תפיסה, אויף אייביק.

געוואָלט האָט שמעון פאָרן נאָך אַמעריקע, געקומען איז ער קיין אַרגענטינע און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אין טשילע.

אַז שמעונס אַ גוטער פרײַנד פון אַ מאָל, וואָס האָט שוין געוווינט אַ שטיקל צײַט אין טשילע, האָט זיך דערוווּסט, וועגן זײַן אָנקומען קיין בוענאָס־אײַרעס, האָט ער אים אַרײַנגעשיקט אַ פּאַסאַזש קיין טשילע, מיט אַלע גוטע צוזאָגן.

ווען שמעון איז אָנגעקומען אויפן וואקזאַל, צוזאַמען מיט זײַן משפּחה, איז ער דאָרטן אָפּגעוואַרט געוואָרן פון זיין אַלטן, גוטן פרײַנד, בערל ווײַסבערג, מיט זײַן פרוי. זײַן פרײַנד איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים. אַ קליינינקײַט, אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט! שמעון פריד! חבר שמעון פריד!

פון באַן־הויף איז מען אַראָפּגעפאָרן צו בערלען אין שטוב. בערלס הויז איז פול געווען מיט מענטשן. דאָס האָט בערל, מיט זײַן פרוי, געמאַכט אַן אויפנאַמע פאַר זייערע פרײַנד, לכבוד שמעונס אָנקומען.

די פאַרבעטענע האָבן שוין פון פריער, דורך בערלען, געוווּסט ווער דער גאַסט איז און זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ, און דער באַלעבאָס פון שטוב איז אַרומגעגאַנגען אַ שטאָלצער אויף זײַן גאַסט:

— אי תורה, אי געפּוצטע שטיוול. עס איז דאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין. אַ תורה־ווערטל, איז אַ תורה־ווערטל, אַ וויץ, איז אַ וויץ. הײַנט זײַן געלערנטקײַט, זײַן חכמה.

אַז דער עולם איז זיך, נאָך האַלבער נאַכט, צעגאַנגען, האָט שמעון אַ פרעג געטאָן, בערלען:

— און אַרבעטן? ווען אַרבעט מען, אַז מ׳לייגט זיך אַזוי שפּעט?

— אַרבעטן? אַרבעטן... מנע, — זאָלן אַרבעטן די בעלגישע פערד. עט, מען אַרבעט זיך ניט איבער. וועסט שוין מאָרגן זען.

בערל האָט זיך, אַ צופרידענער, געריבן די הענט, און דער געשמאַך פון זײַנע האַנט־פלאַכן האָט אַזוי געזאָגט:

— האַ, וואָס? וואָס זאָגסטו עפּעס, שמעון, אויף בערלען? האָסט געזען אַ שטוב, אַ געשטעל? — און מענטשן „אַוואַזשען" יאַקאַשטש אויך, האַלטן פון מיר, — האָסטו זיך עס געקענט גלויבן אויף בערלען, האַ? דוכט זיך אַ ניונקעלע געווען, האָט זיך גאָרניט אָנגעזען, דאָרטן, אין די קרײַזלעך, אָבער דאָ? זעסט? האַ?

— גוט. מען וועט וואַרטן אויף מאָרגן. מאָרגן וועט מען ווערן מיט אַ טאָג עלטער, וועט מען קליגער ווערן און זען — האָט שמעון פאַרענדיקט דעם שמועס.

אויף מאָרגן, ווען בערל האָט זיך אויפגעהויבן פון פרישטיק, אַרום צען אַ זייגער, האָבן אויף בערלען געוואַרט, אין קאָרעדאָר, זײַנע מענטשן, די פאַרקויפער זײַנע. ער איז מיט זיי אַרײַן אין אַ ביוראָ־צימערל, רעווידירט די סחורה, וואָס זיי טראָגן אַרום אין גאַס צו

פאַרקויפן, אָפּגענומען רעכענונג פון דעם אײַנגעקאַסירטן געלט און זיי אַרויסגעגעבן נײַע סחורה פאַר זייערע פעקלעך. דאָס רוב פון די פאַר־קויפער זײַנען געווען לאַנד־אײַנגעבוירענע.

אין אַ שעה אַרום זײַנען שוין, בערל מיט שמעונען, געווען אין קאַפע „אָלימפּיאַ", וואָס האָט זיך געפונען אין רעכטן צענטער.

זיי זײַנען אַראָפּ אין קעלער פון קאַפע. דאָרטן זײַנען געשטאַנען גרויסע, ביליאַרד־טישן און קליינע טישלעך, בײַ וועלכע מען האָט געשפּילט, דאָמינאָ, „קאַטשאָ" (אַ שפּיל פוןביינדלעך), און אַנדערע שפּילן. אין חלל פון קאַפע זײַנען געהאַנגען, געדיכטע וואָלקנס רויך, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען די פּנימער פון די שפּילער. עס האָט זיך געטראָגן אַ רעש, אַ געפּילדער און קולות אין פאַרשיידענע לשונות.

בערל איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די טישלעך, ווו עס זײַנען געזעסן זײַנע פרײַנד, זיך אַוועקגעזעצט און גענומען אַ „האַנט", צו אַ „קאַטשאָ".

יעדערער פון די שפּילער, האָט געהאַלטן, אַזאַ מין בעכערל, פון האַרטן לעדער. אינעווייניק, אין בעכערל, זײַנען געלעגן, פינף ווײַסע, קוּבישע ביינדלעך. אויף יעדער זײַט פון דעם קוב, איז געווען אויס־געקריצט, אַ געוויסער צאָל פּינטלעך, פאַרגאָסענע מיט אַ שוואַרצן עמאַל.

בערל האָט גענומען אַזאַ לעדערנעם בעכערל אין זײַן האַנט און מיט פרישע כחות, פון אַן אָקאָרשט אָנגעקומענעם, אים אַ ראַזמאַכעווע געטאָן אין דער לופט, אים לאַנג געטרייסלט, אַהין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, און צום סוף, מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ, אַ זעץ געטאָן, מיט דער אָפענער זײַט אויף אַראָפּ, אויפן טיש, אַז עס איז שיעור ניט צעזעצט געוואָרן. ערשט נאָך דעם, האָט ער זיך נאָך ניט פאַרגונען אויפצוהויבן דעם בעכערל און אַ קוק טאָן, ווי אַזוי די ביינדלעך, זײַנען אויסגעפאַלן. ער האָט נאָך, מיטן בעכערל אויף אַראָפּ, געשאַרט די ביינדלעך, איבערן טישל, אַהין און צוריק, פאָרגעלייגט זײַנע מיטשפּילער, אַז איידער ער קוקט אָן די ביינדלעך, זאָל דער שפּיל זיך ניט רעכענען, און צום סוף, קוים־קוים אויפגעהויבן אַ ביסעלע דעם בעכערעל, אַרונטערגעקוקט, פּאַוואָלינקע, דורכן אָפענעם שפּעלטעלע,

ווי פון דאָרטן וואָלט פאַר אים די ישועה געדאַרפט קומען און ערשט נאָך דעם אויסגעשריען: דרײַ פינפטלעך!

נאָכהער האָבן דאָס זעלבע די איבעריקע געטאָן, מיט זייערע בעכערלעך. זיי האָבן דאָס געטאָן, מיט עקסטאַז, מיט ברען, — יעדער איינער, לויט זײַן טעמפּעראַמענט נאָך.

אין פאַרלויף פון שפּיל, האָט יעדער ווײַלע אַן אַנדערער אָנגעקלאַפּט, מיט זײַנע דלאָניעס, ביז עס איז צוגעקומען אַ קעלנער, בײַ וועלכן ער האָט באַשטעלט אַ קאַווע, אַן אַפּעראַטיוו, אָדער אַן אַנדער געטראַנק.

אַז עס איז געקומען מיטאָג־צײַט, האָט זיך די גרופּע אויפגעהויבן און דער וואָס האָט פאַרשפּילט אין דיביינדלעך, האָט באַצאָלט אַלעמענס קאָנסום.

אַרום זעקס אַ זייגער, פאַרנאַכט, נאָך דעם ווי בערל האָט געכאַפּט אַ גוטע „סיעסטע״ (נאָך־מיטאָג־שלאָף) און נאָכן טיי טרינקען, האָט ער זיך אָפּגערופן צו שמעונען: און איצט — איצט וועלן מיר גיין אין יידישן צענטער.

דער יידישער צענטער האָט פאַרנומען, אַ גרויסע, צווייִשטאָקיקע געבײַדע. אונטן איז געווען אַן אינדערוואָכנדיקע שולעכל און אַ תּלמוד־תּורה. אויפן צווייטן גאָרן, האָט זיך געפונען, אַ גרויסער זאַל, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געדינט, פאַר חתונות, טאַנץ־אָוונטן, פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענקומען, און אין די יידישע יום־טובים איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיל.

בײַ דער זײַט פון דעם גרויסן זאַל, זײַנען געשטאַנען אַ פינףזעקס צימערן, אויסגעמעבלטע, מיט גרויסע, קײַלעכדיקע טישן. די טישן זײַנען געווען באַצויגן, מיט אַ גרינעם געוואַנט און זײַנען געווען אָפּגעטיילט, מיט קאַנטיקע ראַמען, פאַר אַכט פערזאָן. אין יעדער אָפּגעטיילטן חלק פון טיש, איז געווען אַרײַנגעבויט אַ מעטאַלענע שיסעלע, אַ מין אַש־בעכערל, און אַ מולטערל פון דעם זעלבן שטאָף, אויף צו האַלטן די „פיטשאַס״ (קאָרטן־געלט).

אַרום די דאָזיקע טישן זײַנען געזעסן יידן, פון פאַרשיידענעם

אויסזען און עלטער, אויף פֿײַן געבעטע בענקלעך, מיט באַקוועמע אָנלענען. יעדערער פֿון זיי, האָט געהאַלטן אַ שטויס מיט קאָרטן אין דער האַנט, זיי אַלע ווײַלע איבערגעטאַפּט און נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט, מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע, פֿאַרזשמורעטע אויגן, ווי זיי וואָלטן פֿון דאָרטן אַרויס־געלייענט זייער גורל. די וואָס האָבן געהאַט גוטע קאָרטן, האָבן סימולירט, ווי זיי מיינט מען ניט, און האָבן געוואָרט אויפֿן מאָמענט, זיי זאָלן, פּלוצלינג, אויסשיסן, — אויפֿדעקן, מיט אַ טראַסק איבערן טיש, די קאָרטן.

אין חלל פֿון די שפּיל־צימערן, איז געשטאַנען אַ רעש, — קולות און אויסגעשרייען האָבן זיך געטראָגן — און פֿון די ווײַלן רויך, וואָס האָבן זיך געקרײַזלט אין דער לופֿט, האָבן זיך קוים אויסגעשיילט די פּנימער פֿון די שפּילער, וואָס האָבן ניט געקענט באַהאַלטן די פֿאַרשיידענע גרימאַסן זייערע. אַלע האָבן זיי גערעדט יידיש און דאָך האָט שמעון קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען, — ווי ער וואָלט געהערט אַן אומפֿאַרשטענדלעכע שפּראַך:

— איך האָב אַ פּאָקער!

— וואָס האָסטו?

— אַ שטרוי אין אויג.

— איך האָב פּיר ק...

— עפּן אַ הייזל.

— דרײַ פּרײַלנס!

— אַ מלך!

— אַ מלאך!

— אַ טעות (אַ טויז)!

— דרײַ פֿערדלעך (פֿערטלעך).

— געדעקט!

— קאָליר!

— אַ לייטער!

שמעון איז אַרײַנגעקומען אין יידישע היימען. ער איז פֿאַרבעטן געוואָרן צוזאַמען מיט בערלען, בײַ זײַנע באַקאַנטע.

ער האָט דערזען פאַר זיך, שיינע, באַקוועמע הײַזער, איינגעטונקטע אין גרין און אין בלומען, מיט לאַנגע ווײַנשטאָק־קאָרעדאָרן אין די גערטנער און מיט דינסטן, אין ווײַסע פאַרטעכער, וואָס האָבן סערווירט מכל־טוב.

ער האָט דערזען פאַר זיך אַנדערע יידן, באַרוטע, פרײַע, צעפרידענע, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם פחד פאַר שטאַרקע און די שרעק פאַר אָרעמקײַט, די מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. די יידן האָבן געערדט פון בויען הײַזער, חתונה מאַכן קינדער. זיי האָבן זיך געפילט, אין לאַנד, ווי בײַ זיך אין דער היים, ווי זיי וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן. זיי האָבן געלאָזן, הינטער זיך, זייער פאַרגאַנגענהײַט, פאַרגעסן אָן זייער פריערדיקער אָרעמקײַט, הכנעה, פאַרפאָלגונגען, דחקות, און געלעבט, אַ לעבן פון דאָס נײַ.

שבת, זונטיק און מאָנטיק, ווען דער אַרבעטער באַקומט נאָר־וואָס אויסגעצאָלט זײַנע שכירות, זײַנען געווען, פאַר בערלען, טעג פון אינטענסיווער אַרבעט.

אין די דאָזיקע טעג, לאָזט ער זיך אַרויס, אײַנקאַסירן דעם וועכנטלעכן אָפּצאָל, פאַר זײַנע סחורות, וואָס די „קלאַפּערס" פאַרקויפן פאַר אים. (קלאַפּער, הייסט אַ פּעדלער. מען רופט אים „קלאַפּער", ווײַל ער קלאַפּט אָן אין די טירן, בײַם אָנבאָטן זײַן סחורה).

בערל האָט שמעונען מיטגענומען, מיט זיך, דעם ערשטן שבת, נאָך זיין אָנקומען, ווען ער איז אַרויס אין גאַס אַרײַן, צו זײַנע קונדן.

— קום מיט, מיט מיר. עס וועט דיר צונוצקומען — האָט ער אים געזאָגט.

זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט־צענטער און אָנגעקומען אין אַ ווײַטער געגענט.

בערל האָט געהאַלטן, אין דער האַנט, אַ הויפן מיט קאָרטלעך. אויף די קאָרטלעך זײַנען געווען אָנגעגעבן די נעמען פון זײַנע קונים, זייער אַדרעס, דער באַטרעף פון חוב — און זיי זײַנען געווען צעווירעט, אין אַ סך, אַ סך קעסטעלעך, לויט די חדשים און וואָכן פון יאָר.

בערל איז פריער געגאַנגען, צו זײַנע בעסערע קונים, די מער פאַרמעגלעכערע. ער איז געגאַנגען, גיך־גיך, ווי אימיצער וואָלט אים

אונטערגעטריבן. ער פלעגט אָנקלאַפּן אין אַ טיר. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע. נאָך דעם האָט זיך די טיר, פאַר אים, קוים געעפנט. דורך דער שפּאַרונע פון דער טיר, האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר אויגן און אים אָנגעקוקט. די טיר האָט זיך ווידער פאַרמאַכט. אַ ביסל שפּעטער, האָט זיך די טיר, נאָך אַ מאָל, עטוואָס געעפנט און אין דער דערעפענונג, האָט זיך באַוויזן אַ האַנט, מיט אַ מטבע אין איר. בערל פלעגט צונעמען די מטבע, פון דער אויסגעשטרעקטער האַנט, דערלאַנגען איר אַ קוויט און ווײַטער לויפן.

בײַ טייל טירן, וואָס האָבן זיך געעפנט, האָט זיך נאָר באַוויזן אַ פינגער, וואָס האָט זיך באַוועגט אין דער ברייט, הין און צוריק. דאָס איז טייטש:

— ניין, ניין — ניטאָ קיין געלט.

נאָך דעם האָבן זיי זיך געלאָזט גיין, איבער אָרעמע, שמאָלע און שלעכט ברוקירטע גאַסן. אין די דאָזיקע גאַסן, האָבן זיך די טירן, פאַר בערלען, ברייטער געעפנט. ער פלעגט פאַרבעטן ווערן, אינעווייניק אַרײַן. אָפט פלעגט מען אים אפילו מכבד זײַן מיט אַ גלאָז וויין. טייל מאָל האָט ער פון דעם ווײַן געטרונקען, כדי ניט צו באַליידיקן דעם גאַסט־געבער. אַ סך מאָל האָט ער זיך געפּרוווט אַרויסדרייען פון טרינקען, מיטן אויסרייד, אַז ער איז קראַנק אויף דער לעבער.

זיי זײַנען אָנגעקומען אין אַ „קאָנוועטיזשע" (אַ גרויסער הויף, ווו עס וווינט די אָרעמקײַט).

די „קאָנוועטיזשע" האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסער קאַסטן, אָן אַ צודעק, מיט בלויז אַ שמאָלע דערעפענונג, וואָס האָט געדינט פאַר אָן אַרײַנגאַנג און אַרויסגאַנג. פון אַלע פיר זײַטן, פון דער „קאָנ־וועטיזשע" זײַנען געשטאַנען צענדליקער איין־חדרימדיקע און אָן פענצ־טערדיקע שטיבלעך, אויפגעקלאַפּט און אויסגעליאַפּעט פון לײַכטן, ביליקן מאַטעריאַל.

בײַ יעדער טיר פון די שטיבלעך, האָט זיך געגרויכערט, אַ קליינער, אײַזערנער אייוועלע, אויף וועלכן עס האָט זיך געוואַרעמט וואַסער, אין אַ גרויסן, בלעכענעם פּאַראַפין־קעסטל. צענדליקער פרויען, זײַנען

געשטאַנען אַריבערגעבויגן, איבער גרויסע, פּירקאַנטיקע, טיפע מולטערס און האָבן, מיט התמדה, גיך־גיך געריבן, מיט האַרטע, שטרויענע בערשטלעך, איבער דעם קויטיקן גרעט, וואָס זיי האָבן געוואַשן.

דער גאַנצער הויף איז געווען איבערגעצויגן מיט דראָטן, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען וועש, פון פאַרשיידענע קאָלירן. אַז מען האָט געדאַרפט דורכגיין דעם הויף, האָט מען זיך געמוזט מאַכן אַ וועג, צווישן איין רײ אָנגעהאַנגענע וועש און דער אַנדערער. אינעווייניק, אין דער „קאָנוועגטיזשע", האָט מען געקענט טויב ווערן פון דעם רעש און געפּילדער, וואָס איז דאָרטן געווען. קינדער האָבן געווײנט, ווײַבער האָבן זיך איבערגערופן, מענער האָבן זיך סאַלוטירט, בײַ אַ גלעזעל ווײַן, איינער דעם אַנדערן אַריבערגעשריען, און גאַסן־פאַרקויפער האָבן, מיט פאַרשיידענע נגונים, אויסגעשריען זייערע סחורות צו פאַרקויפן.

אַ כמאַרע, געמישט פון רויך און פון פאַרדומפּענער פּאַרע, האָט זיך געהויבן צום הימל אַרויף. די זון האָט זיך קוים דורכגעריסן, דורך דער כמאַרע, און האָט זיך, אַ מוטנע, אָפּגעשפּיגלט, אין די באַלייעס פון די וועשערינס.

בערל האָט זיך, אין „קאָנוועגטיזשע", געפילט היימיש און האָפער־דיק. ער איז געגאַנגען פון מולטער צו מולטער און בײַ יעדער איינעם פון זיי אויסגעזונגען איין און דעם זעלבן פּזמון:

— האַלאָ, קע טאַל ? (וואָס הערט מען ?).

אַז די פּרוי פון מולטער, פלעגט דערהערן בערלס „האַלאָ", האָט זי זיך, מיט שווערקײט, אויסגעגלײכט, אים ליבלעך אָנגעקוקט, באַדאַנקט פאַרן נאָכפרעגן זיך און — ווי מיט גאָטספאַרכטיקײט און פאַרזיכטיקײט — גענומען ווישן אירע אָנגעווייטיקטע הענט, וואָס זײַנען געווען צעפּאַל־בעוועט, פון צעווייקטקײט.

נאָך דעם איז זי אַרײַן, צו זיך אין שטיבל אַרײַן, האָט פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש אַרויסגעבאַקומען אַ פּאָר מטבעות און מיט דאַנקבאַרקײט פאַר צוטרוי, זיי בערלען אַרויסגעטראָגן.

בײַ איין טיר פון אַ שטיבל, אין דער „קאָנוועגטיזשע", איז דער מולטער געשטאַנען אַ ליידיקער און פאַרלאָזענער.

בערל האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דעם דאָזיקן שטיבל. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן, אַ יונגע פרוי, מיט אַ באַצערטן פּנים, אין אַ שוואַרץ קליידל. זי האָט בערלען אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט, אים אַ ציִ אַרײַן געטאָן אין שטיבל און אַרויסגעיאָמערט:

— קום, זע, „קאַסעראַ" (ביי וועמען מען איז אַ שטענדיקער קונד). דאָ איז זי. דו האָסט דאָך זי געקענט, מײַן מאַריעלען. שוין. זי איז שוין אײַנגעשלאָפן אויף אייביק, מײַן קינדעלע, מײַן שײַן טעכטערל.

אין מיטן פון שטיבל איז, אויף אַ טישל, געלעגן, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוויי־דריי, אויסגעפּוצט, אין אַ לאַנגן, ווייסן קליידל, מיט אַ נעט צוגעפּאַסטן קאַפּטורטשיקל פון זעלבן קאָליר, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט, מיט זיגזאַגעדיקע שפּיצלעך. אויף דעם מיידעלעס ליפּעלעך, האָט זיך געשפּילט, אַן אומשולדיק, קינדעריש שמייכעלע, ווי זי וואָלט געווען צופרידן, וואָס די מאַמע האָט איר אַזוי שיין אויסגעסטרויעט, איידער זי פּראַוועט זי אַרויס אויף יענער וועלט.

— נעכטן בין איך אַרויסגעגאַנגען, אַ ווײַל, עפּעס אײַנצוקויפן, איז צוגעגאַנגען מײַן טעכטערל, צום קאָכעדיקן טשײַניק, וואָס איז געשטאַנען אויפן אייוועלע, האָט אַרײַנגעצויגן אין זיך, דורכן שנויץ, די קאָכיקע וואַסער און איז פאַרברענט געוואָרן. און אויס. ניטאָ זי מער. — האָט די מאַמע געטענהט און ניט אָנזעטנדיק זיך, געהאַלטן אין איין גלעטן איבערן פּנימל פון איר מיידעלע.

— —

— —

— נו, מײַן טײַערער, גוטער חבר, בערל — האָט שמעון געזאָגט צו זײַן פרײַנד, אין אַ צען טאָג אַרום, נאָך זײַן אָנקומען אין לאַנד, — געענוג געהוליעט. די יום־טובדיקע טעג זײַנען שוין אַוועק. ווי לאַנג וועסטו זיך מיט מיר אַזוי אומטענדלען? געענוג. מען דאַרף אַ רעד טאָן וועגן תכלית, וועגן אַרבעט.

— אַרבעטן, יאָ, בינסט גערעכט, שמעון. מען דאַרף אַרבעטן. און אין טשילע דאַרף מען נאָר וועלן אַרבעטן, איז מען שוין ניט קיין

פאַרפאַלענער. דאָס איז אַ ווויל לאַנד. אַ שיינס און אַ גוטס. הײַנט די מענטשן זײַנען דאָ אַזעלכע פרײַנדלעכע, האַרציקע און עס איז לײַכט צו פאַרדינען בײַ זיי דעם טאָלער. דאָס קערבל איז ביי זײַ אַ ממזר. זיי וואַרפן זיך אַרום מיטן געלט. — איז ווי וואָלסטו געוואָלט אַרבעטן? אַנדערע גרינע, הויבן אָן מיט נעמען אַ פעקל בײַ יענעם. פאַרדינען קאָמיסיע. דו דאַרפסט דאָס ניט. ווילסטו, קען איך דיר אָפּלאָזן אַ טייל פון מײַן קליענטור. וועסט קומען צו אַ פאַרטיקן ביסן. וועסט פאַרשפּאָרן אָנצוקלאַפּן אַ קונדשאַפט. דו וועסט מיר דערפאַר אויסצאָלן צו ביסלעך. אין אויב דו ווילסט, קענסטו גלײַך אָנהויבן צו אַרבעטן פאַר זיך. איך וועל דיר אַרײַנפירן צו אַ „מאַיאָריסט" (הורט־סוחר), גוט זאָגן פאַר דיר, הייסן געבן אַ ביסל סחורה. איך וועל דיר אין אַ פּאָר טעג אויס־לערנען די גאַנצע תורה פון קלאַפּן.

— ניין, בערל. ניט דאָס מיין איך. איך מיין אַרבעטן. פאַרשטייסט מיך ניט.

— איך פאַרשטיי טאַקע ניט. זאָג מיר קלאָר, וואָס מיינסטו אַרבעטן?

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? איך מיין פשוט אַרבעטן. איך וויל זײַן אַ יגיע־כפּיים. איך וויל לעבן פון מיין אייגענער אַרבעט. דו קאָנסט דאָך מיך.

— האַ? דאָס מיינסטו? גיי! בינסט משוגע, צי דול? רייד ניט קיין נאַרישקײַטן. ווי קומט דאָס פאַר דיר? — פאַר דיר פאַסט דאָס ניט.

— וואָס?! און גיין איבער די הײַזער, אויסשטרעקן בײַ יעדער שוועל די האַנט, אויסקראַצן אין אַן אָרעם שטיבל די לעצעטע פּעזע, אָוועקנעמען בײַ די אָרעמע מענטשן דעם לעצטן ביסן פון מויל, איז שענער?! — האָט שמעון זיך געהיצט און צוגעבען: זײַ מיר מוחל, אויב איך האָב דיר מיט מיינע רייד געטראָפן און באַליידיקט.

— מוחל זײַן? באַליידיקט? — עס הויבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס. דאָ איז ניט די אַלטע היים. דאָ הויבט מען אָן פון דאָס נײַ. דאָ איז אַלץ פאַרקערט. ווען דאָרט איז טאָג, איז דאָ נאַכט, ווען דאָרטן איז זומער, איז דאָ ווינטער, וואָס דאָרטן איז שיין, איז דאָ

מיאוס און וואָס דאָרטן איז מיאוס, איז דאָ שיין. דו האָסט געזען אונד־זערע שיינע באַלעבאַטים, די פּרעזידענטן פון די „סאָסיעדאַדעס" (פאַראיינען) ? — אַלע האָבן זיי אַזוי' אָנגעהויבן, מיטן פּעקל, און הײַנט, — חוץ זייער שאָדן אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן — הײַנט זײַנען זיי גרויסע סוחרים, „מאַיאָריסטן", אימפּאָרטירער, עקספּאָרטירער און פאַב־ריקאַנטן. פאָלג מיך, שלאָג זיך אַרויס דײַנע געדאַנקען פון קאָפּ. פאַרגעס. פאַרגעס וואָס עס איז אַ מאָל געווען, — עלעהיי דו בינסט איצט געבוירן געוואָרן. געדענק, וועסט נאָך אַ מאָל חרטה האָבן.

שמעון איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זײַניקע — ער וויל דווקא גיין אַרבעטן.

בערל האָט שמעונען אַרײַנגעפירט אין אַ גאַרבאַרניע.

צענדליקער און צענדליקער קוואַרטאַלן, איז שמעון געגאַנגען, צופוס, צו דער אַרבעט און צוריק. אַכט שעה איז ער אָפּגעשטאַנען אויף די פיס, אויף דער ערדענער פאָדלאָגע פון „גאַלפּאָן" (אַזאַ מין צוזאַמענ־געקלאַפּטער שײַער) און מיט התמדה געשאָבן, אַראָפּגעסקראָבעט די פעטס פון די פעלן, איידער זיי זײַנען געגאַנגען צום גאַרבן, — מיט אַזאַ מין שאַרפן, אײַזערנעם הענטל. אין די פיס האָט ער געשפּירט אַ פראָסט. זיי זײַנען געווען שטאַר, ווי דאָס בלוט וואָלט זיך אין זיי פאַרהאַלטן, און די אָדערן זײַנען געווען אָנגעדראָלט, ווי צום פּלאַצן. שמעון האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און געטאָן זײַן אַרבעט.

בעת דער מיטאָגסצייט־הפסקה, האָבן זיך די אַרבעטער פון דער גאַרבאַרניע אויסגעזעצט אין אַ ריי, אויף אַ גרויסן הויף, הינטערן „גאַלפּאָן" און זיך גענומען צו די הייסע טעפּלעך, וואָס אַ ווײַב, אָדער אַ קינד, האָט געבראַכט. זיי האָבן זשעדנע געררוקט די לעפלען, טיף אין מויל אַרײַן, און זיי אַרויסגענומען צוריק, ריינינקע.

כמעט אַלע האָבן זיי געגעסן דעם זעלבן מאכל — אַ גוט דורכ־געקאָכטן בעבלעך־זופּ, וואָס איז געווען באַווירצט, מיט רויט־געמאָלענעם פעפער און דורכגעמישט מיט איבערגעפּרעגלטן ציבעלע.

בײַם זופּן זייער געריכט, האָבן זיי, אַפּעטיטלעך, צוגעביסן, מיט גרויסע שטיקער ברויט און פאַרטרונקען מיט רויט־ווײַן.

שמעון איז געזעסן אין אַ ווינקל און געגעסן זײַן טרוקענעם מאָלצייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויקלט פון אַ פּאַפּיר, און אַרײַנגעקוקט אין אַ צײַטונג.

נאָכן עסן האָבן זיך די אַרבעטער אויסגעצויגן, אין זייער גאַנצער גרויס, אונטערגעשפּאַרט זייערע פּויסטן אונטערן קאָפּ, און נאָכן פּעט ווייצלען זיך אַ ביסל, האָבן זיי געכאַפּט אַ געשמאַקע „סיעסטאַ".

בעתן ווייצלען זיך, פלעגט שמעון שלעכט אָפּשנײַדן. די אַרבעטער האָבן געחוזקט פון אים.

— העי, גרינגאָ! — האָבן זיי געשפּאָט — וואָס טוסטו דאָ, צווישן אָפּגעריסענע?! דו בינסט דאָך אַ גרינגער, אַ ייד. די יידן זײַנען דאָך רײַך. אַלע יידן האָבן געלט. פאַר וואָס העלפן זיי דיר ניט, דײַנע „פּאַיסאַנאָס" (לאַנדסלײַט), דו זאָלסט אויך ווערן רײַך?

מיט דער צײַט האָט שוין שמעון געקענט אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קענען פאַרשטענדיקן מיט די אָרומיקע און די אַרבעטער האָבן אים צורו געלאָזן. אדרבה, זיי זײַנען נאָך אים אַנטקעגן געגאַנגען, אַרויסגעהאָלפן, מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט.

אַז שמעון האָט זיך אומגעקערט פון זײַן אַרבעט, פלעגט שוין אים רחלע אָפּוואַרטן, בײַ דער טיר פון זייער צימער. זי איז אים אַנטקעגן געלאָפן, מיטן קינד בײַ דער האַנט, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, אין וועלכן עס איז געלעגן די געטרײַשאַפט פון דער גאַנצער וועלט און אַ פאַרגנבעטע נעבעכדיקײַט, וואָס זי האָט איר ניט געקענט אויסבאַהאַלטן. די טרערן האָט זי אין זיך דערשלונגען, — ניט געלאָזט זיי דערגרייכן צו די אויגן. זי האָט אים געקושט, געגלעט דעם פּנים, צעפּאָטלט זײַן טשופּרינע און פאַר אַ האַנט אים אַרײַנגעפירט, אינעווייניק.

אין צימער איז זיך ניט געווען ווו אויסצודרייען. אַ „קאַטרע" (אַ ביליק בעטל, וואָס באַשטייט פון פיר הילצערנע פיס און איז באַצויגן מיט אַ דראָטן־נעץ), אַ גרויסע קאָרב, מיט וועלכע זיי זײַנען געקומען פון דער היים און אַ פּאָר שטרויענע בענקלעך, האָבן אויסגעפילט דעם גאַנצן רוים.

רחלע האָט שנעל, שנעל אַראָפּגעשלעפּט פון שמעונען דאָס אָנטועכץ,

וואָס איז געווען דורכגעזאָפּט מיט נבלה־ריח, אים געהאָלפן אַראָפּציען די שיך פון די פיס און אים סערווירט דעם נאַכטמאָל, — אין וועלכן זי האָט געקענט אַרײַנטאָן נאָר האַרץ און נשמה — אויף דער גרויסער קאַרזינע, וואָס האָט זיי געדינט אויך פאַר אַ טיש.

רחלע איז געוואָרן וואָס פון טאָג אַלץ מער אָפּגעצערטער, די סקולעס שפּיציקער, די נאָז אויסגעצויגן און די אויגן האָבן געברענט מיט אַן אומהיימלעכן שײַן.

שמעון האָט באַמערקט, אַז רחלעס מלבושים און דעם קינדס בגדימלעך, זײַנען שוין צעריבן פון אַזוי פיל וואַשן און קיין נײַע קען ער ניט קויפן. ער האָט אפילו ניט אויף אַ פּאָר שיכלעך פאַרן קינד. סײַדן ער זאָל אים אַרויסלאָזן אַ באַרוועסן אויף גאַטס וועלט, ווי דאָס טוען אַ סך היגע טאַטע־מאַמעס. אָדער, אפשר זאָל ער גאָר אַוועק־שטעלן זײַן רחלען בײַ דער טיר פון זײַן צימער, איבער אַ מולטער פון וועש, זי זאָל אים ארויסהעלפן אין דער פּרנסה? וואָס? ער איז דאָס מער יחסן פון אַנדערע?

אַ שווערן געראַנגל האָט שמעון געהאַט אויסצושטיין. ער איז געווען געוווינט צו אַ האַרטן לעבן, צו מלחמה, צו סכנות, אָבער צוצוזען דעם צער פון זײַן רחלען, דאָס לײַדן פון קינד, איז בײַ אים געווען דאָס שווערסטע אין זײַן לעבן.

אַ מאָל — אַ מאָל איז געווען עפּעס אַנדערש. דאַן איז ער געווען אַליין, און אַז ער האָט אײַנגעשטעלט, האָט ער אײַנגעשטעלט זײַן קאָפּ, זײַן לעבן, אָבער איצט, וואָס איז שולדיק רחלע מיטן קינד? ער האָט דאָך צומאָלס ניט קיין געלט צו באַצאָלן דעם דאָקטאָר, אַז דאָס קינד פאַלט אײַן און פיבערט, פאַר רחלס אויגן, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד.

שמעון האָט אָבער די אַרבעט אין גאַרבאַרניע אויך פאַרלאָרן. די באַלעבאַטים האָבן פאַרקלענערט דעם פּערסאָנאַל און ער איז געווען פון די וואָס זײַנען אַנטזאָגט געוואָרן.

ער איז אַוועק צו בוי־אַרבעט. בײַ דער דאָזיקער באַשעפטיקונג, האָט ער ניט געקענט קאָנקורירן מיט דעם אײַנגעבוירענעם. דער טשי־לענער, איז קליין און דאַר, שוואַרץ און ספּריטנע, און טראָגט, בײַ

דער אַרבעט, אַ פּאָר קורצע, ווײַטע הויזן, און איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פֿאַרטעך פֿון דעם זעלבן קאָליר. פֿון די קני אויף אַראָפּ, איז ער אָפּגעדעקט און באָרוועס, און זײַן אויבערשטער טייל קערפּער, פֿון גאַרטל אויף אַרויף־צו, איז — אַ טונקל־בראָנזיקער — אויסגעשטרעקט צום ווינט און צו דער זון. דער טעלער בעבלעך, וואָס ער עסט אָפּ און פֿאַרטרינקט מיט ווײַן, גיט אים כח און קוראַזש, און ער לויפֿט אַרום, אַ לײַכטער, אַ בויגעוודיקער, מיט דער שווערסטער משא אויפֿן אַקסל, איבער די אויסגעבויגענע ברעטער, פֿון איין גאָרן צו דעם אַנדערן, גרינג און פֿרײַ. דאָקעגן איז שמעון אַ שטאַרקער, אַ פֿעסטער, אַ צעוואַקסענער און קען בשום אופֿן ניט דעריאָגן דעם טשילענער אַרבעטער.

— —

— —

חדשים לאַנג, גייט אַרום, שמעון, אָן אַרבעט. די גרויסע קאָרב, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון דער היים, שטייט שוין אַ ליידיקע. רחלע איז נאָך מערער אויסגעצערט געוואָרן. די אויגן, אירע, גלאַנציקער. זי גייט אַרום און שווײַגט. שווײַגט, שמייכלט אומעטיק און רעדט ניט קיין וואָרט. כ'אַוואָלט זי בעסער געשריען, געהאַט טענות צו אים, אים אויפֿוואָרפֿן, וואָס ער קען ווײַב און קינד ניט באַזאָרגן, וואָלט אים געווען לײַכטער. איר שווײַגן ווייטיקט אים. אונטער איר שמייכעלע, פֿילט ער זיך קליין און נישטיק.

— ביז ווי לאַנג וועסטו זײַן אַזוי פֿאַרעקשנט, שמעון? ביזט ניט גערעכט. האָסט אַ ווײַב און אַ קינד. דו מוזסט מאַכן אַ לעבן. ווילסט זײַן אַנדערש פֿון דער גאַנצער וועלט? זעסט דאָך, אַז עס גייט ניט. פֿאָלג מיר, לאָז זיך אָפּ פֿון דײַנע נאַרישקײַטן און נעם זיך צום פּעקל. האָסט דען אַן אַנדער ברירה? — אַזוי האָט געהאַלטן בערל אין איין איינטענהן מיט שמעונען.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, איז בערל אַראָפּגעקומען צו שמעונען און האָט אים מיטגענומען מיט זיך. זיי זײַנען אָנגעקומען אין צענטער

פון שטאָט. בערל איז אַרײַן אין אַ הורט־געשעפט פון שטאָפן. שמעון איז אים נאָכגעגאַנגען.

די קלייט איז געווען אַ גרויסע, האָט פאַרנומען אַ האַלבן בלאָק אין דער לענג און איז געווען זייער ברייט. די הויכע פאָליצעס, וואָס האָבן דערגרייכט פון דער ערד ביז צו דער סטעליע, און זיינען געשטאַנען בײַ אַלע פיר ווענט, זײַנען געווען אויסגעפילט מיט שטאָפן פון אַלערליי סאָרטן און פאַרבן.

אין מיטן פון דער קלייט, זײַנען, אויף דער ערד, געלעגן, גאַנצע שטויסן מיט טונקעלע געוואַנטן, אויסגעסדרטע צו צוויי שטיקער אין דער לענג און צוויי אין דער ברייט.

רעכטס, בײַם אַרײַנגאַנג, איז געשטאַנען אַ ביוראָ, האַלב פון פאָלירטע ברעטער און די העכערע העלפט, פון ניט דורכזעבאַרן גלאָז.

בערל איז אַרײַן אין ביוראָ, שמעון נאָך אים.

בײַ אַ שרייב־טיש, איז געזעסן דער באַלעבאָס פון געשעפט, חיים שפּילמאַן, אַ פול געפּאַקטער און מיט אַ פעסטן קאַרק. פון דעם וואָלקן רויך, וואָס האָט זיך געצויגן פון זײַן שמעקעדיקן האַוואַנאַ־ציגאַר, האָט זיך אויסגעשיילט אַ קײַלעכדיק פּנים, באַצויגן מיט אַ געזונטער רויטקײַט, אין וועלכן עס זײַנען געזעסן אַ פּאָר קליינע, נאָר לעבעדיקע און קלוגע אויגן, וואָס האָבן זיך געזשמורעט, אונטערן רויך פון ציגאַר, און אַנטקעגן דעם שײַן פון דעם פענצטער, האָט ראַזיק געגלאַנצט זיין גרויסער, נאַקעטער קאָפּ.

דער באַלעבאָס האָט אָנגעקוקט בערלען, מיט זײַנע האַלב־אָפענע אויגן און אַרויסגעזייט אַ קאַלטן:

— קע דיסע? (וואָס זאָגט מען)

חיים שפּילמאַן איז געוווינט צו ריידן צו זײַנע קונדן, קורץ, אָפּגעהאַקט און באַפעלעריש, — אָן צערעמאָניעס. ער האָט ניט געהאַלטן פון באַגריסן יענעם און ענטפערן מיט אַ גוט יאָר אויף אַ גוט מאָרגן. און אַז ער האָט שוין יאָ אַ מאָל געענטפערט אויף אַ גוט מאָרגן, איז דאָס געווען עפּעס אַ מין בורטש, וואָס מען האָט ניט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דעם, צי בענטשט ער, אָדער שילט ער.

חיים שפּילמאַן איז ניט באַשטאַנען אויף זײַנע קליענטן. ער האָט געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. ער האָט געוווּסט, אַז זיי דאַרפן צו אים אָנקומען, — צו זײַן קרעדיט.

שפּילמאַן איז אויך געווען דער תקיף און דעה־זאָגער פון דער „סאָסיעדאַד". דאָס רוב פון דער יידישער קאָלאָניע, זײַנען געווען „קלאָפּערס" און שפּילמאַנס אַ וואָרט איז געווען פאַר זיי אַ געזעץ, וואָרעם טאָמער ברענגט אים אימיצער אַרײַן אין רוגז, קען ער אים נאָך פון ברויט ברעכן.

— איך וויל, דאָן כאַימע, ע, סעניאָר שפּילמאַן, ע, איך וויל, איר זאָלט געבן אַ ביסל סחורה פאַר מײַן „פּאַיסאַן", ע, מײַן לאַנדסמאַן. ער איז אַ פײַנער יונגערמאַן, אַ טאַטנס אַ קינד. איך קען אים פון דער היים — האָט בערל, שטאַמלענדיק און מיט הכנעה, געענטפערט אויף שפּילמאַנס „קע דיסע".

— געבן? וואָס הייסט געבן? איך גיב ניט קיין סחורה. איך פאַרקויף.

— גערעכט, גערעכט, דאָן כאַימע, סעניאָר שפּילמאַן. הלמאַי זאָל איך זאָגן. איר זײַנט גערעכט, — פאַרקויפן.

— ניין, איך קען ניט דעם יונגמאַן. ער איז טאַקע אַ טאַטנס אַ קינד. אַלץ דאָרטן. דאָ קען איך אים ניט.

— איך זאָג גוט פאַר אים.

— זאָגן? זאָגן איז ווייניק. שרײַב אונטער.

— איך וועל שרײַבן.

אין אַ ווײַלע אַרום, איז שוין בערל געשטאַנען אין דער גרויסער קלייט, בײַ אַ טאָמבאַנק, און האָט געהייסן אָנשערן דרײַ מעטערדיקע אָפּשניטלעך קאָרטון און אַנדערע באַוולנע שטאָפן, פון פאַרשיידענע פאַרבן און מוסטערן.

שמעון איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען, אַ צעחושטער, ווי אַ תם. וואָס טוט זיך דאָ? אים מיינט מען דאָס?

ער האָט געהערט, ווי בערל האָט אָנגעגעבן זײַן אַדרעס, וווּהין מען זאָל די סחורה אָפּשיקן.

בערל איז אַרויס פון קליט און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך שמעונען. זיי זײַנען אַרײַן צו אַ צווייטן ייִד.

בערל האָט דאָרטן אײַנגעהאַנדלט, אַ ראַמש פון ביליקע סטאַמפּ־בילדער, מיט געמעלן פון הייליקע, פּייזאַזשן, בלומען און פרוכטן.

אויף דעם אַנדער טאָג, גאַנץ פרי, איז בערל געקומען צו שמעונען, אים אַרויספּראַווען אין גאַס אַרויס.

ער האָט קונציק און מיט געניטקייט צוזאַמענגעלייגט די סחורה־אָפּשניטלעך, אַז אַלע זאָלן זיי האָבן די זעלבע לענג און די אייגענע ברייט. ער האָט אַרויפגעלייגט אײן אָפּשניטל אויף דעם אַנדערן און פון אַלע שטיקלעך סחורה, איז אויסגעוואַקסן, אַ הויכער, שמאָלער און לאַנגער פּעקל. בערל האָט דעם פּעקל פאַרבונדן, פון ביידע זײַטן ברעגעס, מיט רימענס און דאָס אָנגעלאָדן אויף שמעונס אַקסל. אין די ביידע הענט, האָט ער אים אַרײַנגעשטופּט צו עטלעכע בילדער און אויף די אָרעמס אָנגעהאַנגען אַ פּאָר פאַרטעכער.

רחלע איז געשטאַנען אָן אַ זײַט און האָט זיך שטום צוגעקוקט וואָס דאָ טוט זיך. אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעצונדן, אָבער זי האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט שמעונס בליקן. זי האָט זיך נאָר זײַטיק צוגעשאַרט, נאָענט צו שמעונען, אים געגלעט, איבער די פאַרנומענע הענט און פלוצלינג — קניענדיק — אים אויסגעקושט די שפּיץ־פינגער.

שמעון איז אַרויס פון זײַן צימער, מיט געשטרויכלטע קנעכל און מיט שלאָבערדיקע טריט. עס האָט אין אים אינגאַנצן געציטערט. ער האָט זיך געלאָזט איבער די גאַסן. ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ ניט דאַ׳יקער, — קוים געשלעפּט די פיס, ווי ער וואָלט געבראָדזשעט אין אַ טיפער בלאָטע. ער איז אַזוי געגאַנגען, שעהן גאַנצע, ווי אַ לונאַטיקער.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פרי־זומער טאָג. די זון האָט אָנגעצונדן די וועלט, מיט שפּעדיקער ליכטקײַט און מאַמישער וואַרעמ־קײַט, און אים, שמעונען, בלענדט זי די אויגן.

קילע, גלעטנדיקע ווינטלעך, האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, געבראַכט צו טראָגן, מיט זיך, דעם דופט פון בלומען, דעם ריח פון צעאַקערטער, אָפענער ערד, די פײַכטקײַט פון ים און די שניי־פרישקײַט,

וואָס האָט זיך געטראָגן פון די קאָרדיזשערן־בערג. זיי האָבן געגלעט דעם מידן מענטשן, איבערן צעהיצטן שטערן, איבערן פּנים, האָבן זיך פאַרגנבעט אין זײַנע האָר און זיי צעפּאָטלט, און אויף אים — אויף שמעונען — ווייען זיי מיט אומעט. אים שושקען זיי, מיט פאָרוואורף, אין אויער אַרײַן: זעסט שמעון, וואָס פון דיר איז געוואָרן? אָט דאָס האָט זיך אויסגעלאָזן פון דײַנע אַלע חלומות. אַ קלאַפּער בינסטו — קלאַפּסט אין פרעמדע טירן.

שמעון שלעפּט זיך ווײַטער, אַ צו דער ערד געזונקענער, — פון דער משא און דעם בזיון. דער הימל האָט זיך אויף פאַר אים צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן. ער וואָלט געוואָלט, די ערד זאָל זיך אונטער אים עפענען און אים אײַנשלינגען, די זון זאָל זיך אויסלעשן און מער זיך קיין מאָל ניט אָנצינדן. אַ סוף זאָל דאָס נעמען.

ערשט פאַר נאַכט, האָט ער זיך אָפּגעפונען אויף אַ פּלאַץ, איבער וועלכן עס זײַנען געלעגן אויסגעשפּרייט, צווישן זאַמדיקע וועגן, הונדערטער „ראַנטשאָס". (בײַדלעך, צענויפגעליאַפּעטע פון ליים מיט שטרוי, צענויפגעקלאַפּטע און צוזאַמענגעשטעלטע פון ברעטער און בלעכן).

שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט, בײַ איינער פון די „ראַנטשאָס", כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, נאָך אַזוי פיל אַרומבלאָנקען אַ גאַנצן טאָג. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע בילדער און זיי אָנגעשפּאַרט אָן זײַנע פיס.

בײַ דער „ראַנטשאָ", לעבן וועלכער שמעון האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך באַוויזן אַ פרוי. זי האָט דערזען שמעונס בילדער, האָט, פון צעפרידנקייט, אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט, און אַרײַנגעפירט שמעונען אין „ראַנטשאָ" אַרײַן.

— „קאָסעראָ", „קאָסיעריטאָ" — האָט זי אין אים אַרײַנגערעדט — דו בינסט דאָך, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. נאָר גאָט האָט דיר אַהער געבראַכט. דו זעסט, דאָס איז מײַן מאַמע — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַן אויסגעבלייכטער, עלטערער פרוי, וואָס איז געלעגן אויף אַ בעטל. מײַן מאַמע איז געווען געפערלעך קראַנק. איצט איז זי שוין בעסער. ווען זי איז געווען מסוכן האָט זי געגעבן אַ נדר, זיך צו קליידן, דעם גאַנצן לעבן, אין ברוין, ווי די קאַרמעליטן, און צינדן ליכט, פאַר דער הייליקער יונג־

פרוי — קאַרמען. — און דו, „קאַסעראַ״, האָסט ביידע זאַכן, אי די יונג־פרוי, אי אַ ברוינעם שטאָף. איך האָב דאָך אויף דעם די אויגן אויסגעקוקט. וואָס פאַר אַ מזל!

די באַלעבאָסטע פון דער „ראַנטשאָ״, האָט אונטערגערוקט שמעונען אַ בענקל, אים געהאָלפן אַרויסציען דעם ברוינעם שטאָף פון פעקל, געגלעט, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, מיט אירע אויסגעהאָרוועטע הענט, דאָס הייליקע בילד, נאָך דעם האָט זי אויסגעקניפּלט פון אַ טיכל אַ צען־פּעזעדיקע מטבע און דאָס דערלאַנגט שמעונען.

— דאָ האָסטו דעם אַדערויף און יעדע וואָך, וועל איך דיר צאָלן צו פינף פּעזעס. פאַרשרייב מיין אַדרעס.

שמעון האָט זיך געפילט, אַ געהאָלפענער. דעם גאַנצן מסחר האָט פאַר אים אויסגעפירט זיין קליענטין. ער האָט אפילו קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— „קאַסעראַ״, סערוויר זיך, — האָט אים זיין נייע קונדין צוגעבראַכט אַ הענגל טרויבן און האָט זיך אויף אַ ווײַלע אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן.

צוריק, האָט זי זיך אומגעקערט, מיט אַ פּאָר שכנות, און האָט זיי אָנגעוויזן אויפן פעקל סחורה, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און אויף די בילדער.

— שיינע שטאָפן, האַ?

די פרויען האָבן זיך איינע די אַנדערע באַגײַסטערט און צוגערעדט צו קויפן. איינע האָט אָפּגעקויפט, ביי שמעונען, אַ בעט־צודעק און די אַנדערע, צוויי לײַלעכער.

איצט האָט שוין שמעון זיך געקענט אומקערן אַהיים. ער וועט שוין קענען אָנקוקן זיין רחלן אין די אויגן. ער וועט אויך ניט דאַרפן פאַרשעמט ווערן פאַר בערלען, — אַז ער איז אַ לא יוצלח.

פון דאַן אָן, פלעגט זיך שמעון, יעדן פרימאָרגן, אָנלאָדן מיט זיין סחורה און אַוועקלאָזן צו דער געגנט פון די „ראַנטשאָס״. ער איז דאָרטן געוואָרן אַ היימישער. אַלע האָבן אים געקענט און ער אַלעמען. ער האָט זיך דאָרטן געשאַפן אַ קונדשאַפט.

אָפּט מאָל פלעגט ער פאַרבלאָנדזשען אין אַ זײַטיקער גאַס. דאָרטן איז אים שווערער אָנגעקומען דאָס קלאַפּן. זעלטן ווען, עס האָט זיך פאַר אים אַ טיר געעפנט. אַ סך מאָל, אַז אימיצער פון די שטוב־מענטשן, ווו שמעון האָט אָנגעקלאַפּט, האָט אים דערזען, דורך דער שויב פון דער טיר, ווי ער שטייט, מיט זײַן פּעקל אויפן אַקסל, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט, אינעווייניק, ניט זאָגנדיק אפילו קיין וואָרט. אַן אַנדערש מאָל, ווען די טיר איז ניט געווען קיין דורכזיכטיקע, פלעגט זיך אימיצער באַווײַזן און מיט רוגזה אויסשרײַען: „נאַדאַ, נאַדאַ״! (גאָרניט, גאָרניט).

אַ מאָל, פלעגט אויף שמעונס אַ קלאַפּ אין טיר, אַרויסקומען אַ מאַן, אַ צעקאָכטער, וואָס ער האָט אים געשטערט אין זײַן רו, אָדער איבערגעריסן אין מיטן האַליובען זיך, צי קריגן זיך, מיט זײַן ווײַב — האָט ער אים גאָרניט געזאָגט, נאָר אים אָפּגעמאָסטן, מיט פאַראַכטונג, פון קאָפּ ביז די פיס, און אַזוי אַ פּאַטראַסקע געטאָן די טיר, אַז די שטוב איז אויפגעציטערט געוואָרן.

שמעון האָט שווער געאַרבעט. ער פלעגט אַרומקריכן, איבער די גאַסן, גאַנצע טעג, אין היץ און אין קעלט, אין שטורעם און אין רעגן. שווערער פאַר דער אַרבעט, זײַנען געווען פאַר אים, די בזיונות און די דערנידערונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען. יעדן פרימאָרגן, איידער ער איז אַרויס אין גאַס, האָט ער פאַרשאָלטן דעם טאָג פון זײַן געבוירן.

איין האָפענונג האָט נאָך אין אים געלעבט, — איין טרייסט — ער וועט פלײַסיק אַרבעטן, ער וועט זיך אַרויפאַרבעטן, מאַכן אַ ביסל געלט און דאַן, דאַן וועט ער אַוועקגיין פון דאַנען. ער וועט זיך אומקערן צוריק צו זיך, צו זײַן היים און לעבן, — זײַן אייגענעם לעבן.

די צײַט האָט דערווײַל געטאָן דאָס איריקע — זי איז געגאַנגען. שמעונס משפּחה איז פאַרגרעסערט געוואָרן. ער וווינט שוין אין אַ דירה פון פינף צימערן, האָט זיך אײַנגעשאַפט מעבל. די קינדער דאַרף מען דערציען. ער האָט שוין אַוועקגעוואָרפן דאָס קלאַפּן און זיך דערשלאָגן צו אַ מעבל־געשעפט.

שמעון לעבט אויסגערעכנט. ער וויל ניט אָנרירן צו פיל פון זײַן האָפענונג...

אַז רחלע וויל אַרײַנפירן אַ נײַעם גאַרניטער מעבל אין שטוב, אָדער קויפן אַ קאָסטבאַרע זאַך אין דער באַלעבאַטישקײַט, הערט זי פון אים, תמיד, דעם זעלבן פּזמון:

— צו וואָס, רחלע? — אַז מיר וועלן דאָך דאָ, סײַ ווי לאַנג ניט בלײַבן.

רחלע פלעגט, אַ שטילע, אויסהערן שמעונען און איז באַשטאַנען אויף זײַנע רייד, כאָטש זי האָט ווייניק געגלויבט אין שמעונס האָפענונגען.

די יאָרן האָבן זיך דערווײַל געקײַקלט און אַוועקגעקײַקלט. יאָרן זײַנען געקומען און אַוועק און ווידער געקומען און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס ערגסטע — די מלחמה.

שמעונס וועג, אויף צוריק, איז אָפּגעשניטן געוואָרן.

שמעונס קינדער האָבן געטאָן זייעריקע. זיי האָבן געלעבט און זײַנען געוואַקסן. זיי האָבן געלעבט זייער לעבן, אַ לעבן אָן זאָרגן, אין אַ פרײַען לאַנד, אויף פעסטער ערד, אונטער ברייטע, בלויע, ליכטיקע הימלען. זיי האָבן ניט אַרויסגעשפּירט שמעונס געדאַנקען און געפילן. די זין האָבן אַרײַנגעבראַכט מיידלעך, אין שטוב אַרײַן, און די טעכטער, בחורים. זיי האָבן זיך געליבט, חתונה געהאַט, און געבראַכט קינדער אויף דער וועלט.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. די בריקן צו זײַן היים, זײַנען אויפגעריסן געוואָרן. זײַן היים ליגט אַ חרובע. זײַנע יידן פאַרברענט. אַוועק מיטן רויך.

אויף שמעונען איז פּלוצלינג די עלטער אָנגעשפּרונגען. דערצו האָט זיך ביי אים, אַן אַלטע וווּנד צעשפּילט. דער רעכטער פוס, וווּ ער האָט אַ מאָל אַ קויל אַרײַנגעכאַפּט, בעתן בירגער־קריג, דאַקוטשעט אים, מאַטערט אים און קרעמפּט אין וויעץ. די יסורים דערמאָנען אים, אין נאָך אַן אילוזיע, וואָס איז צערונען געוואָרן, אַז אויך זײַן אויס־געחלומטע וועלט איז חרוב געוואָרן. די שיין פון דער זון אין מזרח, וואָס האָט געדאַרפט אויפלײַכטן אויף דער גאַנצער וועלט, איר דערלייזן, צוזאַמען מיט זײַן פאָלק, — איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

דאָרטן, אויף דער ערד, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט זײַן בלוט, וועלכער

ער האָט אָפּגעגעבן זײַן יוגנט־כּח, — דאָרטן זײַנען צעשאָסן געוואָרן די בעסטע, איידלסטע זין פון דער רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע גופא.

און זיין פּאָלק? — וואָס הויבט זיך אויף פון אַש, וואָס טויכט אַרויס פון זײַן אייגענער בלוט־פאַרפלייצונג, באַקומט פון דאָרטן, אַנשטאָט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, — אַ קאַפּע, מיט אַ רויט־פאַרבלוטיקטן שטיוול.

שמעון טראַכט שוין מער ניט, וועגן מאַכן אַ ביסל געלט און אַוועקגיין. שוין ניטאָ קיין צוריק. און קיין ווײַטער איז אויך ניטאָ. שוין צו שפּעט, — ניטאָ וועז.

אַלע זײַנע יאָרן האָט ער געטראַכט, אַז דאָס לעבן דאַרף נאָך קומען. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען נאָר אַ צוגרייטונג פאַרן לעבן, וואָס דאַרף קומען. איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז מיטן צוגרייטן זיך צום לעבן, זײַנען אנטרונען זײַנע יאָרן, אַז דאָס צוגרייטן זיך גופא, איז געווען זײַן לעבן. ער שפּירט, ווי דאָס חיות ריזלט אָפּ פון זײַן געביין. ער אַליין שטויסט עס אַרויס פון זיך. עס זײַנען אים שווער, די לעצטע יאָרן זײַנע. ווי אַ לאַסט שלעפּט ער זיי, ווי אַן עול, אַ שווערן.

גאַנצע שעהן, איבערהויפּט אין די פרײַע טעג, זיצט שמעון, אַ פאַרזונקענער אין זײַנע מחשבות.

רחלע פילט זײַן האַרץ. זי קען זײַנע מחשבות. זי הערט זיי ממש אַרויס. פּרוווט זי אים איבעררײַסן.

— שמעון לאָמיר זיך גאָר אַ ביסל דורכגיין.

— האַ? וואָס? דורכגיין?

— לאָמיר צוגיין צו די קינדער.

— קינדער? וועלכע קינדער?

— וואָס הייסט?

— איך מיין צו וועמען?

— לאָמיר צוגיין צו בתיהן. בײַ איר וועלן הײַנט זײַן, אויך די איבעריקע קינדער.

— צו בתיהן? יאָ. גוט.

רחלע לויפט, פּאָרויס, אַן אויפגעלעבטע. זי איז זײַן פירערין. זי קען גוט דעם וועג צו אירע קינדער. זי ווייס פון אַלע קאָמוניקאַציעס, וואָס פירן אהין און די נומערן פון די אויטאָבוסן.

בתיהס שטוב איז אָנגעפילט מיט פרייד און לעבן. אַלע שמעונס קינדער זײַנען דאָרטן פאַרזאַמלט, — די זין און טעכטער, די איידעמס און שניר. זיי פאַרברענגען געמיטלעך און לײַכט.

פון גאָרטן הערן זיך קינדערישע געקלאַנגען און אויסגעשרייען: דער זיידע, די באָבע! די אייניקלעך לויפן אַרײַן, אין שטוב אַרײַן, און טוליען זיך צו שמעונס קני און רחלס שויס.

מער פון אַלעמען, לאַשטשעט זיך, צו שמעונען, זײַן זעקס יעריקע אייניקל, פּאַטריסיאַ. זי קריכט אַרײַן, צווישן זײַנע קני, גלעט אים איבער די הענט, און אַט איז זי שוין אויף זײַן שויס, צעפּאַטלט אים די שיטערע האָר פון זיין קאָפּ און קוקט אים לאַנג, לאַנג אָן, מיט אַ פּאָר גרויסע, טיפע אויגן, ניט אַרויסריידנדיק קיין איין וואָרט.

— רחלע. אַ קליין רחלע. — און אַ סקרוך גייט אים אַריבער, איבערן רוקן.

אין אַ ווײַלע אַרום, זיצט שוין שמעון אין אַ פאָטעל, אַן אַרײַנגעטוּנעטער אין זײַנע שטענדיקע טראַכטענישן. ער רײַסט איבער זײַנע מחשבות און וואַרפט זיך אַליין פאָר:

— פאַר וואָס קען איך זיך אַליין ניט פאַרגינען דאָס פיצל נחת? אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט, וואָלט זיך געפילט גליקלעך, אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע שיינע און פײַנע זין און טעכטער, איידעמס, שנירס און אייניקלעך.

אָבער באַלד פאַרענדיקט ער מיטן מוסר זאָגן זיך אַליין. קוקט אָן מיט גרויסע, פאַרטראַכטע אויגן אַלע אַרומיקע און גלויבט זײַנע אייגענע אויגן ניט, די וואָר וואָס ער זעט.

ער זעצט פאָר זײַנע איבערגעריסענע טראַכטענישן:

אָפּגעלעבט אַ לעבן, געבראַכט צוויי דורות אויף דער וועלט, און אַליין דעם וועג נאָך אַלץ ניט געפונען.

.1962

און וואַסיל ליגט אויפן יידישן בית־עולם

לעבן און טויט — אין נאָענטער שכנותשאַפט און אַזוי קידער־ווידערדיק — ווערן באַווירקט איינער פון דעם אַנדערן.

וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? ווען ענדיקט זיך דאָס לעבן? ווען הויבט זיך אָן דער טויט? — קיינער האָט זיך נאָך דערצו ניט דערגרונטעוועט.

טויט לאָזט זיך דאָך בכלל ניט דערקלערן. קען מען דען דערקלערן דעם גאָרנישט?

טויט איז דאָך נאָר דאָס אויפהערן פון לעבן. און דאָס אויך ניט אויף זיכער. ווײַל סײַ גלייביקע, סײַ ניט גלייביקע האַלטן דאָך, אַז דאָס לעבן איז אייביק. די מאמינים גלייבן דאָך אין עולם־הבא און אויך די אפיקורסים האַלטן, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט גייט ניט פאַרלאָרן, נאָר ווערט איבערגעטראַנספאָרמירט פון איין מאַטעריע אין אַן אַנדערער, און דאָס לעבן איז אַ מין גלגל־החוזר.

אפילו אונדזערע הייליקע ספרים שרײַבן דאָך וועגן דעם מענטשן, אַז פון דער ערד איז ער געקומען און צו דער ערד קערט ער זיך אום.

אָבער דער מענטש — שווער און טרויעריק איז אים צו גלייבן, אַז ער ווערט אָנגעטראָגן אויף דער וועלט, דורכן ווינט, ווי אַ בלעטל וואָס פאַרוועלקט און איז מער נישטאָ. זוכט ער — אין זײַן לעבן — אַרײַנצולעבן אין נאָכן טויט אַרײַן — אין נאָך זײַן לעבן אַרײַן.

ווי קליין דער מענטש זאָל נישט זײַן, זוכט ער מיט עפּעס זיך צו פאַראייביקן — זאָל דאָס כאָטש זײַן מיט זײַן נאָמען אויף אַ שטיין.

טוט דער מענטש אַזעלכע זאַכן אין זײַן לעבן, אַזעלכע מעשים, וואָס ער וואָלט זיי ניט געטאָן, ווען ער וואָלט ניט געוואָלט בלייבן לעבן

איך נאָך זײַן טויט. ער ווייזט אַרויס גבורה, אײַנשטעלנדיק זײַן לעבן אין קאָן, אַז קומענדיקע דורות זאָלן וועגן אים דערציילן. ער בויט אַ הויז פאַרן כלל אויף זײַן נאָמען. ער זאַמלט אָן גײַסטיקע עשירות און לייגט זיי אַרײַן אין ספרים אונטער זײַן נאָמען. און אויך די לעבעדיקע ווייסן צו צאָלן זייער חוב צו די ווערטיקע מענטשן, וואָס האָבן זיי איבערגעלאָזן אַ ירושה. — זיי צעטראָגן זייערע נעמען איבער הייזער און גאַסן, איבער פאַרקן און שטעט. זיי צאָלן ערלעך זייער חוב, כדי די ווײַטערדיקע דורות, וואָס וועלן קומען נאָך זיי, זאָלן זיי באַצאָלן וואָס עס קומט זיי.

אַנטקעגן וואָס דאָס גאַנצע חקרענען זיך און פילאָסאָפירן? — טאָקע אַנטקעגן וואָסילן, — אַנטגעקן דעם עלנטן וואָסילן.

ווען ער האָט דערשפּירט, אַז זײַנע טעג גייען אויס, האָט ער געהאַלטן אין איין בעטן זײַנע פרײַנד, מען זאָל אים לייגן אויפן יידישן בית־עולם. אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט צווישן יידן, וויל ער אויך זײַן צוזאַמען מיט זיי נאָכן טויט.

— איך וויל — האָט ער זיך געבעטן — מען זאָל מיך באַערדיקן אויפן יידישן הייליקן אָרט — זאָל זײַן אפילו בײַם פּלויט, אַבי אויפן יידישן בית־עולם. אַז אימיצער וועט אַ מאָל פאַרבײַגיין מײַן קבר, וועט ער מיך כאָטש דערמאָנען. אויפן גויישן צמענטעריום — ווער וועט מיך דערמאָנען? — עס וועט דאָך פון מיר אפילו קיין זכר ניט פאַרבלײַבן.

סײַ נאָך דעם נאָמען נאָך, סײַ נאָך דעם וואָס ער האָט זיך באַדאַרפט בעטן, מען זאָל אים לייגן אויפן יידישן בית־עולם, קענט איר זיך שוין אָנשטויסן, אַז וואָסיל איז געווען אַ גוי.

כאָטש צוריק געשמועסט איז דער נאָמען קיין ראיה ניט. אדרבא, מיר ווייסן דאָך, אַז אַ ייד הייסט משה, רופט ער זיך מאָוריסיאָ, ישראל — איסידאָראָ, אברהם — אַדאָלפאָ, יודל — כוליאָ, נפתלי — נאַפּאָלעאָן, און פאַרקערט, זעט איר ערגעץ־ווו אויף אַ שילד אַ נאָמען אברהם, צי משה, אָדער ישראל, קענט איר זיכער זײַן, אַז דאָס איז אַ גוי גמור.

אָבער די צווייטע ראיה, אַז וואַסיל איז געווען אַ גוי — פון דעם וואָס ער האָט זיך באַדאַרפט אַזוי בעטן, מען זאָל אים באַערדיקן אויפן יידישן הייליקן אָרט — איז יאָ אַ ראיה. וואָרעם וואָסער ייד באַדאַרף זיך דאָס בעטן, מען זאָל אים ברענגען צו קבר־ישראל?

און וואַסילס בקשה איז אָנגענומען געוואָרן. ער ליגט אויפן יידישן בית־עולם.

אָבער וואָס האָב איך דאָ געטאָן? — איך האָב אָנגעהויבן פון סוף און קאַליע געמאַכט די גאַנצע מעשה. איר ווייסט דאָך אפילו ניט ווער איז געווען אָט דער וואַסיל.

טאָ לאָמיר אײַך דערציילן:

באַקענט מיט וואַסילן האָב איך זיך מיט אַ סך יאָרן צוריק. אין דעם גרויסן זאַל פון דער יידישער היים פון „סירקולאָ איזראַעליטאַ", אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם לאַנד טשילע, — סאַנטיאַגאָ — איז דאַן פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג.

אויף דער בינע איז געשטאַנען אַ באַוווּסטער מאַן פון ארץ־ישראל. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט, — געשפריצט מיט פײַער. זײַנע רייד האָבן געטראָפן אין די הערצער אַרײַן פון די מענטשן. זיי זײַנען געפאַלן, ווי זוימען אויף פעטער ערד און האָבן זיך גלײַך אָנגענומען.

אַלץ איז קלאָר געוואָרן. אַלע ספקות זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן.

דער מיטינג האָט זיך געענדיקט. די מענטשן, אָנגעגליט פון דעם רעדנערס פײַער, האָבן ניט געקענט גיין אַהיים. זיי האָבן זיך געקליבן אין רעדלעך.

מען האָט געהערט ווי יידן פאָסמאַקעווען זיך, ווי נאָך אַ גוטער סעודה:

— אײַ, אײַ, אײַ, — איז דאָס אַ רעדנער! איז דאָס אַ מויל! שוין לאַנג ניט געהערט אַזעלכע דבורים. פּערל, ממש פּערל! אַ כח אַ ביסל!

עטלעכע פון מײַנע באַקאַנטע, וואָס האָבן מיר געקאָנט פאַר אַ קליינעם מאמין אין ציוניזם, האָבן מיך אַרומגענומען אין אַ קרײַז און צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט:

— נו, וואָס וועט איר עפּעס איצט זאָגן, ר׳ יעקב? האָ?

וואָס האָב איך געקענט זאָגן?

איך האָב געוווּסט, אַז אַלץ וואָס איך וועל זאָגן, וועט ניט האָבן ניט קיין זין, ניט קיין טעם און ניט קיין ריח. בין איך אָפּגעקומען מיט אַן „אָבער“.

דאַן האָט זיך צו מיר דערנענטערט אַ יונגערמאַן. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס. זײַן פּנים איז געווען באַצויגן מיט אַן איידעלער ראָזקײַט און באַצירט מיט אַ שוואַרץ־גלאַנציק בערדל. אויף זײַן געשניצטן נעזל האָבן געריטן אַ פּאָר ברילן אין אַ גילדענער ראָם. זײַן קאָפּ איז געווען פײַן געבויט און באַקרוינט מיט אַ וואַלד האָר, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעוויסט אַ הויכער, קלוגעבדיקער שטערן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ שטעטלשער משכיל, ווי אַזאַ וואָס כאָטש ער איז שוין געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה און איז אַראָפּ פון דרך־הישר, האַלט ער נאָך אַלץ אַן סטאַט. מיט היימישקײַט האָט פון אים אַ ווייע געטאָן. עס איז מיר געוואָרן וואַרעם אין האַרצן. שוין אַ פּאָר יאָר ווי איך האָב אַזעלכע יונגעלײַט ניט באַגעגנט.

— „אָבער“ — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט — וואָס פאַר אַן „אָבער“? איר האָט נאָך ספקות? ווי קען מען דאָס זײַן אַ ייד און ניט קיין ציוניסט? דאָס קען דאָך ניט געמאָלט זײַן!

עפּעס האָט ער גערעדט אַנדערש ווי די אַלע. זײַנע רייד זײַנען געווען געשליפענע, געטאָקטע, אין ליטעראַרישן נוסח און דורכגענומען מיט עקסאַקטער פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע.

פּלוצלינג האָט ער זיך באַגעגנט מיט מײַנע אויגן, ווו ער האָט געטראָפן פרײַנדלעכקײַט און באַוווּנדערונג און האָט אָפּגעשטעלט די אַטאַקע.

מיר זײַנען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

איך האָב ניט געוווּסט ווי די דאָזיקער יונגערמאַן הייסט און ווער ער איז.

עס איז אַוועק אַ לענגערע צײַט און איך האָב אים מער ניט געטראָפן. נאָר איין מאָל, ווען איך בין געגאַנגען מיט מײַנעם אַ פרײַנד

איבער די גאַסן פון סאַנטיאַגאָ, האָב איך פון ווײַטן דערזען דעם באַבער־דלטן יונגערמאַן.

— ווער איז ער אָט דער דאָזיקער יונגערמאַן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מײַן פרײַנד.

— דו ווייסט ניט ווער דאָס איז?

— ניין.

דאָס איז דאָך וואַסיל.

— נו, און אַז וואַסיל, ווייס איך שוין ווער ער איז?

— וואַסיל, וואַסיל! — ווער ווייס דאָס ניט ווער וואַסיל איז?

— איך.

— וואַסיל, דער בולגאַר.

— נו.

— דער בולגאַר. דער גוי.

— דער גוי!?

— יאָ, ער איז אַ גוי.

— אָבער?!

— יאָ, דו ביסט ניט דער איינציקער וואָס וווּנדערט זיך, ווען ער דערהערט, אַז וואַסיל איז אַ גוי. אַז יידיש רעדט ער ווי אַ וואַסער, אַן אויסזען האָט ער אַן עכט יידישן און פאַרנעמען, פאַרנעמט ער זיך מיט יידישע פרנסות, — אָדער ער קלאַפּט מיט אַ פּעקל, אָדער ער גייט אַרום מיט קראַוואַטן איבער די ביוראָען, טאָ וועמען קען אײַנפאַלן אַז ער איז אַ גוי.

— פון וואַנען קען ער יידיש?

— נאָך פון אייראָפּע. פון זײַנע סטודענטישע יאָרן אין דײַטשלאַנד. ער האָט דאָרטן פאַרקערט נאָר אין די ציוניסטישע סטודענטן־קרײַזלעך. ער איז אַ גאַנצער ציוניסט, אָט דער וואַסיל. און זינט ער געפינט זיך אין די דאָזיקע לענדער, לעבט ער נאָר צווישן יידן. וואַסיל געהערט צום רומל פון אונדזער ישוב. ער איז דאָס חן־פינטל פון דעם טשילענער יידישן קבוץ.

יאָ, איך דאַרף דיר דערציילן אַ שיינע געשיכטע וועגן וואַסילן.

איידער ער איז אָנגעקומען קיין טשילע, האָט ער אַ שטיקל צײַט געוווינט אין אַרגענטינע.

ווי אַנדערע יידישע אימיגראַנטן, האָט ער זיך זומער־צײַט אָוועק־געלאָזן איבער די יידישע קאָלאָניעס אויף „קאָסעטשע" (שניט).

זײַן באַלעבאָס, בײַ וועמען ער האָט געאַרבעט, האָט זיך מיט אים געצאַצקעט. אַ זײַדענער יונגערמאַן. ער איז בײַ אים געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית. דעם באַלעבאָס׳ טאָכטער האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג. נאָר אָט האָט געטראָפן אַ מכשול. בײַ דער פרײַטיקצונאַכטיקער סעודה, זיצט זיך וואַסיל אַן אויסגעפוצטער, מיט אַן אויסגעצוואָגענעם בערדל און מיט אַ זײַדענער יאַרמלקע אויפן געדיכט־באַהאָרטן קאָפּ, צווישן אַלע בני־בית, אַ גאָר יום־טובדיקער. נאָר פּלוצים, ווי אַ בראָך, דער באַלעבאָס איז אים מכבד מיט קידוש. וואַסיל איז געוואָרן טויט־רויט. ער האָט גענומען מעקען און בלעקען און ניט געוווסט ווי אַרויסצוקריכן פון דעם אומגליק.

אויף מאָרגן האָט ער עוקר געווען פון דער קאָלאָניע.

וואָס דאַרפסטו מער. אַז וואַסיל איז אָנגעקומען קיין טשילע, איז ער אַוועק, ווי יעדער עלנטער אימיגראַנט אין הכנסת־אורחים, און דאָרטן האָט מען אים תמיד פאַררעכנט אַלס צענטן צום מנין.

— —

— —

אין פאַרלויף פון די יאָרן, האָב איך זיך מיט וואַסילן באַפרײַנדט. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן און שמועסן לאַנגע שעהן.

עס פלעגט טרעפן: איך לויף ערגעץ־ווו, אַ פאַרהאַוועטער — איך ווייס אַליין ניט וווהין — אַנטקעגן אַ גאָלדיקן פלעמל, וואָס גיט אַ שײַן פאַר מיר און אַנטרינט. פּלוצים וועקט מיך אויף אַ ברייטער: — אַ גוט שבת אײַך, אַ ר׳ יעקב!

איך בלײַב שווער שטיין אין מיטן גאַלאָפּ:

— אַ גוט שבת, ר׳ וואַסיל!

איך בין געלאָפן, שבת, אין מײַן וואָכיקן געלאַף, האָט מיך וואַסיל אָפּגעשטעלט און געשטעלט אין בושה.

איך האָב שוין דעם שבת פון לאַנג פאַרוואָרפן, — קומט ער, וואַסיל, און טראָגט מיר אים אונטער, אַזוי ברייטלעך, מיט אַזאַ יידיש־לעכן ניגון...

און איצט, אַז איר ווייסט שוין ווער און וואָס וואַסיל איז געווען, וועל איך טאַקע מאַכן אַ סוף צו דער מעשה.

און ווען איך פלעג נאָר קומען אויף דעם הייליקן אָרט, וואָס געפינט זיך אויף די רחבותדיקע פעלדער פון קאָנטשאַלי, פלעג איך זיך לאָזן גיין איבער די גאַסן און אַלייען פון דער טויטן־שטאָט, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעשעמערירט די גלאַנציקע מירמל־שטיינער, מיט נעמען און יחוס, מיט שבחים און בלומען. איך פלעג אַזוי גיין און גיין, ביז איך פלעג אָנקומען צום סאַמען סוף. דאָרטן, אין אַ ווינקל, האַרט בײַם פלויט, איז געשטאַנען אַן עלנטער, פשוטער שטיין, פון וועלכן עס האָט אַראָפּגעקוקט נאָר איין וואָרט — וואַסיל — ווי מען האָט גערופן דעם וואָס רוט אונטער אים. (זײַן פאַמיליע־נאָמען האָט קיינער ניט געוווּסט).

איך פלעג בלײַבן שטיין בײַ דער עלנטער מצבה, אונטער דעם געשוויטשער פון פויגלען און דעם ליכטיקן פאַרפלייץ פון דער זון, און שטילערהייט, ווי אַ תפלה־בלחש, שעפּטשען דאָס איינציקע וואָרט: וואַסיל, וואַסיל...

1965.

„יאַכווילניש״

„יאַכווילניש״ איז געווען זײַן לעצטער נאָמען. אין זײַן לעבן האָט ער געהאַט אַ סך נעמען — יתרוס נעמען — אויסגעטראַכטע.

גאָר זעלטן האָט ער געהערט, מען זאָל אים רופן בײַ זײַן אמתן נאָמען.

אין שטוב האָט מען אים גערופן יענטשע, ווייל אַלץ האָט ער געוואָלט און מיט קיין זאַך איז ער ניט געווען צופרידן — און געהאַלטן אין איין יענטשען.

אין חדר האָט מען אים גערופן לעכטל, מחמת אַ וואַקסן ליכטל, אין צעגיין, האָט אים אַרונטערגערונען פון אונטער דער נאָז, אויף דער אויבערשטער ליפּ, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ רויטע פּליאַמע. מען האָט דאָרטן אים אויך גערופן פּענכער, צוליב דעם וואָס ער פּלעגט זיך אָנבלאָזן ווי אַ פּענכער צום פּלאַצן, ווען ער איז אַרײַן אין כעס, און — הענדל, ווײַל ער האָט גערעדט גיך־גיך און צום סוף זיך פאַר־קרייעט, ווי אַ הענדל. דער עקר האָט דאָס בײַ אים געטראָפן, ווען ער פלעגט איבערזאָגן דאָס אויסריידעניש, וואָס דער מלמד האָט אײַנגעקנעלט מיט די תלמידים.

דערפאַר, — ווען ער האָט געהערט, צו זײַן בר־מצוה, יום־טובדיק אויסזינגען זײַן נאָמען, יונה ברב יעקב — איז ער צעטומלט געוואָרן. און אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען מיינט דאָס טאַקע אים, איז ער אין אײַלעניש צוגעלאָפן צו דער תורה און אָפּגעכאַפּט, גיך־גיך, די ברכות, מיט אַ קריי פון אַ הענדל.

נאָך אַ מאָל האָט אים זײַן נאָמען געגרויסט און געגלעט. דאָס איז געווען אין „פּריסודסטוואָ״ — ווען ער איז געשטאַנען צום פּריזיוו.

— יונה יאַנקעלעוו ראָזענגאַרטן — האָט ער געהערט הויך אויסרופן.

— ראָזענגאַרטן, אוי־וואַ, אוי־וואַ, שאַין, שאַין, אמת שאַין, אַ שאַינער נומען, מיך מאַינט מען דוס? אַ שאַינער נומען, ווס שאַין האַיסט — האָט ער געטראַכט און הנאה געהאַט.

אַ שטורך אין פּלייצע פון דעם באַדינער, און ער איז געשטאַנען פאַר די דאָקטוירים.

אָבער אין גיכן האָט ער די הנאה פון זײַן שיינעם נאָמען אויס־געקרענקט. אין קאַזאַרמע, האָט דער פעלדפעבל, בײַם אויסרופן אים, אַזוי פאַרדרייט זײַן נאָמען יונה, אַז אַ קאָזאַק האָט געקענט רויט ווערן בײַם הערן עס. צום ראָזענגאַרטן איז ער שוין נישט דערגאַנגען. די זעלנער האָבן אויסגעשאָסן אין אַ ווילדן געלעכטער. איז קאַזאַרמע איז ער שוין געבליבן בײַ זײַן צעקאַליעטשעטן, מיאוסן נאָמען.

מיט אַ גאַנצער סדרה פון אויסגעטראַכטע נעמען, איז ער ערשט געקרוינט געוואָרן, ווען ער איז אָנגעקומען קיין טשילע.

— דער פּאַלעסטינער — ווייל ער איז אָנגעקומען פון פּאַלעס־טינע, „ווו ער האָט זיך צו קיין זאַך ניט געקענט דערשלאָגן און אַרבעטן אויף די כבישים איז פאַר אים קיין תכלית ניט געווען".

— זשאָקע — מחמת ער האָט קיין מאָל ניט אויסגעטאָן דאָס זשאָקע־היטל פון זײַן קאָפּ, דאַן, ווען אַלע יידן טראָגן דאָרטן נאָר ווייכע היט.

— טשעמאָדאַנטשיק — ווײַל... נו, צום טשעמאָדאַנטשיק וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

און זײַן לעצטער נאָמען — „יאַכווילניש" — מחמת מיט „יאַך וויל ניש", פּלעגט ער אויסשיסן אויף אַלץ דעם וואָס מען זאָל ניט האָבן בײַ אים געבעטן:

— רב ייד, גיט עפּעס אויף אַ יידישן שפּיטאָל.

— אַז יאַך וויל ניש', אַז יאַך דאַרף ניש' קיין יידישע שפּיטעלער.

— רב פּאַלעסטינער, גיט אַ באַשטײַערונג פאַרן מגבית, מיר

האָבן דאָך שוין ברוך־השם אַן אייגענע מדינה. מען דאַרף העלפן בויען אונדזער לאַנד.

— אַז יאַך וויל ניש׳, אַז יאַך דאַרף ניש׳ קאַ יידישע מדינות. ווער האָיסט זאַי פאַר מיאַר בויען יידישע מדינות, ווער? ! אַז יאַך וויל ניש׳.

— טוט אַ טובה, איר וועט פאַרדינען אַ מצווה — שטעלט אים אָפּ אַ יידענע אין גאַס.

— אַז יאַך וויל ניש׳, אַז יאַך דאַרף ניש׳.

סטײַטש, איך האָב יאָרצײַט נאָך מײַן מאַן. איר זײַט דער צענטער צו אַ מנין. איך ווין דאָ אַנטקעגן טאַקע.

— אַז יאַך וויל ניש׳, יאַך וויל ניש׳ — מורמלט ער שוין פון זיך אַלײַן.

וויפל די יידן פון טשילע האָבן ניט אײַנגעטענהט מיט אים, ער זאָל זיך נעמען צום „פעקל" און ווערן אַ „קלאַפּער" (גיין מיט אַ פעקל סחורה, אַנקלאַפּן אין די הײַזער און דאָס איבערלאָזן אויף באָרג), האָט ניט געהאָלפן.

— פאָלגט, גרינער, איר וועט ניט האָבן קיין חרטה — האָבן זיי אין אים אַרײַנגערעדט — אַלע האָבן אַזוי אָנגעהויבן. איר זעט די פאַבריקאַנטן אונדזערע, די הורטאָווניקעס, די גרויסע גבירים, די פרעזידענטן אונד־זערע, — אַלע האָבן זיי פריער געקלאַפּט.

— אַז יאַך וויל ניש׳. אַז יאַך דאַרף ניש׳. ווּס בין יאַך, משוגע, צי חוסר־דאַיע, יאַך וועיל ניימען לעיביידיקע סחורה אין צעטאַילן אַבילי ווימען אין נוך דיים גאַין איבער די האַזער בייטן באַ זאַי אַ נדובה? — יאַך וויל ניש׳ !

און ער האָט זיך גענומען צום טשעמאָדאַנטשיק.

זײַן טשעמאָדאַנטשיק איז ניט געווען קיין נײַער. ער האָט שוין אָנגעזען אַ וועלט. אָבער אַ טשעמאָדאַנטשיק ווי אַלע טשעמאָדאַנטשיקעס, — אַ פּירקאַנטיקער.

דעם טשעמאָדאַנטשיק האָט ער אָנגעשטאָפּט מיט אַ קראָם סחורה: הונדערטער פאַרשיידנקאָליריקע קראַוואַטן, פרויען־און־מענער־זאָקן,

ראַזיר־מעסערלעך, זייפלעך, און אויפן סאַמען דעק איז געלעגן פאַרבאָרגן אַ קעסטלעכע פּרעזערוואַטיוון, אין אַ סך פאַפּירלעך איינגעוויקלט.

פון אָנגעשטאָפּטקייט איז דער טשעמאָדאַנטשיק געוואָרן קײַלעכדיק־געשוואָלן.

דעם טשעמאָדאַנטשיק האָט ער ניט געטראָגן, ווי אַלע טוען דאָס, בײַם הענטל, נאָר אונטערן אָרעם, און אַז ער האָט זיך אַ מאָל אָפּגעשטעלט, האָט ער אים געהאַלטן צווישן די פיס. אַזוי איז געווען זיכערער. ער האָט מורא געהאַט, דער טשעמאָדאַנטשיק זאָל ניט פּלאַצן פון געשווילעכץ און די סחורה זאָל זיך ניט צעשיטן.

פון דעם טשעמאָדאַנטשיק האָט ער זיך ניט צעשיידט, פון גאַנץ אין דער פרי, ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן. ער איז געווען צוגעקלעפּט צו זײַן גוף, ווי אַ טייל פון אים. אַז „יאַכווילניש" איז אויפגעקומען אין אײַער דמיון, האָט איר אים געזען, נאָר צוזאַמען מיטן טשעמאָדאַנטשיק.

„יאַכווילניש", האָט געאַרבעט מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סדר.

אין דער פרי האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט איבער די ביוראָען. ער פלעגט בלײַבן שטיין בײַ אַ טיש און פּאַכען מיט אַ בינטל בונטע קראַוואַטן, אַנטקעגן דעם פּנים פון דעם מענטשן, וואָס איז דאָרטן געזעסן, איבערחזרנדיק די איינע און די זעלבע ווערטער: „קאָרוואַטאַס, באָניטאַס, באַראַטאַס, קאָרוואַטאַס, באָניטאַס, באַראַטאַס" (שיינע, ביליקע קראַוואַטן). און אַז דער באַאַמטער האָט טיפער אַרײַנגעגראָבן זײַן פּנים אין די פּאַפּירן, וואָס זײַנען פאַר אים געלעגן און זיך געמאַכט ווי געפּגרט, ווי ער הערט גאָרניט און זעט גאָרניט, פלעגט „יאַכווילניש" אַראָפּלאָזן פון טאָן און אַריבערגיין אין אַ תפלהדיקן געמורמל, אונטער־שאָקלענדיק זיך אַ ביסל: „קאָרוואַטאַס, באָניטאַס, באַראַטאַס, קאָרוואַטאַס, באָניטאַס, באַראַטאַס".

„יאַכווילניש" האָט געוווסט, אַז ער דאַרף נאָר רירן איין מענטשן, וואָס זאָל אים הייסן ווײַזן זײַן סחורה, דאַן וועלן שוין אַלע איבעריקע באַאַמטע באַפאַלן, ווי די פליגן, זײַן טשעמאָדאַנטשיק און אים באַפרײַען אַ ביסל פון זײַן אָנגעשוואָלנקייט.

מיטאָג־צײַט גייט ער איבער די רעסטאָראַנען און טרייסלט מיט

זײַנע קראַוואַטן, וואָס צעפּליען זיך, ווי קאָליריקע ציצית, איבער די טעלער. אַ ביסל שפּעטער לאָזט ער זיך אַוועק איבער די קאָפּע־הײַזער, און בײַ נאַכט צו די שענקען.

ער בלײַבט שטיין בײַ אַ טישל מיט זײַן סחורה. די ווײַן־פלעשער, האַלב־הוילע און פאַרשעמטע, רויטלען זיך בײַם דעק. די פאַרנעפּלטע אויגן פון די גוטע־ברידער, דערזעען אים קוים אַרויס פון צווישן דעם רויך־זײַל.

„יאַכווילניש" דערוואַרט שוין דעם באַקאַנטן פּזמון, וואָס דאַרף קומען.

— כּודיאַ מוגריענטע (שמוציקער ייד), אַפּילו אויסטרינקען אַ גלעזל מיט גוטע ברידער לאָזט ער ניט.

דערצו האָט ער שוין אָנגעגרייט זײַן דריבנעם געלעכטערל, וואָס פאַרגייט זיך אין אַ שטילן געוויין און פאַרענדיקט זיך מיט אַ ברייטן, נעבעכדיקן שמייכל.

— מײַן קינד, וואָס האָסטו צו אים ? אָרעמער ייד, — רופט זיך אָפּ איינער פון דער חברה צו דעם בעל־פּזמון — קלייב זיך אויס עטלעכע קראַוואַטן. איך וויל דיר שענקען אַ מתנה — און קושט אים שיכּורדיק־גוט־ברודעריש.

„יאַכווילניש" ווערט האַפּערדיקער און דערנעענטערט זיך צו דער קאָמפּאַניע. דאָס בינטל קראַוואַטן ווערט צעכאַפּט אין איין שמע־ישראל.

פון די שענקען גייט ער אַהיים. דער געשאַרך פון זײַנע שווערע טריט, קלינגט אָפּ אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

שבת, איז דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, וואָס „יאַכווילניש" אַרבעט ניט. אין דער פרי גייט ער צום דאַווענען, אין אַ העלן מלבוש, וואָס ער האָט אים אויסגעביטן פאַר אַ פּאָר קראַוואַטן בײַ אַ קונה, און אַ גאַנצן טאָג, ביז מנחה, רוט ער, רוט ער.

שבת צו נאַכט גייט ער זיך אָפּרעכענען מיט אברהם בערקאָוויטשן, פאַר די סחורה וואָס ער נעמט בײַ אים אויף „קאָנדיציע" — בתנאי. (אַ נאַר וועט ער זײַן, אַרײַנלייגן לעבעדיקע געלט. מער האָט ער ניט וואָס צו טאָן. געלט איז אַן איידעלע זאַך).

אַז דער חשבון ווערט פאַרטיק, ציט ער פאַרזיכטיק אַרויס, פון דער בוזים־קעשענע, דעם גרויסן, אָפּגעריבענעם, לעדערנעם „טאַנסטער", וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון פוילן, נעמט פון דאָרטן אַרויס גוט־צוזאַמענגעלייגטע פעקלעך פּאַפּיר־געלט און הויבט עס אָן צו ציילן מיט אַ גמרא־ניגון: איז איינס. איינס און איינס, האָבן מיר צוויי. דרײַ, פיר, פינף. נאָך אַ מאָל, איינס און איינס איז צוויי. צוויי, דריי — ביז ער קומט צו צען. פון יעדערע צען פּאַפּירלעך מאַכט ער אַ פּעקל. דאַן הויבט ער ווידער אָן פון דאָס ניי צו ציילן. נאָכן איבערציילן עטלעכע מאָל דאָס געלט, קוקט ער עס גוט אָן פאַרן געזעגענען זיך מיט דעם, און גיט עס איבער מיט פּאַראַד, בערקאָוויטשן.

נאָכן אָפּגעבן בערקאָוויטשן דאָס געלט, צעאָכצעט ער זיך מיט גרויס פאַרגעניגן און נעמט אַרײַנקוקן אין די יידישע בלעטער פון דער גאַנצער וואָך, וואָס מען געפינט בײַ בערקאָוויטשן אין שטוב.

בערקאָוויטשעס ווײַב דערלאַנגט טיי מיט אײַנגעמאַכץ און פולע קליאַשן מיט קיכל און לעקעך.

„יאַכווילניש" טרינקט דעם טיי מיט קליינע זופּעלעך און מיט גרויס הנאה. ער בלאָזט איבערן טיי, מיט צונויפגענומענע ליפּן, ווי צום קושן, אָכצעט אונטער, פון תענוג, און בײַסט צו דעם לעקעך און דעם קיכל.

די באַלעבאָסטע פאַרדעקט, אַלע ווײַלע, די נאַקעטקײַט פון די קליאַשן און דערגיסט נאָך טיי.

„יאַכווילניש" קוקט ווידער אַרײַן אין די בלעטער און קרעכצעט אַרויס פון זיי:

— שלאַכט, שלאַכט פּאַניע בערקאָוויטש. ביטאָר. נישטו קאָ גיטע גויים, זוג יאַך ענק. אַלע זענען זאַי רשעים, שונאי ישראל. עטץ פרייגט מאָך. יאַך טרעיף מאָך מיט זאַי יעידן טוג. שלאַכט. שלאַכט.

— —

— —

„יאַכווילניש", איז פּלוצים פאַרפאַלן געוואָרן פון די סאַנטיאַגער

גאַסן. אויסגערונען. קיינער זעט אים ניט. מען ווייסט ניט ווו זײַן דוך איז אַהינגעקומען.

אַ פּאָר וואָכן איז „יאַכווילניש" געגאַנגען, יעדן טאָג, צום פעלדשער. דער פעלדשער האָט אים געמאַכט שפּריצן און אײַנשפּריצונגען, געגעבן צו שלינגען פּילן און אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט — ניט אַרומגיין.

אין דער דאָזיקער פרײַער צײַט, האָט „יאַכווילניש", הונדערטער מאָל, איבערגעציילט די גאָלדענע מטבעות און דאָס פרעמדע אויסלענדישע געלט, וואָס ער האָט געהאַט איינגענייט אין זײַן קאַמזויל, וועלכן ער האָט פון לײַב ניט אַראָפּגענומען, ניט ווינטער, ניט זומער — און צו זיך אַליין געזאָגט:

— יונה, יונה, טיפּש אינער, געניג זיך אַרימצישלעיפּן איבער די ביליקע טראַקטירן אין וואָלוועלע האַזלעך. וועסט קראַפּירן, ווי אַן עלנטער, בלודנער הינט אין פאַלן אין גאַס, וועסטי. ניים דאַנע פּיס אַף די פלאַיצעס, פור אַראַן אין דייר האַים, אין ברענג זעך פין דורט אַ שטיקל יידענע.

— —

— —

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך „יאַכווילניש" אַרײַנגעלאָזן צו בערקאָ־וויטשן אין קלייט. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ שטאַלטנע פרוי פון אַ יאָר דרײַסיק. אירע גלאַנציקע שאַטענע האָר, זײַנען געווען צוגע־קעמט אין אַ גלײַכן שרונט. איר פּנים האָט זיך געראָזט און גערויטלט. פון איר לײַב, האָט זי נאָר באַוויזן אַ קליינעם, שמאָלן, בלאַנק־ווייסן דרײַ־עק, וואָס האָט זיך געצויגן פון איר שיינעם האַלדז ביז צום סוף פון דעם אויסשניט פון איר גאַנצן קליידל.

— דוס אי מאַ וואַב, בלימע־לאַיע, — האָט „יאַכווילניש" אַ זאָג געטאָן צו בערקאָוויטשן.

בלימע־לאַיע האָט אויף האַלב אַן עפּן געטאָן אירע גרויסע, ברוינע, אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און איר פּנים האָט זיך אויף רויט געפאַרבט.

דער „מאַ וואַב" האָט איר געשטאָלצט. אַבי זי האָט געמיינט,

אַז זי וועט שוין פאַרזעסן ווערן אויף אייביק און תמיד דאַרפן קאָכן פּעטע טעפּ אין רײַכע הײַזער.

— „מאַ וואַב, מאַ וואַב".

בלימע־לאַיע איז דאָס געווען דאָס שטיקל יידענע, וואָס „יאַכ־ווילניש" האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע.

— —

— —

„יאַכווילניש", האָט נאָך מערער און שטאַרקער געאַרבעט. איצט האָט ער דאָך שוין געהאַט אַ ווײַב מיט קינדער.

בלימע־לאַיע, האָט אויך ווײַטער ניט געוווסט פון קיין גליק. איר שטוב איז געווען הויל, — אָן מעבל און אָן פריידי. דער מאַן אַ גאַנצן טאָג אין גאַס. זי האָט געוואַשן און געראַמט, געשלעפּט גרויסע, געשוואָלענע קוישן מיט שיריים פיש, פלייש און פרוכט, וואָס זי האָט אײַנגעהאַנדלט בחצי־חינם אין מאַרק, און געקאָכט גרויסע טעפּ.

„יאַכווילניש", האָט דעם גאַנצן הונגער באַהאַלטן אויף בײַ נאַכט, — אויפן נאָכן קומען פון דער אַרבעט.

גאַנצע טעלער מיט זופּן, פיש און פלייש, האָט ער פאַרשלונגען, און שלינגענדיק געאָכצעט פון גרויס תענוג.

— בלימע־לאַיע, גיט גיט, טאָזנט טעמים. גיט, גיט. האָנט דער קאָמפּאָט (מיטן טראָפּ אויפן ערשטן אלף), מעדני־מלך. געשמאַק. געשמאַק, בלימע־לאַיע.

„יאַכווילניש", האָט שטאַרק ליב געהאַט קאָמפּאָט. ווי זאַט ער זאָל גיט האָבן געווען, האָט ער אים געגעסן מיט זשעדנעקײַט און דעם יויך פון אים געזשלאָקעט מיט אַ מוראדיקן רעש, צופּאַטשנדיק מיט די ליפּן.

נאָכן עסן איז „יאַכווילניש" געפאַלן אין בעט אַרײַן, ווי אַ דערהרגעטער, און זײַן שנאָרכן האָט זיך אַדורכגעריסן, דורך די פענצטער, אין גאַס אַרויס.

די פּעטע מאכלים האָבן „יאַכווילניש"ן געלײַביקט. זײַן בויך, אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק, האָט זיך געריסן פון זײַנע בגדים אַרויס. זײַן פּעטע

ברוסט, האָט דעם קאַמזויל מיט די מטבעות שיעור ניט צעזעצט. די געשוואָלענע פּיס, האָבן געשוועדט זײַן גאַנג, און דער אָטעם איז אים קורץ געוואָרן.

— —

— —

שפּעט בײַ נאַכט האָט דאָס צוועלף יעריקע מיידל פון „יאַכווילניש" אָנגעקלאַפּט צו בערקאָוויטשן. זי איז אַרײַנגעפאַלן אין שטוב אַרײַן און אַרויסגעוויינט:

— פאַניע בערקאָוויטש, דער טאַטעשי איז פאַרבאַ, אַן אַטאַק, דער טאַטעשי האָט געקראָגן אַן אַטאַק.

— —

— —

וואָכן לאַנג איז „יאַכווילניש" אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל און חדשים אין שטוב. דאָס גאַנצע געלט איז שוין פאַרצערט געוואָרן. עס איז נאָר אויסגעקומען צו אויפטרענען דעם קאַמזויל.

„יאַכווילניש" האָט כסדר געקוקט, מיט טרויעריקע אויגן, צום טשעמאָדאַנטשיק: — העלף!

דאַן האָט בלימע־לאַיע אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט מײַן מאַן, איך וועל פּרובירן.

בלימע־לאַיע האָט זיך אײַנגעהאַנדלט אַ נײַעם טשעמאָדאַנטשיק. זי האָט אַהין, אין גוטער אָרדענונג, אַריבערגעלייגט די סחורה פון דעם אַלטן טשעמאָדאַנטשיק, און איז אַרויס אין גאַס.

בײַ נאַכט, האָט זי זיך אומגעקערט מיט אַ לײַכטן טשעמאָדאַנטשיק און מיט פולע קעשענעס געלט.

— —

— —

אַז „יאַכווילניש" האָט זיך פּאַפּראַוועט אַ ביסל, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זײַן טשעמאָדאַנטשיק. ער איז קוים געגאַנגען אויף

זײַנע קלעצערנע פיס. יעדער ווײַלע האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן. ער איז צוגעקומען צו אַ קונה. דער קונה האָט זיך געמאַכט, ווי ער דערקאָנט אים ניט, און אַז ער איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן:

איך האָב אַ נײַע קאַסעראָ (אַרײַנגייערין) — אַ פרוי, אַ פּראַכט, שיין ווי גאָלד, — און פאַרקוועטשט מיט אַן אויגל.

די ערד האָט זיך אַ דריי געטאָן פאַר „יאַכווילניש״. די וועלט האָט זיך פאַר אים אויסגעלאָשן.

עטלעכע שעה האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן און זיך אומגעקערט אַהיים מיט אַ קוים אָנגערירטן טשעמאָדאַנטשיק.

עס איז נאָך געווען פרי. לאַנגע שעהן איז „יאַכווילניש״ געזעסן און געוואַרט, ביז בלימע־לאַיע האָט זיך אומגעקערט אַן אויסגעסטרויעטע און פאַרפלאַמטע, מיט איר שיינעם טשעמאָדאַנטשיק אין דער האַנט.

— אַז יאַך וויל ניש׳, בלימע־לאַיע, אַז יאַך דאַרף ניש׳! יאַך וויל ניש׳ דאַנע פאַרדינסטן, בלימע־לאַיע. יאַך וויל ניש׳ יאַך וויל ניש׳! — האָט ער זיך צעקרייט אין אַ געוויין. — יאַך האָב גענוג. יאַך האָב אַ סך געלט אין דעם קאַמזויל! עס וועט קלייקן אָף אַ גאַנץ לייבן. וויפל יאַך זול ניש׳ פאַרדינען, וועט זאַן גענוג. עס וועט סטאַיען.

בלימע־לאַיע האָט אים ניט געהערט. זי האָט פאַרזוכט דעם טעם פון האָבן אַן אייגענעם גראָשן. זינט זי האַנדלט, האָט זי באַוויזן אַרײַנצוברענגען אין שטוב אַ ביסל מעבל, אַ ראַדיאָ, אויסגעקליידט די קינדער, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ נײַעם מלבוש, — און אַ מאָל כאַפּט זי זיך אַרײַן אין אַ קינאָ.

זי פילט זיך איצט, ווי אַ שטיקל מענטש. ערשט איצט האָט זי גענומען אָנקוקן די וועלט, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר איר ביז אַהער. זי האָט זיך דערוווסט, אַז זי איז אַ שיינע, אַז זי האָט שיינע אויגן, שיינע האָר, ווייסע, גלײַכע ציינער און אַז זי לאַכט געשמאַק.

פון איר מאַן האָט זי דאָס אויך געהערט?

— אַי, אַי, געשמאַק, מעדני־מלך. געשמאַקער קאָמפּאָט. טאָזנט טעמים.

וואָס נאָך?

— —
— —

„יאַכווילניש״, האָט אויפגעהערט צו גיין אין גאַס. גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין זײַן בעט. אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, פלעגט ער אַרומטאַפּן איבערן ווײַבס בעט. עס איז געווען ליידיק.

ער פלעגט אַ ווײַלע אַרײַנפאַלן אין אַן אומרויִקן שלאָף, זיך איבער־ווען, טאַפּן אין דערבײַיִקן בעט, און ווידער אײַנשלאָפן, אונטערן אָנפאַל פון בייזע חלומות:

ער קומט אַרײַן אין קאַבינעט פון אַ קונה. ער שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן אים און פּאַכעט מיט זײַנע קראַוואַטן. פּלוצים דערזעט ער בלימע־לאַיען. זי זיצט, ברייטלעך, אויף אַן אויסגעבעטן, לעדערנעם בענקל, ווי בײַ זיך אין דער היים.

— אַראָפּ פון דאַנען, חציפה די! — פאַרגייט ער זיך אין אַ קוויטש, און פּאַכעט מיט זײַנע קראַוואַטן.

דער קונה שטופּט אים צו דער טיר. די קראַוואַטן פאַרפּלאָנטערן זיך אים אַרום האַלדז. ער ווערט דערשטיקט. בלימע־לאַיע לאַכט אויפן קול. ער וויל שרײַען און קען ניט. די קראַוואַטן ווערגן.

— טאַטעשי, טאַטעשי, — שטייט אַ דערשראָקענע איבער אים זײַן טעכטערל און וועקט אים. — טאַטעשי, וואָס איז דיר? שטיי אויף.

„יאַכווילניש״ ווייס שוין, אַז דאָס איז אַ בייזער חלום. אָבער דאָס ווערגעניש אין האַלדז איז אויף דער וואָר. עס שטיקט אים אין האַלדז, ווי דאָס האַרץ וואָלט פון דאָרטן געוואָלט אַרויסשפּרינגען און קען ניט.

— יאָך וויל ניש, יאָך וויל ניש׳ — גאַרגלט ער צום לעצטן מאָל קוים אַרויס, און זײַן נשמה גייט אויס מיט אַ געקריי.

1966.

„דאָבלע פּאַרציע"

ער איז געווען צופרידן וואָס מען רופט אים „דאָבלע פּאַרציע". זאָל זײַן „דאָבלע פּאַרציע", אַבי גערופן. וואָרעם נאָך ערגער איז, אַז מען רופט אין גאַנצן ניט. ער האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון אין גאַנצן ניט גערופן צו ווערן, אַ שיינע פּאָר יאָר. דאָס האָט אים אַרײַנגעטריבן אין אַ טיפן עלנט. איינער אַליין אין אַ וועלט. אַ פרעמדער. קיינער דאַרף אים ניט און צו קיינעם געהער ער ניט. ער האָט געבענקט צו הערן זײַן נאָמען פון אימיצנס ליפּן אַראָפּ. — אָבער פון וועמען?

זײַן באַלעבאָס, אַז ער האָט אים געדאַרפט האָבן, פלעגט ער אים צוּוואַרפן דעם טשילענער „אויגא" (הער נאָר), אָדער דעם „טשע" (אַ ווענדונג צו אַבי וועמען), וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אַרגענטינע. דעם „טשע" האָט ער אָפּטער גענוצט. אַז זײַן באַלעבאָס האָט אים גערופן „טשע", פלעגט ער זיך שמעלצן פון נחת. ער האָט גרײַלעך הנאה געהאַט דערפון. אָט אַזוי באַדאַרף דאָס צו זײַן: אַ בעל־הבית דאַרף זאָגן „טשע". פון פרעמדע האָט ער געהערט דעם אָנגענומענעם סעניאָר (הער). אָבער אויף „אויגא", „טשע", „סעניאָר", קען זיך יעדערער אָפּרופן, ניט נאָר ער, און ער האָט געוואָלט הערן זײַן נאָמען, דעם נאָמען, וואָס געהערט נאָר צו אים, וואָס אַז מען זאָגט אים אַרויס, מיינט מען דאָס אים און ניט קיין אַנדערן.

עס פלעגט טרעפן אַ מאָל, אַז ווען ער איז געלעגן, אַ וואַכער, אין דער שטילקײַט פון דער נאַכט, אויף דעם ווייכן בערגל פון דעם וואָל־אָפּפאַל פון דער פאַבריק, וווּ ער איז געווען דער שומר, האָט ער בפירוש געהערט זײַן נאָמען מיטן קול פון חנהלען. ער פלעגט דאַן, ווי אַן אָפּגעזאָטענער, אויפשפּרינגען פון זײַן געלעגער, אַ דריי טאָן די

עלעקטריע, זוכן אין אַלע ווינקלעך, און זיך כאַפּן, אַז דאָס איז אַזאַ מין אַפדוכטעניש. ער וואָלט דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן דערבײַ, ווען ער זאָל ניט האָבן געפילט דערבײַ דעם גוטן טעם און טײַערקײַט פון צו הערן זײַן נאָמען פון חנהלען, — זאָל דאָס זײַן אפילו אין אַפדוכטעניש.

דעריבער איז ער געווען צופרידן מיטן נאָמען „דאָבלע פאָרציע“, וואָס איז אים געוואָרן אייגן. דערצו נאָך האָט מען דעם „דאָבלע פאָרציע“ אַרויסגעזאָגט מיט באַוווּנדערונג און מיט אַ שטיקל דרך־ארץ — פאַר דעם גבר, וואָס קען אַזוי פיל געברויכן און אויפעסן צווי פאָרציעס מיט אַ מאָל (דאָבלע פאָרציע, מיינט צוויי פאָרציעס) און פאַרן גביר וואָס קען אַזוי פיל באַצאָלן.

אין דער אמתן האָט אונדזער העלד געהאַט אַן אייגענעם, ריכטיקן, שיינעם יידישן נאָמען — זעליק.

דעם ערשטן מאָל האָט ער זײַן נאָמען דערהערט אויסזינגען, דורכן מוהל, אויף זײַן ברית. דערנאָך — נאָך דעם זעלבן טאָג — האָט זײַן מאַמע דעם דאָזיקן נאָמען אויסגעצערטלט אויף אַלע סטרונעס פון איר האַרצן: זעליק, זעליקל, זעלקעלע, זעליקשע, זעלקעניו, זעליקוקניו, זעלקע, זעל. ער האָט געהייסן נאָך איר מאַמען זעלדע און צערטלענדיק זײַן נאָמען, האָט זי מיט דעם געגלעט איר אַוועקגעגאַנגענער מאַמען און איר אָנקומענדיקן זונעלע.

איבער צוואַנציק יאָר האָט ער שוין נאָך דעם געהערט זײַן נאָמען פון זײַן מאַמעס מויל, פון זײַן טאַטן, פון די שטוביקע — אַ פאָר יאָר פון חנהלען — פון וועמען ניט — פון דער גאַנצער וועלט.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי — פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז געווען גענוג, ער זאָל נאָר פאַרמאַכן טאַטע־מאַמעס שטוב, פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך אַוועקלאָזן מעבר־לים און — אויס מיט זעליק.

די גאַנצע וועלט קען אים ניט און קימערט זיך ניט וועגן אים.

און ווער מיינט איר האָט אין גאַנצן אָפגעקוילעט זײַן נאָמען — זײַן שיינעם יידישן נאָמען — זײַן באַלעבאָס — אַז ניט געדאַכט זאָל ער ווערן. ער ווינטשט אים דערפאַר ניט קיין גוטס. כאָטש אַזוי האָט ער זיך מיט אים גאַנץ פײַן באַנומען.

פינף־זעקס וואָכן, האָט זיך זעליק געשלעפּט אויף שיפן און אויף באַנען, ביז ער איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע.

געהאַט מיט זיך האָט זעליק אַ קלומיק — דעם יידישן קלומיק — פון אַ דריי פאַרלעך גרעט, עטלעכע פּאָר וואָלענע סקאַרפּעטקעס, אויס־געשטריקטע פון דער מאַמעס הענט, אַ פּאָר תפלין מיט אַ סדורל און אַ ביסל אַריינגעגאָסענע מאַמישע טרערן.

ער האָט נאָך אויך געהאַט מיט זיך אַ בריוו צו זיין באַלעבאָס, מיטן אַדרעס: סעניאָר בערנאַרדאָ בידערמאַן, סאַן פּאַבלאָ 1720, סאַנטיאַגאָ דע טשילע.

אין פּאָרט פון בוענאָס־איירעס, איז צוגעקומען צו אים אַ מאַן, פון עפּעס אַ קאָמיטעט, און גערעדט צו אים יידיש. ער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון זיין האַנט און איבערגעלייענט דעם אַדרעס. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַ באַן, וואָס האָט אים געפירט קיין טשילע.

מיט דער דאָזיקער באַן איז ער געפאָרן אַ נאַכט מיט אַ טאָג, מיט נאָך אַ נאַכט, ביז ער איז פאַר טאָג אָנגעקומען קיין סאַנטיאַגאָ.

אויפן באַן־הויף פון מאַפּאָטשאָ, איז זעליק געשטאַנען אַ פאַרוווירטער, אַ ניט קיין אויסגעשלאָפענער, דעם קלומיק ביי די פיס און דעם בריוו אין דער האַנט. ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט זיך געפּרוּווט אָננעמען מיט מוט צוגיין צו אימיצן, אַ פרעג טאָן אויפן אַדרעס. נאָר גיי פרעג — און קענען דאַרף מען ניט?

איז ער אַזוי געשטאַנען, ביז וואַנען עס איז צו אים צוגעקומען אַ פּאָליציי־מאַן. ער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון זיין האַנט, אַ לייען געטאָן דעם אַדרעס, אים אָנגענומען ביים אַרבל, אַרויסגעפירט פון וואקזאַל און אויף שטום־לשון אים געוויזן, מיט דער האַנט, דעם וועג צו זיין לאַנדסמאַן.

אויף סאַן־פּאַבלאָ 1720 האָט בידערמאַן ניט געוווינט. דאָרטן האָט ער געהאַט זיין טריקאָטאַזש־פאַבריק.

זעליק איז ביי דער פאַבריק אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ שיינע פּאָר שעה, ביז דער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף.

אַרום אַכט אַ זייגער, איז בידערמאַן אַרויס פון אַ גלאַנציקן אויטאָ און, טאַפּנדיק זיך בײַ דער הינטערשטער קעשענע פון די הויזן, זיך דערנענטערט צו דער טיר פון זײַן פאַבריק. אין דער זעלבער רגע איז בײַ דער טיר אויסגעוואַקסן אַ שיין־געקליידעטער יונגערמאַן, וואָס האָט איבערגענומען בײַ בידערמאַן די שליסלען און געעפנט די טיר.

בעתן אויפשליסן די טיר, האָט זעליק אַ צי אויס געטאָן דעם בריוו אנטקעגן בידערמאַנען.

זעליק איז אים נאָכגעגאַנגען.

ער איז אַרײַן נאָך אים אין זײַן באַזונדערן חדר.

דער באַלעבאָס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייט־אויסגעבעטן בענקל, לעבן אַ שרײַב־טיש, האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און גענומען לייענען:

„טײַערער ברודער בערל.

ערשטנס פון מײַן שרײַבן, קום איך דיר צו שרײַבן, אַז איך און מײַן ווײַב דאָבע און די קינדערלעך זאָלן לעבן, זײַנען ברוך־השם געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן. וואָס שייך פּרנסה, איז ניט אַזוי פֿויגלדיק. מען ווערט אויסגעריסן. און פון די פּאָדאַטקעס איז ניט אויסצוהאַלטן. נאָר ווי זאָגט מען עפּעס, אַבי געזונט, קיין צרות וועלן ניט פעלן.

מײַן טייערער ברודער, בערל. דו האָסט אין גאַנצן אויפגעהערט צו שרײַבן. אויף דעם האָט דאָס דער טאַטע אונדזערער, עליו־השלום, געהאָרעוועט, פאַרשוואַרצט און פאַרחושכט געוואָרן און אונדז געשיקט צו לייבל גוז לערנען שרײַבן? פע. ניט שיין פון דיר.

מען זאָגט יאַקבי, אין יעדינעץ, אַז דו ביסט דאָרטן געוואָרן שטיין רײַך, אין דעם טשילע. איז געזונטערהייט. און אויב דו שרײַבסט ניט ווײַל דו ביסט רײַך, איז שוין בעסער, דו זאָלסט אויך אויף ווײַטער ניט שרײַבן און זיין רײַך, איידער דו זאָלסט חס־ושלום זײַן אַ קבצן און יאָ שרײַבן.

און איצט וועגן דעם יונגערמאַן פון בריוו. דו הערסט בערל, ער איז אַ ווילער יונג, אָבער גאָר אַ ווילער, וואָס וויל הייסט. זײַן טאַטן

דאַרפסטו קאָנען, ברוך דער שמיד, אַט דער וואָס וווינט אין דעם טאָטערשן געסל, ניט ווײַט פון אונדזער מחותן איטשע חיים זלאַטעס. און אָרנטלעך איז ער דער יונג ביז גאָר. טאַקע וואָס אָרנטלעך הייסט. בעסער דאַרף מען ניט. דו קענסט פאַר אים אָוועקלייגן גאָלד, וועט ער זיך צו דעם ניט צורירן. איז, מײַן ליבער ברודער, אויב דו דאַרפסט האָבן אַ משרת, וועסטו קיין בעסערן ניט געפינען. גערים דײַן ווײַב שיינען מיט די קינדער.

פון מיר דײַן ברודער וועלוול."

זעליק איז די גאַנצע צײַט, וואָס בערל האָט געלייענט דעם בריוו, געשטאַנען, ווי אין געהאַקטע ווונדן. אים האָט זיך געדוכט, אַז פון דעם בריוו לייענט בערל אַרויס דעם פסק־דין איבער אים. וואָס וועט ער טאָן, אויב אַט דער בערל נעמט אים ניט צו צו דער אַרבעט? ער וועט דאָך פאַרפאַלן גיין, אַ פרעמדער, אָן אַ גואל, אָן אַ פרײַנט און אָן אַ שפּראַך.

בערל האָט אַרויסגענומען די אויגן פון בריוו, האָט אָנגעקוקט זעליקן פון קאָפּ ביז די פיס און זיך געטראַכט: אַט אַ גידול! פון וואַנען נעמען זיך דאָס אַזעלכע פאַראַדעס אין אַט דעם יעדינעץ?! איך וואָלט אַזאַ איינעם ניט געוואָלט קליידן און נאָך ווייניקער אָנקאָרמען. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זעליקן:

— הייסט עס, אַז דו ווילסט אַרבעטן, גרינער? גוט. איך נעם דיך צו. דאָ אין פאַבריק וועסטו שלאָפן. דאָ איז פאַראַן אַ גרויס פאַרמעגן. מען דאַרף דאָס גוט היטן. אָבער גוט. וועסט דאַרפן פאָלגן אַ גאַנג. הכלל, וואָס מען וועט דיר הייסן, וועסטו דאַרפן טאָן.

דער יונגערמאַן וואָס האָט אויפגעשלאָסן די פאַבריק, האָט זעליקן געהייסן נעמען זײַן קלומיק, אים אָוועקגעפירט ערגעץ אין אַ הינטערשטן צימער און צוריקגעפירט צום באַלעבאָס אין קאַבינעט.

— טשע גרינער, איך האָב גאָר פאַרגעסן, ווי הייסטו? — האָט בידערמאַן אַ פרעג געטאָן.

— זעליק.

— זעליק?

— יאָ, זעליק.

— זעליק, זעליק, זעליק — יאָ, אָט האָב איך דאָס. זעליק... — סעגיסמונדאָ. דו הערסט גרינער, אויס מיט זעליק. וואָס פאַר אַ זעליק? זעליק איז גוט געווען דאָרטן, פאַר יעדינעץ, אָבער ניט פאַר סאַנטיאַגאָ. הערסט, פון הײַנט אָן און ווײַטער הייסטו מער ניט זעליק, נאָר סעגיסמונדאָ. מוי ביען (זייער גוט). סעגיסמונדאָ. און צום יונגערמאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— די ערשטע זאַך, פיר אים אַוועק אין דעם אידענטיפאַקציע־קאַבינעט און נעם אים אַרויס פאַפּירן. דער שעף איז אַ גוטער ברודער — הערערעאָס.

דער יונגערמאַן האָט זעליקן אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַ גאַס, ווו עס זײַנען געשטאַנען ריזיקע, פירקאַנטיקע בנינים, ווי קאַסטנס. אַלע אַלץ איינע. מיט מענטשן האָט דאָרטן געווימלט, ווי אין אַ מוראַשניק. זעליק האָט ביז איצט גאָרניט געוווּסט, אַז די וועלט איז אַזוי גרויס און אַז עס זײַנען פאַראַן אַזוי פיל מענטשן אויף איר. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם יונגערמאַן, ווי אַ שיכורער. ער איז געווען פאַרמאַטערט פון וועג און אַ פאַרטומלטער.

זיי זײַנען אַרײַן אין איינער פון די געבײַדעס. זעליק האָט פאַר זיך דערזען אַ גרויסן האָל, אין וועלכן עס זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט הילצערנע בענק, ווי אין אַ שול. אויף די בענק זײַנען געזעסן הונדערטער מענטשן און געוואַרט צו דערהערן אויסרופן זייערע נעמען. נאָך דעם פלעגן זיי צוגיין צו די באַאַמטע, וואָס האָבן זיי אויסגעפרעגט. פון דאָרטן זײַנען זיי אַריבער אין אַ צווייטן האָל, ווו מען האָט אויסגעשמירט זייערע שפּיץ־פינגער, אין אַ שוואַרצער טינט אַזאַ, און זיי אָפּגעדרוקט אויף עטלעכע פאַפּירן. פון דאָרטן האָט מען זיי אַריבערגעשיקט צו דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, פון וועלכן אַלע זײַנען אַרויסגעקומען מיט רוצחישע פּנימער. ערשט נאָך דעם האָט מען די מענטשן דערלאַנגט אַ פאַפּיר און זיי געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום.

דער יונגערמאַן האָט זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן מיט זעליקן אין דעם גרויסן האָל. ער האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל און זיי זײַנען געגאַנגען ווײַטער.

זיי זײַנען צוזעקומען צו גאָר אַ הויכער טיר. דער יונגערמאַן האָט האָפּערדיק אָנגעקלאַפּט, מיט די קנעכלעך פון די פינגער, אין דער טיר.

דער שעף פון קאַבינעט האָט גוטברודעריש באַגעגנט דעם יונגערמאַן און אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע:

— קאָמאָ לע וואַ? קאָמאָ לע וואַ? (ווי גייט עס?) — און פון דער זײַט האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף דעם שיין־פאַרוויקלטן פּעקל, וואָס איז געלעגן אויף זײַן שרײַב־טיש.

דער שעף האָט אַ קלונג געטאָן און עס איז אַרײַן אַ באַאַמטער.

דער דאָזיקער באַאַמטער האָט זעליקן באַגלייט פון איין ביוראָ אין דעם אַנדערן און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז זעליק אַרויס פון דאָרטן מיט זײַן אידענטיפיקאַציע־קאַרטע, ווו עס איז געווען אָנגעקלעפּט זײַן בילד און אונטערן בילד האָט זיך געלייענט: סעגיסמונדאָ יעדוואַבני.

גייענדיק אויף צוריק, האָט זעליק געהאַלטן אין איין איבערפרעגן דעם יונגערמאַן:

— איז ווי זאָגט איר הייס איך? סע־סע...

— סעגיסמונדאָ. גרינע חיה וואָס דו ביסט, — סעגיסמונדאָ.

וואָס קומט דאָס דיר אָן אַזוי שווער אַרויסצוזאָגן? — סעגיסמונדאָ.

אַ לאַנגע צײַט האָט גענומען בײַ זעליקן, ביז ער האָט אײַנגעחזרט זײַן נײַעם נאָמען. עפּעס האָט ער זיך ניט געקלעפּט צו זײַן גומען. און נאָך הײַנט, אַז ער דאַרף אַ מאָל אָנגעבן זײַן פּאַפּיר־נאָמען, שפּייט ער עס גיך אַרויס פון זיך, ווי מען שפּייט אַרויס פון זיך אַ ניט קיין געשמאַקע זאַך, — ווי מען שפּייט אַרויס אַ זאַך, וואָס מען דאַרף עס אַרויסשפּײַען.

— —

זעליק איז געבליבן אַרבעטן בײַ זײַן לאַנדסמאַן בידערמאַן. ער איז אים געווען געטרײַ. ער האָט אָפּגעהיט די פאַבריק, בײַ טאָג און בײַ נאַכט. געוואַשן און געראַמט. אָפּעטראָגן די פּעק צו דער באַן און צו דער פּאָטשט און אויך צו שטאָטישע קונים אַהיים. ער איז אַלעמען פאַרלאָפן דעם וועג.

ער איז געשלאָפן אין פֿאַבריק און דאָרטן געגעסן. ער פֿלעגט קאָכן גרויסע טעפּ פֿון די בערג שיריים פֿיש און פֿלייש און גרינסן, וואָס ער פֿלעגט אָנקויפֿן אין מאַרק. עס האָט אים גאָרניט געפֿעלט.

עס איז שוין אַוועק איבער אַ יאָר, זינט זעליק איז אָנגעקומען צו בידערמאַנען. ער וואָלט גאָר קיין מאָל ניט געטראַכט אַוועקצוגיין פֿון זײַן באַלעבאָס. עס וואָלט אים געווען ניט „סאָוועסטנע". ער קען ניט פֿאַרגעסן יענעם באַגינען. וואָס וואָלט ער טאַקע געטאָן, ווען בידערמאַן נעמט אים ניט אַרײַן צו זיך. ער וואָלט זיכער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין דער גרויסער פֿרעמד און וואָלט שוין אויף דער וועלט ניט געווען.

נאָר דאָ האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים דער ליטוואַק בערנשטיין און לאָזט אים ניט צו רו.

בערנשטיין איז אַ „סעמאָנאַלשטשיק" (אַ פֿאַרקויפֿער אויף וועכנט־לעכע אָפּצאָלן) און אַ קונה אין בידערמאַנס פֿאַבריק. ער איז צוגעלאָזן צו אים, — גוטברודעריש.

ווי נאָר בידערמאַן דרייט זיך אָפּ אָן אַ זײַט, וואַקסט ער אויס און האַלט אים אין איין סיקען אויפֿן אויער:

— געגוג צו זײַן אַ משרת. געגוג צו זײַן אַ סטראָזש. ביז ווי לאַנג? עס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר אַ יידישן יונגערמאַן. און תּכלית?

— איך קען ניט אַוועקגיין. עס איז מיר גיט סאָוועסטנע. ער האָט מיך צוגענומען פֿון דער גאַס.

— סאָוועסטנע, שמאָוועסטנע. און ער, דער בערל גוי, דער קולאַק, דער באַלעבאָס דײַנער, איז יאָ סאָוועסטנע? — האַלט אַ יידישן יונגערמאַן, אַרבעט מיט אים, ווי מיט אַן אָקס אין דער סאָכע און צאָלט אים חי ק. סערעבראָם. זײַ ניט קיין נאַר. זײַ ניט קיין גרינער. טאָ וואָס זאָל איך טאָן?

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? — טו וואָס אַלע יידן טוען.

— וואָס טוען אַלע יידן?

— מען קלאַפּט (דאָס מיינט פּעדלען, קלאַפּן אין די טירן).

— און אַ פּעקל? געלט?

— געלט, שמעלט. און אַ פּעקל וועל איך דיר געבן. וועסט אַרבעטן די ערשטע צײַט אויף קאָמיסיאָן און אַז דו וועסט זיך אויס־לערנען די אַרבעט און זיך אויסטויגן, וועסטו שוין זען. איך וועל פאַר דיר גוט זאָגן. איך זע, אַז דו ביסט אַן ערלעכער יונג.

— און קענען?

— ניטאָ וואָס צו קענען. דאָס איז די צווייטע תורה פון פעדערן פליקן.

— —

— —

איין מאָל, ווען זעליק האָט צעטראָגן די סחורה צו די קונים, איז אים אויסגעקומען צו מאַכן דעם לעצטן גאַנג צו בערנשטיינען. עס איז געווען פאַרנאַכט.

בערנשטיין האָט אים דאָס מאָל לענגער פאַרהאַלטן און פאַרבעטן אויף אַ גלעזל טיי.

בײַם טיי־טרינקען האָט בערנשטיין ווידער פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, וועגן תכלית.

זעליק האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דער אויסשטאַטונג פון דעם געראַמן צימער, ווו ער איז געזעסן, אויף די דינסטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן שטוב, אין די ווײַסע פאַרטעכער, און בערנשטיינס ווײַב און קינדער, וואָס זײַנען געגאַנגען שיין און ריין אָנגעטאָן און אַ טראַכט געטאָן: דער בערנשטיין איז דאָך טאַקע גערעכט. איך קען דאָך אויך זײַן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. און אפשר וועל איך זיך טאַקע אַ ביסל אַרויפאַרבעטן און קענען אַראָפּברענגען חנהלען אַהער און איר געבן אַ גוט לעבן, ווי אַלע יידישע פרויען האָבן דאָ.

— גוט, סעניאָר בערנשטיין, — האָט ער אַרויסנעמענדיק די אויגן פון דעם טיי, ווי ער וואָלט פון דאָרטן אַרויסגעשעפּט דעם ענטפער, אַ זאָג געטאָן — די אַנדער וואָך קום איך צו אײַך נאָך אַ פּעקל. געמאַכט. איר וועט קיין חרטה ניט האָבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זעליק האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון קלאַפּן, גיכער ווי ער האָט געמיינט. זײַן נײַער באַלעבאָס, דער ליטוואַק, האָט פון אים אַנגעקוואָלן.

— זעסטו, גרינער, — פלעגט ער אים אָפּט צוואַרפן.

— איך בין אַ גרינער און וועל אײַך אַלעמען, די אַלטע קלאַפּערס, פאַרשטעקן אין אַרבל אַרײַן. אויך מיר אַן אַרבעטן! אַז פיר אַ זייגער זיצט איר שוין אין „סירקולאָ" (יידישער קלוב) און קלאַפּט אַ „דערדל", אָדער אַ דאָמינאָ ביז חצות. אין דער פרי פּאָפּט מען אַרײַן ביז צען אַ זייגער. מען פאַרלאָזט זיך אויף געדונגענע קלאַפּערס. אויף פרעמדע מענטשן. מיט פרעמדע הענט איז גוט קוילן צו שאַרן. הײַנט וואָס איז דאָס פאַר אַ מחזקות צו מאַכן מיט די קליענטקעס! איינס מיטן דריטן איז ניט קיין מחותן. אַ נקבה איז אַ נקבה, און אַ קליענטקע איז אַ קליענטקע. אַ קליענטקע דאַרף זײַן הייליק, — ניע טראָגאַי!

זעליק וואָלט אין דער אמתן גלײַך געקענט אַוועקגיין פון דעם ליטוואַק און אָנהייבן אַרבעטן פאַר זיך. אָבער ווידער אַ מאָל, — עס איז אים געווען ניט סאָוועסטנע. אָט דער בערנשטיין האָט דאָך אים פאַרט געוויזן אַ וועג און געלערנט ווי צו שטעלן די ערשטע טריט. איז ער פאַרבליבן אַרבעטן בײַ אים עטלעכע חדשים.

— —

— —

אַז זעליק איז אַרויס אַרבעטן פאַר זיך, האָט ער ניט געבעטן דעם ליטוואַק, ער זאָל פאַר אים גוט זאָגן. מער ווי דאָס האָט אים ניט געפעלט. ער האָט געוווסט, אַז ווי נאָר ער שפּאַנט אַריבער די שוועל פון אַ יידישן הורטאָווניק, נאָך אַ ביסל סחורה אויף קרעדיט, שפּאַנט ער זיך אײַן, ווי דער בלינדער פערד אינעם מיל־ראָד. דריי און דריי. דריי און דריי. שיט מעל און גיס וואַסער. נעמסט אַ פעקל און צאָלסט אַ וועקסל. צאָלסט אַ וועקסל און נעמסט אַ פעקל. אָט אַזוי אָן אַן עק און אָן אַ סוף, — אַ גאַנץ לעבן. דו בלײַבסט אַן אייביקער קבצן און פון דעם געשפּאַן וועסטו זיך שוין קיין מאָל ניט באַפרײַען.

זעליק האָט געוווסט ווו אַ טיר עפנט זיך, ווו אײַנצוקויפן אַ פעקל

סחורה אויף מזומן. ער האָט געוווּסט אַלע לעכער, ווו מען קריגט צו קויפן ביליק אַ שטיקל סחורה.

— —

— —

זעליקן איז געגאַנגען דורך טיר און דורך טויער. די קונדן האָבן אים ליב געהאַט פאַר זײַן ערלעכקײַט. ער האָט געאַרבעט אויף אַן אַנדער סיסטעם. זעליק איז ניט געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן, ווי די אַנדערע קלאַפּערס, נאָר דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט, נאָר דאָס וואָס זיי פלעגן באַקומען אויף קרעדיט בײַ דעם הורטאָווניק. ער, זעליק, האָט פאַרקויפט אַלץ דאָס, וואָס דער קונד האָט פאַרלאַנגט.

אין איינעם אַ זוניקן פרימאָרגן, איז זעליק אויפגעשטאַנען אַן אויפגעלייגטער. ער האָט באַטראַכט דעם אַנטאָן זיינעם, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטול, און פאַרקרימט מיט דער נאָז:

— פע, דאָס פּאַסט דאָך פאַר אַ לאַטעק, פאַר אַ שלעפּער. אַי זעליק, זעליק, — זעליק פ., ביסטו אַ פערדאַטש, ביסטו אַ טפש. ביז ווי לאַנג וועסטו גיין אין אַזאַ מין הילוך? ביז ווי לאַנג וועסטו זיך אַרומשלעפּן איבער די ביליקע, גויישע פּענסיאָנען און אָנשטאָפּן דײַן טרעמבוך מיט אַלע חזרייען? קענסט ניט לעבן ווי אַ מענטש? קענסט זיך ניט פאַרגינען? עס קלעקט דיר ניט? פאַר וועמען שפּאָרסטו? פאַר דײַן ווײַב און קינדער, וואָס דו האָסט ניט, אָדער פאַר דײַנע אייניקלעך פון די קינדער, וואָס דו האָסט ניט? נאָר איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט.

נאָך דעם זעלבן אינדערפרי, איז זעליק געגאַנגען און באַשטעלט פאַר זיך אַ פּאָר אָנצוגן, האָט אײַנגעקויפט אַ האַלבע טוץ פּאָפּעלין־העמדער, שניפּסן און איז אַוועק אויף אַרטוראָ פּראַט 145, צו אַנשל דעם וווּרשטנמאַכער אין פּענסיאָן. אָט דאָס איז אַן עסן. ער האָט דאָרטן איין מאָל געגעסן, געדענקט ער נאָך הײַנט דעם טעם דערפון. טעם גן־עדן. ער האָט זיך ווידער אַ מאָל אויסגעזידלט.

ער האָט אָנקעגלונגען און פאַרלאַנגט צו ריידן מיט דער באַלעבאָסטע.

די באַלעבאָסטע איז אַרויסגעקומען פון קיך. זי איז געווען אַ פולע, אַ טונקל־פּנימדיקע, מיט אַ קורצן, פאַרריסענעם נעזל, וואָס איז געלעגן אַ פאַרלוירענער צווישן די אָנגעגאָסענע באַקן. אירע אויגן האָט מען קוים אָנגעזען. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן דעם שווייס פון פּנים, פון דעם שטערן, פון האַלדז, פון דעם פאַרריסענעם נעזל, מיט אַ ברעג פון פאַרטעך.

זעליק האָט געוואַרט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָ איז אַ טעות, אַז זי איז ניט די באַלעבאָסטע, נאָר אַ גויישע דינסט.

— סי סעניאָר מיאָ (יאָ מיין הער) — האָט די פרוי אָנגעהויבן.

נאָך דעם „סעניאָר מיאָ" נאָך, האָט זעליק פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ יידישע.

— איך וויל זיך אָנדינגען בײַ אײַך אויף פּענסיאָן, פון מאָנאַט.

— סי, סעניאָר מיאָ. ווילט איר גאַנץ פּענסיאָן, צי האַלבן?

— ס'הייסט?

— גאַנצער פּענסיאָן באַשטייט פון פרישטיק, מיטאָג, „אָנסע" (נאָך מיטאָג טיי) און וועטשערע. האַלבער פּענסיאָן מיינט, אָדער פרישטיק און מיטאָג, אָדער טיי און וועטשערע. סי סעניאָר. איך האָב אַזעלכע פּענסיאָניסטן, וואָס פון פרישטיק און מיטאָג אַליין זײַנען זיי שוין זאַט אַ גאַנצן טאָג.

— נישט קיין גאַנצן און ניט קיין האַלבן.

וואָס זשע דען?

— איך וויל נאָר מיטאָג און וועטשערע. ווער האָט עס צייט צו קומען פרישטיקן און טרינקען „אָנסע".

— סי, סעניאָר מיאָ. פאַר גאַנצן פּענסיאָן נעם איך 100 פּעזעס אַ חודש. אָן פרישטיק און אָנסע וועל איך אײַך רעכענען 85 פּעזעס. ביען (גוט)?

— אָבער...

— וואָס אָבער, סעניאָר מיאָ? מען קען ניט ביליקער. עס איז אַ יקרות. אַלץ איז מיט גאָלד צו גלײַך.

— ניט דאָס מיין איך... איך מיין... איך מיין צוויי...

— אַהאַ, פּאַר צווייען. איר זײַט אַ באַוווּסטער?

— ניין... נו, איך וועל אײַך דערקלערן: איך וויל צוויי פּאָרציעס פון יעדער טעלער. אַז מען וועט דערלאַנגען די פּאַרשפּײַז, דאַרף מען מיר געבן צוויי מאָל, אַזוי צוויי טעלער זופּ, צוויי מאָל עוף, צוויי מאָל געבראָטנס, צוויי מאָל קאָמפּאָט און צוויי מאָל טיי. פאַרשטאַנען? די צוויי טעלער דאַרפן קומען צוזאַמען, פּאַר איין קלאַפּ. איך האָב פײַנט צו וואַרטן און איבעררייסן אין מיטן דערינען.

די באַלעבאָסטע האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט. זי האָט שוין געהאַט פּענסיאָניסטן עסערס, וואָס פלעגן בעטן איבערחזרן אַ געריכט. אָבער לכתחלה זיך אָנצודינגען אויף צוויי פּאָרציעס, דאָס טרעפט איר צום ערשטן מאָל, זינט זי האָט דעם פּענסיאָן.

— סי סעניאָר. פאַרשטאַנען. — האָט זי אַ ביסל אַ פאַרשפּעטיקטע געענטפערט, — דאָבלע פּאָרציע. נו, אַז איר ווילט דאָבלע פּאָרציע, טאָ זאָל זיין דאָבלע פּאָרציע. סי, סעניאָר.

דאָבלע פּאָרציע אַהער, דאָבלע פּאָרציע אַהין. מען האָט זעליקן אָנגעהויבן צו רופן דאָבלע פּאָרציע.

מיט דער צײַט האָט מען דעם „פּאָרציע" אָפּגעהאַקט און עס איז געבליבן נאָר דער „דאָבלע":

— סעניאָר דאָבלע.

און עס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתן נאָמען.

— —

— —

מאַנריקעז איז אַ שפּאַניאָל אין די זעכציקער. ער איז אַ הויכער, ברייטבייניקער און גלײַכער. ער קליידט זיך אין טונקלע אָנצוגן. ער זעט אויס חשוב.

איר זעט אים תמיד שטיין אין מיטן פון זײַן מאַנעפאַקטור־קלייט, וואָס געפינט זיך אויף דער גאַס פון 21־סטן מאַי. זײַן קלייט איז גרויס — אַ קוואַרטאַל די לענג און אַ העלפט די ברייט.

ער שטייט אין מיטן דער קלייט, ווי אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שיף, וואָס גייט ריכטיק איר וועג. ער וואַרפט נאָר אַן אויג.

מאַנריקעז איז אַ גוטמוטיקער שווײַגער. ער האָט ניט וואָס צו ריידן. זײַן סחורה רעדט. זי פאַרקויפט זיך אַליין. ער האַנדלט נאָר מיט גאַנגבאַרע אַרטיקלען. צוקער און ברויט. סחורה פון ערשטן געברויך: לײַוונט, לײַלעכער, דעקעס, טישטעכער, טיכער פאַר ווײַבער און אַלערליי קאָרטן און קאַרטונען. דינגען זיך מיט מאַנריקעזן, איז ניטאָ וואָס. עס וועט ניט העלפן. ער לאָזט סײַ ווי סײַ ניט אַראָפּ פון מקח. ער פאַרקויפט זײַן סחורה אויף אַ ביליקערן פּרײַז, ווי דאָס צאָלן די יידישע הורטאָווניקעס. ער קויפט מזומן און אין גרויסע נאָרמעס, האָט ער גרויסע דיסקאָנטן. ער דאַרף אפילו ניט האָבן קיין גרויסן פּערסאָנאַל, — נאָר אַ צוויי־דרײַ מענטשן. ער פאַרקויפט גאַנצע, אָריגינעלע שטיקער, ווי זיי קומען פון פאַבריק. די קונים אליין זוכן זיך אָפּ זייער סחורה.

נאָר דאָבלע פּאָרציע קען אים אַרויסנעמען פון זײַן שווײַגן. צו אים איז מאַנריקעז צוגעלאָזן. ער האָט צו אים אַ שוואַכקײַט. ער באַוווּנדערט אָט דעם יונג. ער וועט ווײַט אַוועקגיין. ער קויפט בײַ אים מערער סחורה אין איין טאָג, וויפל אַן אַנדער „סעמאַנאַלטשיק” אין אַ גאַנצע וואָך.

דאָבלע פּאָרציע פילט זיך בײַ מאַנריקעז אין געשעפט, ווי אַ היימישער. ער גייט אַרום פון איין פּאָליצע צו דער צווייטער, נעמט אַרויס די סחורה פון דאָרטן און בערגלט עס אָן אויף אַ גרויסן טיש. נאָך דעם גייט ער צו צו מאַנריקעזן, רוימט אים עפּעס אַרײַן אין אויער אַרײַן. מאַנריקעז פאַרלאָזט זײַן סטראַטעגישן פּונקט און גייט צו צו דעם בערגל סחורה, וואָס דאָבלע פּאָרציע האָט אָפּגעלייגט.

דאָבלע פּאָרציע רעדט אין אים אַרײַן אַ סך, אַ סך, אין אַ געמיש פון יידיש און שפּאַניש:

— סעניאָר מאַנריקעז, זײַ אַ גוטער ברודער, מאַך ניט קיין געוודער, זײַ אַ בראַט פון די ברעטער און מאַך אַ רעבאַכאַ (הנחה)

גדולה, שוין גלײַך און ניט שפּעטער. רעבאַכאַ, רעבאַכאַ, סעניאָר מאַנריקעז. מאַך אַ רעבאַכאַ.

מאַנריקעז לאַכט פאַרלעגן. ער פאַרשטייט נאָר דאָס איינציקע וואָרט רעבאַכאַ און לאָזט אים אַראָפּ האַלב פון זײַן דיסקאַנט.

— —

— —

וואָס קוקט איר מיר אַזוי אָן, סעניאָר? איאַ אַ טשודאַק? איר קאָנט מיך ניט. מיך רופט מען דאָבלע — דאָבלע פּאַרציע. איך אײַך קאָן יאָ. איך האָב אײַך געהערט ריידן. אין „סירקולאָ". איר רעדט זייער שיין. אָבער דאָס איז גאָרניט. ווי איך זע לאָזט איר זיך ריידן. איר קענט אויך הערן וואָס אַ צווייטער רעדט. איך האָב געזען ווי איר רעדט מיט מענטשן. איר ווייסט? איר געפעלט מיר. אַנדערע שמינטע־לעגענטן, אַז אַ נאַש בראַט רעדט צו זיי אויס אַ וואָרט, גיבן זיי אים אַ סמאָרע אָפּ איבערן פּיסק, אַז ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו עפענען אַ מויל. איר זײַט אַנדערש. איר זײַט אַ צוגעלאָזענער...

אַזוי האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר זעליק.

איך בין געשטאַנען לעבן אַ פּאָליצע, ווי איך וואָלט דאָרטן עפּעס געזוכט. איך האָב אָבער געוואָרפן אַ בליק אין זײַן זײַט און מײַנע אויערן זײַנען געווען אָנגעשפּיצט צו זײַנע רייד.

נאָכן פאָרשטעלן זיך פאַר מיר, האָט מיר זעליק אָנגעקוקט פון דאָס נײַ, ווי ער וואָלט מיר געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט מיר אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. מען האָט געזען, אַז ער איז זיך מיט זיך אַליין מישב, צי זאָל ער, און לסוף באַשלאָסן אויף יאָ.

— איך וויל אײַך עפּעס בעטן — אָבער איר זאָלט מיר ניט אָנטזאָגן — איך וויל אײַך פאַרבעטן אַרײַנקומען צו מיר אויף אַ ווײַלע. איך וווין דאָ, ניט ווײַט. אין גאַנצן פיר קוואַדרעס (קוואַרטאַלן) פון דאַנען. פיר קוואַדרעס ניט מערער. איך בין ניט פון די בלאָפערס, וואָס זאָגן פיר און עס קומט ארויס צען. בײַ מיר איז פיר — פיר, אפילו ניט קיין פיר מיט אַ האַלבע. איך בעט אײַך, קומט אַרײַן. איר געפעלט מיר. איך וויל זיך אַדורכשמועסן מיט אײַך.

זײַנע בלאָע, קינדערישע אויגן האָבן שטיפעריש געווונקען צו מיר אויף יאָ. זײַנע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן און די ליפּן האָט ער אַזוי צוזאַמענגעלייגט, אָט־אָט — איך דאַרף נאָר זאָגן ניין — און ער צעוויינט זיך.

— גוט — האָב איך געזאָגט — איך גיי. אויך איר געפעלט מיר.

זעליק האָט זיך צעזאָלט מיט מאַנריקעזן, גענומען ביי אים די דרײַ פּעזעס, וואָס ער פלעגט זיך נוהג זײַן צו געבן יעדן איינעם, וואָס האָט בײַ אים געקויפט אַ גרעסערן פּעקל סחורה — אויף צו נעמען אַ וואָגן — און דאָס אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

די סחורה האָט ער אָנגעלאָדן אויפן אַקסל און אַ זאָג געטאָן:

— קומט!

איך בין אים נאָכגעגאַנגען. עס איז גוט צו זאָגן נאָכגעגאַנגען — איך בין אים נאָכגעלאָפן.

איך האָב געזען פאַר זיך אַ גייענדיקן באַרג, מיט אַן אָנגעוואַקסענעם קלענערן באַרג אויף זײַן שפּיץ.

פּלוצים איז ער שטיין געבליבן. עס האָבן זיך געענדיקט די פיר קוואַדרעס. זעליק האָט זיך אויסגעגליכן, צעשפּרייט די פיס, כדי אָפּצוזוכן דעם גלייכגעוויכט, פּאַוואָלינקע אַרויסגענומען אַ בינטל שליסלעך פון קעשענע אַרויס און אויפגעשלאָסן די גאַס־טיר פון אַ גאַנץ באַלעבאַטישער שטוב.

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אַ קאָרעדאָר און זעליק האָט אויפגעשלאָסן נאָך אַ טיר. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ גרויסן, ברייטן און ליכטיקן צימער, וואָס זעליק האָט געהאַט בײַ אַ באַלעבאַטישער טשילענער משפּחה. קיינער פון דער פאַמיליע איז אין דער היים ניט געווען. דער צימער האָט זיך מיט גאַרניט אונטערגעשיידט פון אַן אַנדער בחורישן צימער פון אַ סעמאַנאַלטשיק: אַ בעטל, אַ טישל מיט אַ פּאָר בענקלעך, אַ פּאַליצע מיט סחורה, אַ שאַפקעלע, אַ קליידער־אַלמער און אַ געקעסטלטע פּאַליצקע, וווּ עס ליגן די קאַרטלעך פון די קונדן. אויפן טישל האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע אַזעלכע קאַרטלעך, וואָס זײַנען געווען באַשריבן מיט גרויסע, קרומע יידישע אותיות און מיט פעטע ציפערן. מען האָט

געען פון זעליקס שרײַבן, אַז ער איז ניט קיין קאַרגער, אַז ער זשאַלעוועט ניט קיין פּאַפּיר און טינט.

זעליק האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בערגל סחורה אויפן בעטל. די ספּרונזשינעס האָבן אַ קרעכצע געטאָן.

עד האָט, אַ צופרידענער, געגומען רײַבן איין האַנט אין דער אַנדערער, פאַרענדיקט מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין די דלאָניעס און איז צוגעלאָפן צו דער שאַפקע.

אויפן טישל האָט זיך באַלד באַוויזן אַ טאַץ מיט אַ פלעשל „אַגוואַרדענטע" (טשילענער בראַנפן) און לעקעך מיט פּרוכטן.

— לחיים, לחיים!

— לחיים, לחיים!

עס האָט זיך שוין באַוויזן דער דעק פון פלעשל. די צינגער האָבן זיך צעבונדן. די שטימעס האָבן זיך געהויבן. איינער האָט איבערגעשריען דעם צווייטן.

זעליק האָט זיך צעוואָרעמט. אַ טרער פון זײַן אויג איז אַרײַנגעפאַלן איז זײַן גלעזל משקה. ער האָט מיר יעדער ווײַלע גוטברודעריש אַרומגענומען, געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געטראַסקעט מיט די קולאַקעס איבערן טישל, אַז עס איז שיעור ניט צעזעצט געוואָרן. נאָך גוט וואָס קיינער איז אין שטוב ניט געווען. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז מיר קריגן זיך.

פּלוצים האָט זיך זעליק אַ ווײַלע פאַרטראַכט: זאָל ער? באַלד איז ער אויפגעשטאַנען און געעפנט דעם אַלמער. פון אַ קעסטל האָט ער אַרויסגענומען אַ לעדערנעם בוזעם־טאַש. פון דאָרטן האָט ער, פאַרזיכטיק, אַרויסגענומען אַ קאָנווערט און איז צוגעגאַנגען צו מיר.

— איר זעט — האָט ער צו מיר געזאָגט, אַרויסנעמענדיק אַ בילד פון קאָנווערט — דאָס איז חנהלע. אָט צוליב וועמען איך אַרבעט ווי אַ פערד און טאַסקע די פּעק. צוליב איר. אָט דאָס איז אַ מויד! אי פאַר גאָט, אי פאַר לײַט און אי פאַר זיך. מיט אַזאַ וועסטו ניט פאַרפאַלן ווערן. אַ כפרה הונדערט סעניאָריטעשקעס (פאַריידישט פון „סעניאָריטאַ" פרײַלן) פאַר איר מינדסטן נאָגל. אַ רוח אין זייערע טאַטעס, טאַטעס

געדערים אַרײַן. גאַנצע יחסנטעס. פרעגט מיר אויף זייער יחוס, וועל איך אײַך דערציילן. זיי מיינען, אַז זיי זײַנען געקנאַטן פון הוילע געלכלעך. אַז אַ בראַנד טרעפט זיי! דעם מלכס אוצרות וועט פאַר זיי ניט סטאַיען. און אויף אַן אונדזעריקן קוקן זיי פון אויבן אַראָפּ. זיי ווען זיך בעסער אַרומשלעפּן מיט שקצים. אַז שלעפּן זאָל מען פון זיי די קישקעס.

ער האָט מיר צוגעטראָגן דאָס בילד. אַ פּאָר אָפענע אויגן האָבן אויף מיר געקוקט, — אויגן וואָס לאָזן זיך אַרײַנקוקן אין זיי.

זעליק האָט געוואַרט ערנפּורכטיק.

— זי געפעלט מיר. אַן אמתע יידישע טאָכטער.

קיין גרעסערן לויב האָט ער ניט דערוואַרט.

— יאָ, ריכטיק, ריכטיק האָט איר געזאָגט. אַן אמתע יידישע טאָכטער. אָבער...

— וואָס אָבער ?

— זי קווענקלט זיך מיטן קומען אַהער. זי איז אַ ביסל געכאַפּט אין דער מעשה. אַ שטיקל רויטע. איר געפעלט ניט וואָס איך ווער רײַך. די כלה איז צו שיין. פון גאַרניט — שרײַבט זי מיר — ווערט מען ניט רײַך. אַז מען האָט צו פיל, נעמט מען דאָס צו פון יענעם וואָס האָט גאָרניט. אָט אַזוי שרײַבט זי. אָט דאָס זײַנען רייד! ווי געפעלט אײַך אַזאַ מין שרײַבן ? ווי געפעלן אײַך אַזעלכע דיבורים ?

אָבער איך וועל וואַרטן. און מיט קיין „מאַריאַן” (אַ גויה) חתונה האָבן וועל איך ניט. מײַן טאַטע איז טאַקע איז ברוך שמיד, אָבער אַן ערלעכער ייד. אַ ריינער יגיעת־כפּיימניק. נישט קיין למדן. קען ער ניט אין די שוואַרצע פּינטעלעך. איז וואָס ? אָבער אַ קאַפּיטל תהילים זאָגט ער מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט פײַנט צו נאַרן. און מײַן מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, אַ טײַערע יידענע געווען. זי האָט געריסן שטיקער פון זיך. שטיקער פלייש האָט זי פון זיך געריסן און מיר מיט דעם געקאָרמעט. נו, זעט איר דאָך וואָס פאַר אַ קדיש זי האָט אויסגעכאָוועט, — אַ קדיש פון צוויי מעטער די לענג.

ניין. פאַר קיין גויה וועל איך ניט חתונה האָבן, אַז איך זאָל

אפילו פלאַצן, צעזעצט אין צעזבענקעט ווערן, האָט זעליק געשריען אַ באַנומענער, ווי אימיצער וואָלט געעשטאַנען איבער אים און אים געגנויט, ער זאָל דווקא חתונה האָבן פאַר אַ גויה.

יעדער זעץ, וואָס ער האָט זיך דערביי געגעבן אין ברוסט, האָט אָפּגעקלונגען, ווי פון אַ פוסטער פאַס אַרויס. איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך בײַ אים ניט אָפּרײַסן.

— —

— —

מען האָט דערציילט, אַז דאָבלע פאַרציע איז זייער רײַך געוואָרן, אַז ער האַנדלט מיט הײַזער און פלעצער.

איך פלעג אים זעלטן באַגעגענען. און אַז איך האָב אים שוין יאָ אַ מאָל געטראָפן, האָט ער פאַר מיר געצויגן זײַן ווייכע, ברייטע הוט, ביז צו דער ערד אַראָפּ, פלעגט מיר אָנקוקן מיט פאַרשולדיקטע אויגן און אַנטלויפן, ווי אימיצער, וואָלט אים נאָכגעיאָגט.

— —

— —

עס איז געווען אַ שפּעט־זומערדיקער פאַרנאַכט. די געסט פון קוראָרט פאַנימווידאַ האָבן שוין אויסגעפירט אַלע זייערע „פליכטן": געגנומען הייסע בעדער, קאָמפּרעסן, זיך אויסגעשמירט אין בלאָטע, און געבוקט פאַרן קוואַל, פון וואַנען עס קומט דאָס הייל־וואַסער און געשלאָפן אַ לאַנגע „סיעסטאַ" (בייטאָגיקער שלאָף). איצט גייען זיי מאַכן זייער פאַרנאַכטיקן שפּאַציר איבערן פאַרק.

פון צווישן די שפּאַצירער האָט זיך אויסגעטיילט אַ גאַר הויכע פיגור פון אַ מאַן. דער מאַן איז געגאַנגען מיט קליינע, שאַרנדיקע טריט, אַנגעלענט אָן אַ נידעריק־ווּקסירער פרוי. וואָס מערער דער מאַן האָט זיך צו מיר דערנענטערט, אַלץ מער איז ער מיר קענטיקער געוואָרן. מײַנע אויגן, מײַן זכרון, האָבן געאַרבעט: יאָ, דאָס איז דאָך ער, — דאָבלע פאַרציע.

איך בין צוגעלאָפן צו אים, זיך נאָך אַ מאָל אײַנגעקוקט אין אים, צי איך האָב קיין טעות ניט, און אויסגעשריען: דאָס זײַנט איר?!

— אַ יאָ עס איז מיר ניט צו דערקענען? קראַנק. אויף צרות. ווי פלעגט זאָגן מײַן טאַטע: בקאַקטעכאַ, מיט אַ גרויסן קוף. צוקער. דאָס האַרץ. קיין קאַפּ האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט.

עס איז אים טאַקע ניט געווען צו דערקענען: די אויגן אויסגעלאָשן, די באַקן זײַנען אַראָפּגעהאַנגען, ווי אויסגעוועלגערטע רויע פּלעצלעך און דער בויך ווי אַן אויסגעליידיקטער זאַק. די זאַכן זײַנען אויף אים געהאַנגען, ווי פרעמדע, געליִענע.

— איך האָב גאָר פאַרגעסן — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַ שולדיקער, אַנטשולדיקט זיך, אויף דער קליין־דיקלעכער פרוי, מיט אַן עכטן טשילענער אויסזען, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט אַ ביסל אַן אַ זײַט בעת אונדזער באַגעגעניש — דאָס איז מײַן חנהלע. יענע חנהלע איז ניט געקומען. זיך ניט דערוואַרט. זי איז אַן אמתע צידקנית, אַ מלאך. ווען ניט זי, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אויף יענער וועלט. זי איז אַ סך בעסער פון די יידישע ווײַבער, וואָס דאַרפן דעם מאַן כל־זמן ער איז אַ שלעפּער — כל־זמן ער שלעפּט זיי פון אַלדאָס גוטס אין שטוב אַרײַן. הערט ער אויף צו שלעפּן, איז אויס, איז אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. זי, ווי איר קוקט זי אָן, איז מיט מיר אין ליידן און אין פריידן און היט מיך אָפּ ווי אַ שוואַרצאַפּל פון אויג.

די קליין־געוויקסיקע פרוי האָט מיר דערלאַנגט איר האַנט און אַרויפגעקוקט צו מיר מיט אירע גוטע אויגן.

— מײַן נאָמען איז אַנאַ ראַמירעז. קומט אַרײַן צו אונדז. איר וועט פאַרדינען אַ מצווה. מײַן מאַן איז זיך מחיה, אַז ער טרעפט אַ לאַנדסמאַן און קען זיך דורכריידן אין יידיש. איר וועט מיר מוחל זײַן. מײַן מאַן דאַרף איצט נעמען די רפואות.

— קום, זעליקל, — האָט זי אַ זאָג געטאָן אין יידיש און זיי זײַנען אַוועק.

איך האָב זיי לאַנג נאָכגעקוקט פון דער ווײַטן.

איך האָב געזען, ווי אַנאַ העלפּט זעליקן אַרויפגיין אויף די טרעפּ פון האָטעל.

דערווייל האָט זיך די זון אַ לעצטן נויג געטאָן און איז אַוועק.

אַ פאַרשפּעטיקטער עלנטער פויגל האָט דורכגעשניטן די לופט מיט אַן אומעטיקן טשירי־טשירי:

טשירי־טשירי,
אַוועק־אַוועק.
טשירי־טשירי,
אַוועק דער טאָג.

איך האָב דערהערט, ווי איך מורמל צו זיך אַליין:
אַלץ פאַרגייט.
אַלץ פאַרגייט.
אויס מיט דאָבלע פאָרציע. אויס.

.1966

אין גאַנג

אַוועק

אַ שיינע פּאָר יאָר איז חיים בערעזאָווסקי אַרײַנגעקומען אין הויז פון די שולדינערס און דאָך איז דאָס דאָזיקע הויז פאַר אים פאַרהוילן געבליבן.

עפּעס איז דאָס דאָזיקע הויז געווען אַנדערש ווי אַלע. עס איז געווען אַן אַנדערשקײַט, וואָס האָט געדרייצט מיט סודותדיקײַט. אַ סך יאָרן זײַנען שוין זינט דאַן אַוועק און ביז הײַנט האָט נאָך חיים ניט באַוויזן אָפּצוהילן די אומזעבאַרע פאָרהענגלעך, וואָס האָבן פאַרדעקט דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון די שולדינערס. חיים האָט נאָך ביז הײַנט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער דאָזיקער משפחה.

די שטוב פון די שולדינערס איז געשטאַנען אויף אַ שטילער, אָפּגעלייגטער גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון ראָט־הויז און געצויגן ביז צו די ברעגעס פון דעם ניעמאַן.

די גאַס איז געלעגן ווײַט פון יידישן טומל און די הײַזער האָבן איר ניט דערדריקט מיט זייער געדיכטקײַט. זעלטן ווען מען האָט דאָ געזען אַ מענטשן.

די פאָדערשטע העלפט הויז פון די שולדינערס איז געשטאַנען מיט די פענצטער צו דער גאַס אַרויס, און די הינטערשטע העלפט, האָט אַרויסגעקוקט, דורך אירע פענצטער, צו דער ווײַט, צו גערטנער און פעלדער — אין דער וועלט אַרײַן.

די שטוב פון די שולדינערס איז געווען אײַנגעטיילט אין צווייען, — אין דער גאַסיקער זײַט — פון וואָך און זאָרג — און אין דער צווייטער זײַט, מיט די פענצטער, דורך וועלכע עס האָט אַרײַנגע־

קוקט אַ ליכטיקער הימל, גרין פון פעלד און פיל־פאַרביקע בלומען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון די דערבײַאיקע בייטן.

אין דער פאָדערשטער זײַט פון דער שטוב, מיט די פענצטער צו דער גאַס, האָט זיך געפונען אַ באַר — אַ גרויסער האָל מיט פיר־קאַנטיקע טישלעך, אַרום די דרײַ ווענט. בײַ דער פערטער זײַט פון האָל, איז געשטאַנען אַ פּאָליצע מיט געטראַנק, און אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער פּאָליצע אַ הויכער טיש, אין דער זעלבער לענג פון דער פּאָליצע, בײַ וועלכן מען האָט געקענט נעמען אַ צובײַס און אַ טרונק — שטייענדיק.

מיט דער וואָך, מיט דער זאָרג פון הויז, האָבן זיך אָפּגעגעבן צוויי פרויען — די עלטסטע פון דער משפּחה, די מוטער, און די עלטערע טאָכטער, וואָס האָט אויסגעזען ווי איר אַ שוועסטער. זיי האָבן דאָס געפירט דעם באַר. קיין מאַן און פאָטער פון דער משפּחה איז ניט געווען. ער איז געשטאָרבן. ער איז קיינמאָל דורך קיינעם ניט דערמאָנט געוואָרן. זײַן טויט איז געווען פאַרוויקלט אין אַ מיסטעריע. ווי עס שײַנט, איז זײַן טויט געווען פאַרבונדן מיט די אומשטענדן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַז ער איז ניט געווען קיין אַבי ווער, האָט מען געקאָנט זען אָן די קינדער.

מיט דער הינטערשטער זײַט פון דער שטוב — וווהין עס איז אַרײַנגעקומען דער גלאַנץ פון דער יוגנט, דאָס בעסטע, וואָס די שטאָט ק. האָט פאַרמאָגט — האָבן זיך אָפּגעגעבן די צוויי ייִנגערע טעכטער — דבורה און חנהלע.

אַחוץ די פיר פרויען, האָט זיך נאָך אין שטוב פון די שולדינערס, אַרומגעדרייט אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, אין אַ גימנאַזיסטישן היטל.

מיט אים, מיט דעם בן־יחידל און איינציקן מאַנסביל אין שטוב, האָט זיך פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז־געזינד — די וואָכעדיקע זײַט פון הויז און אויך די יום־טובדיקע.

חיים האָט זיך תמיד געוווּנדערט, וואָס, ווען ער זאָל ניט האָבן אַרײַנגעקומען צו די שולדינערס, אין דער פאָדערשטער שטוב אַרײַן, האָט ער דאָרטן קיין מאָל קיינעם ניט געפונען. סיידן — האָט ער

זיך געטראַכט — די קונדן קליַבן ספּעציעל אויס די ציַיט ווען צו קומען אין באַר אַריַין. ווען ער איז נאָר אַהין אַריַינגעגאַנגען, האָט ער די צוויי פרויען, די מאַמע און טאָכטער, תמיד געטראָפן, פאַררוקט אין אַ ווינקל, הינטערן טאַמבאַנק. זיי זיַינען דאָרטן געשטאַנען מיט זייערע אַזוי אויך אַ ביסל סוטעלעוואַטע פּלייצעס, — וואָס האָבן זיך נאָך מער געבויגן, אונטערן יאָך פון זאָרג — איַינגעקאָרטשעט און איַינגעשרומפּן, ווי זיי וואָלטן וועלן מען זאָל זיי ניט זען, זיי זאָלן ניט ווערן, — פאַרשווינדן... חיים פלעגט זיך דאַן אַריַינכאַפּן, אין באַר אַריַין, ווי אַ גנב, קוים אַריַינוואַרפן אַ שוואַכן גוטמאָרגן און דורכלויפן דעם באַר, ווי ער וואָלט די צווי פרויען ניט באַמערקט.

אין דער צווייטער זיַיט הויז האָט עס אויסגעזען אַנדערש. דאָרטן האָט געהערשט אַ שטענדיקע ליכטיקייַט, סיַי בייַטאָג סיַי ביַינאַכט.

דאָרטן, אין די ליכטיקע צימערן פון די שולדינערס, זיַינע אויס־געזונגען געוואָרן אַלע ניַיע לידער, וואָס האָבן זיך, דורך די פענצטער אַוועקגעטראָגן אין דער ברייטער וועלט אַריַין. פון דאָרטן איז דאָס צום ערשטן מאָל אַרויסגעלאָזן געוואָרן דער „בלויער שטאָפּעטעלע״, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין שטעטעלע אַריַין, — פון זיַין שעפער אַליין. פון דאָרטן האָט עס דער זעלבער דיכטער, דאָס ערשטע מאָל גערופן צו די שטאַרקע: „לאָמיר גייַן, לאָמיר גייַן!״. די ווערטער פעסטע, מוטיקע און מעכטיקע, וואָס זיַינען אַרויסגעקומען פון זיַין מויל, האָבן געלאָשן דעם גלות אין זיַין האַרצן און זיַין טיפע שטימע, זיַין באַס, איז אַרויסגעקומען אַ ביסל הייזעריקלעך־געדעמפּט.

דאָרטן זיַינען דאָס פריער אַרויסגעזאָגט געוואָרן די געוואַגטסטע געדאַנקען, וואָס זיַינען נאָך דעם געבראַכט געוואָרן, דורך זייערע שריַיבער און פאַרטרעטער, פאַר דער ברייטער וועלט.

דער צענטער פון די שולדינערס הויז איז געווען חנהלע. אַלץ האָט אַרום איר ליכט געפלאַטערט. זי האָט אַהין די יונגט מאַגנעטיזירט.

חיים איז אַריַינגעקומען צו די שולדנערס, צוליב דבורהן. זיַין האַרץ האָט פאַר איר געצאַפּלט. דאָס איז געווען אַ באַניַיטע באַקאַנט־שאַפט מיט איר, דאָ, אין דער שטאָט ק.

חיים האָט דבורהן נאָך געקענט פון פריער, פון זײַן היים־שטאָט. זי פלעגט דאָרטן אַרײַנקומען אין זײַן עלטערן־הויז, צו זײַן שוועסטער, וואָס איז איר געווען אַ חברטע.

חיים איז דאַן געווען אַ יינגל, וואָס האָט זיך נאָך ניט געהאַט אַרומגעקוקט אויף קיין מיידלעך. ער האָט נאָך ניט געוווּסט — ווי מען זאָגט — מיט וואָס מען עסט דאָס. דערצו איז ער נאָך געווען אַ שעמעוודיקער, וואָס פלעגט זיך רויטלען ווי אַ מיידל.

דבורה איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אים באַמערקט. זי האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן צו זײַן שוועסטער. דאָס מורמלען איז צו זײַן אויער דערגאַנגען. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך געטראָפן, אַראָפּגעלאָזן, און ווידער באַגעגנט.

דאָס ערשטע מאָל, ווי חיים האָט פאַרגעדענקט אַ בליק פון אַ מיידל. עפּעס מאָדנע אויגן! טרויעריק־בעטנדיקע. אירע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אינעווייניק אַרויס, דאָרטן האָבן זיי זיך אין טרויער געטונקט.

בײַ זײַן שוועסטער אין צימער האָט חיים אַ בילד פון דבורהן געפונען. ער האָט לאַנג באַטראַכט איר געשטאַלט און דרײַסטער אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן אַרײַן.

— „פון די אומגליקלעכסטע פון די טעכטער, צו די גליק־לעכסטע" — האָט ער איבערגעלייענט, אויף דער אַנדער זייט פון בילד און די דאָזיקע ווערטער האָבן אים, חיימען, מער ניט געגעבן קיין רו. ווי ער איז נאָר געגאַנגען און געשטאַנען, האָט ער אַלץ געזען דעם מאָטן, טרויעריקן פּנים פון דבורהן. אירע אויגן דערציילן אים שטומער־הייט, וועגן עפּעס אַ טיפן צער, וואָס זי טראָגט אין זיך. — „ווי אַזוי קומט ער צו איר? ווי אַזוי דערנענטערט ער זיך צו איר? — ער וואָלט אויסגעגלעט דעם צער פון אירע ביינער. ער וואָלט אַרויס־געקושט דעם פּײַן פון אירע אויגן, אויסגעטרייסט דעם טרויער. אָבער זי וועט זיך דאָך ניט אַרומקוקן אויף אים. זי וועט אים מיט חרפּה אָפּשטויסן פון זיך".

חיים האָט פאַר זײַן גרעסטן אומגליק געהאַלטן, דאָס, וואָס ער

איז געווען מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר יינגער פון זײַן שוועסטער און פון אירע חברטע, דבורהן. אַ שטיק פון זײַן לעבן וואָלט ער אוועק־געגעבן, ווען ער וואָלט געקענט עלטער ווערן אויף עטלעכע יאָר.

איצט, ווען ער קומט אַרײַן צו די שולדינערס, איז ער שוין עלטער געוואָרן אויף גאַנצע דרײַ יאָר, זינט ער האָט זיך מיט דבורהן באַקענט. אָבער וואָס איז די פּעולה? וואָס העלפט דאָס אים? — דבורה איז דאָך, זינט דאַן, אויך עלטער געוואָרן אויף די זעלבע דרײַ יאָר...

ער געפינט זיך ניט קיין אָרט, אין דער געזעלשאַפט, בײַ די שולדינערס. ווער קוקט זיך דאָ אויף אים אַרום?! אַ יינגל.

ווען דער עולם רעשט און שרייט, וואָגט ער אַפילו ניט אַרײַנ־צושרײַען זײַן מיינונג אין דעם געטומל. אַ מאָל, ווען מען רעדט געלאַסענער, שטעלט ער אַרײַן זײַן וואָרט. עס ווערט דווקא גוט אויפגענומען. אָבער דער טאָן:

— ער איז גערעכט, בערעזאָווסקעלע.

וואָס פאַר אַ בערעזאָווסקעלע עפּעס?! דער בערעזאָווסקעלע!! אָט דער „בערעזאָווסקעלע" איז גאָר עפּעס אַן אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען.

פּונקט דאַרף זיך מאַכן, אַז צו די שולדינערס קומט אַרײַן נאָך אַ פרײַנד מיט דעם זעלבן נאָמען — בערעזאָווסקי. הייסט טאַקע יענער בערעזאָווסקי און חיימען רופט מען, „בערעזאָווסקעלע". אָט דער בערע־זאָווסקעלע הרגעט אים אינגאַנצן אַוועק. ער שפּירט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל צו זיך ניט קומען, צוליב דעם אַנדער בערעזאָווסקי.

און ער אַליין האָט שוין בײַ זיך אויך געפּועלט, אַז „ווי קומט ער צו בערעזאָווסקין?" ער אַליין אָנערקענט יענעמס מעלות. יענער איז אַ דערפאַרענער, אַ לעבנס־געניטער, אַ הויכער, אַ שיינער. דערצו האָט יענער אַ פּאָר וואָנצעלעך! אַז זיי זײַנען פּאַרט שיין?! אַזעלכע טונקל־ברוינלעכע! און גלאַנצן, גלאַנצן זיי, אַז עס ווילט זיך זיי ממש גלעטן. הײַנט דער שיינער שמייכל, וואָס רוט אויף זיי!... דערצו די יאָרן, די יאָרן! און ער? אַ שנעק פון אינגאַנצן צוואַנציק יאָר!

— בערעזאָווסקעלע זײַנט איר הײַנט שיין!

— בערעזאָווסקעלע, זײַנט איר געווען טרעפלעך!

אָבער דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער הויך, פאַר אַלעמען אין די אויגן, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס און ווי קען דאָס אים שמייכלען, ווען דאָס ווערט אַפילו געזאָגט פון דבורהן אַליין...

חיים האָט געזאָדן פון פאַרדרוס, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו די געניטע באַנעמונגען פון די בחורים, וואָס זײַנען אָרײַנגעקומען, צו די מיידלעך, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. ווי זיי פאַרלירן דאָס ניט זייער רו, זייער געלאַסנקייט און זייער גלײַכגעוויכט. די זעלבע באַנעמונגען האָבן זיי אויך געהאַט צו דבורהן...

און ער? ווי קען ער וואָגן? אַ יינגל!

אַן אַלייניקער, אַ פאַרשטויסענער אין זיך, אין דער יוגנטלעכקײַט פון זײַן נשמה, האָט ער באַשלאָסן אַוועקצוגיין, ערגעץ ווײַט! — ווו די אויגן וועלן אים טראָגן.

— —

— —

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דבורהס אָרעמס און פאַרלאָזן איר שטוב.

דער זייגער האָט אים אָנגעוויזן זײַן וועג, — צום באַן.

ער איז געגאַנגען אַ שכורער. דער פרימאָרגן האָט אים געקילט און געמונטערט. די זון האָט אים אין פנים אַרײַנגעקוקט און ער האָט זיך ניט געלאָזן... ער האָט יעדע רגע געטאַפּט זײַנע באַקן, וואָס זײַנען פון איר נאָר־וואָס געגלעט געוואָרן און געשעפּט פון דאָרטן פולע הויפנעס מיט גליק.

זײַנע פיס האָבן געשטעלט טריט אויף דער ערד. די ערד האָט אים געצויגן צו זיך און דאָך האָט ער זי ניט געשפירט אונטער זיך.

דאָס איז געווען אַ שוועבן, אַ טאַנצן, — ניט קיין גיין.

געצויגן האָט עס אים צו איר. און געגאַנגען איז ער פאָרויס, פאָרויס, אויפן רוף פון אירע אָרעמס. איר געשטאַלט האָט געשוועבט הינטערווײַלעכס, מיטן פנים אַנטקעגן אים, מיט אָפענע, אַרומנעמענדיקע אָרמעס און צעצונדענע אויגן.

צוריק האָט ער ניט געטאָרט גיין... מיטן באַוויזן זיך נאָך אַ מאָל פּאַר איר, וואָלט ער זי אָפּגענאַרט...

זײַנע אויגן האָבן זיך ערשט איצט געעפֿנט. הײַנט האָט ער צום ערשטן מאָל די וועלט דערזען. דער הימל האָט זיך געעפֿנט. די ערד האָט זיך אַנטפּלעקט. און ער לויפֿט איבער דער וועלט. וווהין? — צום באַן...

ער מוז אַוועק. ער מוז אַוועק...

דאָס גליק, וואָס זי האָט אים איצט געשאָנקען, איז געווען אַ געזעגענונגס־מתנה. נאָר איין מאָל איז זי געווען גוט צו אים. איין מאָל. — דאָס לעצטע מאָל...

— זײַ געזונט, מײַן קינד. גיי און פֿאַרגעס מיך. אויף אייביק. געדענק נאָר דאָס ביסל גליק וואָס איך האָב דיר געגעבן. אַנדערש האָט עס ניט געקענט זײַן. ווען דו וואָלסט מיט מיר פֿאַרבליבן, וואָלסטו אַ גאַנץ לעבן אומגליקלעך געווען. גיי — און פֿאַרגעס.

האָבן אים גערופֿן אירע געשטרעקטע אָרעמס און ער איז געלאָפֿן. האָט ער געזען, אויף אַלע וועגן פֿון דער וועלט, דאָס ליכט פֿון אירע אויגן און ער איז געגאַנגען.

ער לויפֿט אַרום אַ פֿאַרסמטער פֿון דעם ביסל גליק, וואָס זי האָט אים געשאָנקען, — איין מאָל נאָר...

.1959

פאַרשטויסן

אײַזיק זאַנפעלד איז געבליבן יונג אַן אלמן. — אינגאַנצן דרײַסיק יאָר אַלט.

ער איז געבליבן אַליין, — אָן קינדער.

אַן אַנדערער, אויף זײַן אָרט, טוט, וי דער דרך־העולם איז — האָט באַלד חתונה צום צווייטן מאָל.

— וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן.

אים איז אָבער שווער געווען צו טאָן אַ שידוך, כאָטש ער איז געווען אַ פאַרדינער און איז געשטאַנען אין אַ גוטן מעמד. ער איז געווען דער באַלעבאָס פון אַ טריקאָטאַזש־פאַבריקל, ווו עס זײַנען געווען באַשעפטיקט טעלעכע צענדליק מענטשן.

אַ פלעק איז אויף אים געפאַלן און די גאַנצע וועלט האָט זיך פון אים אָפּגעקערט.

אין דער אמתן איז אײַזיק געווען אַ „וויטישער" (ניט קיין בלאָטער), אַ ריינער, ערלעכער און לײַטישער מענטש, אַן אײדעלער יונגערמאַן, פון אַ פײַנער משפחה, און האָט זיך אויך אויסגעטויגט אין די שוואַרצע פינטעלעך. נאָר געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער האָט צו טאָן מיט די „רפאליקעס" (רופיאַנעס, אלפאָנסן).

אײַזיק האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ חסידישער היים און איז אויסגעוואַקסן אַ באַלעבאַטישער בחור, אָן אַ פאַך, ווי טויזנטער זײַנס גלײַכן, קליין־שטעטלשע יונגעלײַט.

אין בוענאָס־אײַרעס האָט ער גלײַך, ווי נאָר ער איז אַהין אָנגעקומען, געקראָגן אַרבעט, אין אַ פאַבריק פון אײַזערנע בעטלעך און גוט פאַרדינט.

ער האָט שוין אפילו באַוויזן צו צעברעכן די וואַנט פון עלנטקייט, האָט באַקומען חברים, פלעגט אַרײַנקומען אין אַ יידישער ביבליאָטעק, געגאַנגען הערן אַ לעקציע, און ווו־ניט־ווו האָט זיך אויך פּאַר אים געעפנט אַ טיר פון אַ היימישער שטוב.

— —

— —

אין איינעם אַ שבת, נאָך האַלבן טאָג, האָבן איציקס אַרבעטס־חברים און צימער־שכנים, זיך וואַשנדיק צוזאַמען, ביי די קראַנען, אין הויף פון פאַבריק, — אויפגעלייגטע פון פאַרענדיקן די וואָך שווערע אַרבעט — זיך געגומען ווערטלען אין זײַט און מאַכן אויגלעך:

— הײַנט, איציק, וועלן מיר דיר אַרויסנעמען „צווישן מענטשן”. מאָרגן דאַרף מען דאָך ניט אויפשטיין — מאָרגן איז זונטיק. מען וועט אַ הוליע טאָן און פאַרברענגען אַ נאַכט, ווי גאָט אין אָדעס.

איציק האָט זיך געררויטלט, באַקומען אַלע פאַרבן, געשמייכלט פאַרלעגן, אָבער ביי נאַכט איז ער, אַן איבערגעטוענער, נאָכגעגאַנגען זײַנע חברים.

די חברים זײַנען געגאַנגען, פריילעכע און מונטערע, אונטער־געטענצלט און אונטערגעזונגען. איציק האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי, ווי אַ ניט דאַיקער — פול מיט נײַגער און דערוואַרטונג.

די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע — מיט אַ פולער לבנה.

איציקן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די לבנה קוקט אויף אים, גייט אים נאָך און שפּאַנירט אים, — וווהין גייט ער דאָס.

מען איז אַזוי געגאַנגען קוואַרטאַלן און קוואַרטאַלן, ביז מען איז אָנגעקומען צו אַ פאַרלעגענעם געסל. פון אַ הייזל, אין געסל, האָט, אונטערן אושאַק, אַ רויט לאַמטערנדל געווונקען, פאַרשײַט:

— אַרײַן, אַרײַן!

די חברה האָט זיך אַהין אַרײַנגעלאָזן, ווי ביי זיך אין דער היים.

איציקס חברים זײַנען געווען אָפטע אַרײַנגייער אין דעם הײַזל. אַלע האָבן זיי דאָרטן געקענט און זיי אַלעמען.

ווי זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן אויף דער אינעווייניקסטער זײַט פון שוועל, איז זיי אַ גאַנצע כאַפּטע מיידלעך אַנטקעגן געקומען.

די מיידלעך האָבן זיך מיט זיי פריילעך געוויטעוועט, זיי אָנגערופן בײַ די נעמען, זיך געטוליעט און געלאַסטשעט צו זיי, ווי צו אַלטע, גוטע באַקאַנטע.

די בחורים האָבן זיך אויסגעזעצט, אין אַ ריי, בײַ אַ וואַנט פון האָל, — יעדערער מיט זײַן מיידל. זיי האָבן געטרונקען פון די באַשטעלטע משקאות, וואָס מען האָט זיי סערווירט, זיינען געקראָכן מיט זייערע אויסגעהאָרוועטע הענט אין די אָפענע בוזימס אַרײַן און זיך פעט געוויצלט.

אײַזיק איז געשטאַנען אָן אַ זײַט, ווי אַ פרעמדער, ווי אַ באַשעפעניש, וואָס איז אַהער אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַנדער וועלט.

איינע פון די מיידלעך האָט אים באַמערקט און אַ זאָג געטאָן צו איר „קאַוואַליר":

— ווער איז דער יאָלד? דײַנער אַ חבר? — ער זעט נאָך אויס צו זײַן אַ „צעלקע".

— שאַ — האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין — איך האָב פאַר אים אַ מויד — „די רביצן". זי האָט אַ קער געטאָן איר קאָפּ און גענומען שרײַען:

— רבקהלע, רבקהלע, קום נאָר אַהער, קום, דײַן חתן וואַרט אויף דיר!

פון אַ זייטיקן האָל־ווינקל, האָט זיך דערנענטערט אַ יונג, קליין־געוויקסיק מיידל, מיט באַשיידענע טריט און מיט אַ פּנים פון אַזאַ, וואָס זעט אויס נאָך צו זײַן נײַ אין דעם פאַך.

רבקהלע איז פאַרזיכטיק צוגעקומען צו אײַזיקן און אים אויס־געשטרעקט אַ ווײַסע, איידעלע האַנט. אירע גרויסע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווײַט־ווײַט. זייערעביידנס הענט האָבן אַ ציטער געטאָן.

אײַזיקס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן:

— אַזוי יונג, אַזוי שיין און אַזוי איידל, — וואָס טוט זי דאָ?

די חברים מיט זייערע מיידלעך זײַנען דערווײַל אויסגערונען. אײַזיק איז געבליבן אַליין מיט רבקהלען.

רבקהלעס באַנעמונג צו אײַזיקן, איז געווען, ווי פון אַ צניעותדיקער, יידישער, כשרער טאָכטער. איר באַציִונג צו אים איז געווען, ווי פון אַ פרום ווײַבל, וואָס דאַרף טאָן דעם געבאָט פון איר מאַן. איר שעמעוו־דיקײַט איז געווען, ניט קיין געמאַכטע.

נאָך דעם איז געקומען אַן אַלטע מעשה, — אַן אַלטע געשיכטע, וואָס איז אַזוי פיל מאָל איבערגחזרט געוואָרן, אַז מען גלויבט שוין מער ניט אין איר וואָרהאַפטיקײַט.

— פאַרנאַרט, פאַרפירט, טעראָר, און דער סוף — אונטערגעגעבן.

אײַזיק איז געבליבן ווי צוגעזאָטן צו רבקהלען. זי איז אים אומעטום נאָכגעגאַנגען, בײַ דער אַרבעט, אין שלאָף, אין זײַנע חלומות. ווו אַ פרײַע מינוט, האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן איר. זי האָט זיך אײַנגעגעסט אין אים און ער האָט זי שוין מער ניט געקענט פאַרגעסן.

אײַזיק איז געוואָרן אַן אָפטער אַרײַנגייער אין דעם הייזל. ער האָט געמוזט קומען אַהין. ער האָט געדאַרפט זען רבקהלען, ריידן צו איר, טרייסטן זי און צוזאָגן איר, אַרויסצונעמען פון דעם נעץ, אין וועלכן זי איז אַרײַנגעפאַלן.

דאָס זײַנען ניט געווען קיין סתם רייד. ער האָט זיך פאַרנומען אַזוי צו טאָן. ער האָט זיך אפילו פאַרטרויט פאַר זײַנע חברים:

— איך גיי חתונה האָבן מיט רבקהלען. זי איז אַ פײַנע, ערלעכע נשמה, — אַ פאַרפירטע, נעבעך.

— וואָס גייסטו טאָן, משוגענער, יאָלד, צלאָפּ דו, יאָקל בן פלעקל?!

מען האָט שוין געהערט אַזעלכע געשיכטעס. אַלע זינגען זיי דאָס זעלבע לידל. אַלע זײַנען זיי רבנישע, אָדער שוחטישע טעכטער.

די „מומע" פון הײַזל, ביילטשע און איר מאַן, „די האַלב חלה", האָבן גענומען קוקן קרום אויף אײַזיקן:

— צופיל האָט דער יאָלד זיך דאָ אײַנגעגנאַדיעט, צופיל קלעפּט ער צו דער „רביצן", צופיל מחזקות מאַכט ער מיט דער מויד. דאָס טויג ניט פאַרן געשעפט. קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען.

אײַזיק, פֿאַרקערט, האָט געזוכט, זיך צו פֿרײַנדלען מיט זיי, ווערן מיט זיי היימיש. ער פֿלעגט זיך דרייען אַרום זיי, אַרײַנוואַרפֿן אַ וואָרט, פֿאַרציען אַ שמועס און קוקן אויף זיי מענטשלעך, ווי אַ גלײַכער אויף גלײַכע. ער האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ שעת־הכושר, אויף אַ געלעגנהייט, צו ריידן מיט זיי וועגן תכלית, — וועגן רבקהלען.

אײַזיק האָט שוין געקענט אַלע גענג פֿון דעם הויז.

— —

— —

עס איז נאָך מיטאָג. אין הויז איז שטיל, ווי אין אַן אויער. קיין קליענטן זײַנען ניטאָ. די מיידלעך שלאָפֿן. ביילטשע מיט יאַנקל „די האַלבע הלה" זיצן בײַ אַ טישל און טרינקען טיי מיט לימענע. ביילטשע זיצט ברייטלעך, אין איר שטול, טרינקט דעם זיסן טיי און עסט צו שטיקער קיכל. אירע אויגן שײַנען מיט צופֿרידנקייט, איר גוידער טאָפּלט זיך מיט זאַרגלאָזיקייט און מנוחה. זי איז גוט אויפֿגעלייגט. יאַנקל זיצט, ווי תמיד, אַן אָנגעכמורעטער. דאָס פּנים צעהיצט פֿון דעם הייסן טיי, וואָס ער טרינקט, מיט כוונה. ער האָט ליב טיי מיט „פּריקוסקי", אויפֿן היימישן שטייגער. ער בײַסט יעדע ווײַלע אָפּ אַ שטיקל האַרטן צוקער, מיט זײַנע געזונטע, ווײַסע ציין און טרינקט, פּאַמעלעכקע, דעם טיי. ער שלינגט אים גלײַך ניט אַראָפּ. ער מאַכט, מיטן מויל, אַזעלכע באַווע־גונגען, ווי ער וואָלט אויך געקײַט דעם געשמאַקן געטראַנק, כדי די הנאה זאָל לענגער אָנהאַלטן, זי זאָל אַזוי גיך ניט פֿאַרבײַגיין.

אײַזיק באַווײַזט זיך.

יאַנקל נעמט ניט אַרויס די אויגן פֿון דעם טיי. ער טרינקט ווײַטער, ווי ער זעט קיינעם ניט.

— סקאָצל קומט! ברוך הבא, אַ גאַסט איז דאָ. וואָס טוסטו דאָ אין מיצקע דערינען, אײַזיק? — רופֿט זיך אָפּ, היימיש, ביילטשע.

— אָט, געקומען זען וואָס מען מאַכט.

אײַזיק דערנענטערט זיך צום טישל. יאַנקל גיט אַ בורטש, ניט אַרויסנעמענדיק די אויגן פֿון גלאָז:

— וואָס וועט מען עפּעס זאָגן, האַ?

— איך וויל טאַקע כאַפּן אַ שמועס מיט אײַך... זיך דורכריידן... עפּעס זאָגן...

— שיס אויס, יאָלד! בלעקע ניט מיט דער צונג. איך האָב ליב, אַז מען רעדט מיט באַקציינער. רייד!

— רב יאַנקל, דאָן כאַקאַבאַ, איך וויל איר זאָלט מיר אָפּלאָזן רבקהלען. איך וויל חתונה האָבן פאַר איר.

— ביסט דול, צי משוגע?! וואָס נאָך ווילסטו?! פאַרנעם זיך פון דאַנען, איידער איך צעשפּאַלט דיר דײַן טשאָלנט־טאָפּ, איידער איך פאַרוויש דיר דעם ציפּער־בלאַט און שיק דיך אַוועק מיט אַ פוס אונטערן אָרעם!

— אָבער, רב יאַנקל, איך האָב אָפּגעשפּאַרטע עטלעכע טאָלער... אפשר... איך בין גרייט... האָט אײַנזעעניש.

פון אײַזיקס רייד האָט זיך בײַ ביילטשען צעטליעט אַ באַהאַלטענער פונק, וואָס איז געלעגן, ערגעץ טיף פאַרבאָרגן אין האַרצן, — דער פונק פון דער אַמאָליקער ביילטשען, וואָס איז געווען אַ רבקהלע. זי האָט שנעל איבערגענומען דעם רודער:

— יאַנקל, יאַנקעלע! וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? לאָז אים צו די מציאה. קיין נחת וועסטו סײַ ווי סײַ ניט דערלעבן פון רבקהלען. צו וואָס דאַרפסטו זי האָבן, די „רביצן”? דו ביסט דאָך אויך אַ ייד. אפשר?... אפשר... אַ מצווה... אַ יידישע טאָכטער... אַ יתומה... מיר וועלן נאָך אפשר קריגן אונטערפירעכץ. דער יונג איז אַ שטיק גאָלד. ער מיינט עס מיט אַן אמת. ער וועט זי ערלעך האַלטן. יאַנקעלע!

יאַנקל איז געזעסן שטיל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן שטעטל, אָן זײַן אָרעם שטיבל. ער האָט דערזען פאַר זיך זיין מאַמען, ווי זי פאַרשטעלט אים פון זײַן טאַטנס קלעפּ און טענהט, גזלן, רוצח איינער, פּײַוועשי, וואָס ווילסטו פון דעם קינד?! איז ער ניט געגאַנגען אין חדר. אָבער ער האָט דאָך אַ יידיש האַרץ, אַ גאָלדן האַרץ.

יאַנקלס מויל האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ מאָדנעם שמייכל. מען האָט ניט געקענט וויסן, צי וויל ער וויינען, צי וויל ער לאַכן.

זײַנע אויגן זײַנען באַצויגן געוואָרן מיט אַ פּײַכטקײַט און ער האָט שוואַך אַרויסגעברומט:

— זאָל ער זי נעמען. זאָל ער גיין מיט איר, זאָל ער...

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג, האָט מען געשיקט רופן מאָטיען „מיטן אויגל".

מאָטיע איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט געזען אַ וועלט. ער האָט געקענט די גרעסטע האַפּן־שטעט. דערציילן פלעגט ער וווּנדיירים. און וואָס איינער האָט ניט דערציילט פאַר אַ חידושים, פלעגט ער אַ קוועטש טאָן מיט זײַן לינקן, בעלמעדיקן אויג און אָנהויבן שיטן מיט מעשׂיות, וואָס זיי האָבן צונישט געמאַכט דעם פריערדיקן דערציילער און אים איבערגעלאָזן נאָך קלענער ווי קליין. גערעדט האָט ער, אָן התפּעלות, ווי ער וואָלט דערבײַ ניט געווען, — ווי ניט ער רעדט דאָס, נאָר עס רעדט פון אים אַרויס. געמיינט האָט עס:

— עס זיינען נאָך דאָ גרעסערע חידושים אויף דער וועלט.

מאָטיע איז געווען אַ בעל־משפּחה. זײַנע זין און טעכטער זײַנען געגאַנגען אויף די אוניווערסיטעטן. געלעבט האָט ער, ווי אַ סך ייִדן אין בוענאָס־איירעס, פון „קוענטע" (פּאַרקויף אויף אָפּצאָל) — פון קלאָפּערײַ. די גרעסטע טייל פון זײַן קונדשאַפט האָט ער געהאַט צווישן די מיידלעך פון די „הײַזלעך". זיי זײַנען גוטע קליענטינס. אַלץ דאַרפן זיי און צאָלן פּרײַזן. אים ווילן זיי ניט אָפּנאַרן — ער איז קליגער פון זיי.

מאָטיע איז געווען אַ ייִד, אַ יודע־ספר און האָט מסוכן ליב געהאַט צו קהלן זיך. דער כּלל — דאָס איז געווען זײַן לײַדנשאַפט.

זאָל זײַן בײַ וואָס עס זאָל ניט זײַן — אַבי קהלן זיך.

מאָטיע האָט געטראָטן, איבער ביידע שוועלן. לײַטישע מענטשן האָבן אים ניט אָפּגעשטויסן — פּרנסה איז פּרנסה. ביי די „חברה־לייט" איז ער געווען אַ גאַנצער מלומד — שיעור ניט אַ רבי. זײַן וואָרט איז געווען פאַר זיי הייליק. זיי האָבן צו אים געהאַט דעם צוטרוי, אַי ווי צו אַ „וויטישן", אַי ווי צו אַ „בלאַטן".

אַז מאָטיע איז אָנגעקומען, אויף מאָרגן, צו ביילטשען און יאָנקלען

און האָט אויסגעהערט די טענות, וואָס איַיזיק האָט פאַר אים אַוועקגעלייגט, האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיטן לינקן אויג און אַ זאָג געטאָן:

יאָ, ער איז אַ ווילער יונג, דער איַיזיק. מען דאַרף זיי חתונה מאַכן. עס איז אַ מצווה. און נאָך וואָס פאַר אַ מצווה! אַ קליינינקייט — הכנסת־כלה. רב יאַנקל, ביילטשע קרוין, איר קויפט זיך עולם־הבא — אייביקע עולם־הבא. און די חתונה נעם איך אויף זיך. איך וועל זיי חתונה מאַכן. איך פּראַווע די שמחה. ביי מיר אין שטוב פּראַווע איך זי.

אַלע פיר האָבן געטרונקען אַ לחיים.

— —

— —

רבקהלע האָט אַריַינגעבראַכט די מזל־ברכה צו איַיזיקן אין שטוב אַריַין. ער האָט, נאָך דער חתונה, אַוועקגעלייגט די אַרבעט אין פאַבריק און מיטן אָפּגעשפּאָרטן געלט זיך גענומען צו מסחר.

איַיזיקן איז געגאַנגען, דורך טיר און דורך טויער. צו וואָס ער האָט זיך נאָר ניט גענומען, איז אים אַוועק, מיטן פוטער אַרויף. און אַז ער האָט אַריַינגענומען אַ פּאָר שטריק־מאַשינעס אין שטוב אַריַין, איז פון די פּאָר מאַשינעס געוואָרן אַ גאַנצע פאַבריק.

איַיזיק האָט רבקהלען ליב און טיַיער געהאַלטן. ער האָט זי אויס־געקליידט און באַגייט פון דעם שענסטן און בעסטן. קיין זאַך איז פאַר אים ניט שווער געווען. ער האָט איר אויסגעשטאַט אַ שטוב, הלוואי אויף אַלע ליבסטע געזאָגט געוואָרן.

אָבער רבקהלען איז קיין זאַך ניט באַקומען. זי איז איַינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. רבקהלע איז אַריַינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה.

זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט איַיזיקן, האָט זיך די גאַנצע וועלט אָפּגעקערט פון זיי.

זיי קומען אין טעאַטער. איַיזיק טרעפט זיך מיט זיַינע באַקאַנטע. ער שטעלט זי פאָר:

— מיַין פרוי.

מען שטעקט זיי אַריַין די שפּיץ־פינגער — ווי פון אַ גוטן יידן — און מען ווערט ניט.

זיי גייען הערן אַ פאַרלעזונג, בלײַבן זיי זיצן אַליין — אויסגעווײַכטע. זייערע פיס האָבן ניט אַריבערגעטראָטן קיין היימישן שוועל און די טיר פון זייער שטוב עפנט זיך פאַר קיינעם ניט.

— פאַר וועלכע זינד? וואָס פאַר אַ חטא בין איך באַגאַנגען? — דערפאַר וואָס איך האָב אַרויסגעהויבן אַ יידישע טאָכטער פון זומפּ אַרויס — ביטערט אײַזיק אײַן זיך אַרײַן.

אײַזיק קומט, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, צו זיך אַהיים. רבקהלע טוליעט זיך צו אים אַ פאַרשולדיקטע, קוקט אים אָן, מיט אירע שטאַרע אויגן, וואָס זײַנען איבערגעקערט, טיף, אין זיך אַרײַן, און וויינט, וויינט.

— וואָס איז דיר רבקהלע, מײַן קינד, וואָס וויינסטו?

— איך... איך בין שולדיק. איך. אין אַלץ.

— וואָס רעדסטו, טײַערינקע, וואָס שולדיק? ווער שולדיק? וואָס פעלט דיר?

— איך... איך... איך קען דיר קיין קינדער ניט געבן און צוליב מיר ביסטו פון אַלעמען פאַרשטויסן געוואָרן. איך האָב דיך אומגליקלעך געמאַכט. וואָס ביסטו שולדיק? דו ביסט דאָך אַ הייליקער און איך... איך... אַ...

— ווער קינדער, וואָס קינדער?! איך האָב דיך ליב, אַי ווי אַ ווײַב, אַי ווי אַ קינד — און פאַרשטויסן... פון וועמען?! אויך מיר אַ זאָרג! לאָז צו רו. פאַרגעס, פאַרגעס.

עס האָט ניט געהאָלפן, ניט אײַזיקס אײַננעמען זי, ניט זײַן ליבשאַפט, ניט זײַנע גוטע רייד און ניט די הילף פון דאָקטוירים.

רבקהלע איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, אין פּײַן און פון שולדגעפיל.

— —

— —

עס זיינען פאַרבײַ עטלעכע יאָר. ווידער איז פריילעך און ליכטיק בײַ מאָטיען „מיטן אויגל" אין שטוב. ווידער פירט מען דאָרטן אײַזיקן צו דער חופּה. ער שטייט אונטער דער חופּה מיט שרה בת אברהם. שרה בת אברהם איז איר נײַער נאָמען. ביז נעכטן האָט זי געהייסן כואַנאַ סואַרעז.

נאָך ווען רבקהלע האָט געלעבט און איז קראַנק געווען, פלעגט כּוואַנאַ יעדן טאָג אַרײַנקומען צו איר באַלעבאָסטע אין שטוב. זי איז געווען אַן אַרבעטאָרן אין אײַזיקס פאַבריק און ער האָט זי געשיקט אַהיים, אַרויסצוהעלפן דער קראַנקער רבקהלען. כּוואַנאַ איז געוואָרן, ווי אַן אייגענע אין דער פאַמיליע פון אירע באַלעבאַטים. זי האָט געטרײַ און מיט ריינער פרײַדנשאַפט אַכטונג געגעבן אויף דער קראַנקער און צוגעזען דעם באַלעבאָס, ניט האָבנדיק דערבײַ קיין שום כּוונות. זיי זײַנען ביידע אַזעלכע איידעלע מענטשן. רבקהלע האָט אין כּוואַנאַס שויס, אירע טרערן אויסגעוויינט און זי פלעגט איר דערבײַ צאַרט גלעטן אירע בלאָנדע, זײַדענע האָר.

נאָך רבקהלעס טויט, איז כּוואַנאַ געוואָרן די באַלעבאָסטע פון הויז און די געטרײַע פאַרזאָרגערין פון אײַזיקן. זי האָט געקאָנט זײַן געשמאַק און געוווסט, ווי אַרומצוגיין אַרום אים, ווי אים צו באַדינען. רבקהלע האָט נאָך, בײַ איר לעבן, מיט איר וועגן דעם אײַנגעקנעלט.

פאַר דער צײַט פון איר לעבן צוזאַמען מיט איר באַלעבאָס אין איין שטוב, אַליין, האָט זיך בײַ כּוואַנאַן אויפגעוועקט אַן אַנדער געפיל צו אײַזיקן. דאָס איז מער ניט געווען דאָס שוועסטערלעכע געפיל פון געטרײַשאַפט צו אַן איידעלן מענטשן, נאָר אַ שטאַרקער באַגער, אַ ליבשאַפט צו אַ מאַן, וואָס זי האָט באַוווּנדערט. זי האָט נאָך אַזאַ ניט באַגעגנט. אַזאַ באַנעמונג! אַז פירונג! — אין איר אומגעבונג, צווישן אירע לאַנדסלײַט, האָט זי אַזעלכע ניט געזען.

אײַזיק האָט אַרויסגעשפּירט אירע געפילן צו אים. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט אים זײַן אַ גוט ווײַב — געטרײַ מיט לײַב און לעבן. אָבער... ער... אײַזיק מיט כּוואַנאַן און פעדראָ סוּאַרעז דער מחותּן פון רב שמואל זאַנפעלד... אַ פײַנער שידוך... מען קען ניט זאָגן. וואָס קען שוין זיין גלײַכער ?...

קיין אַנדער שידוך האָט ער אָבער ניט געקאָנט טאָן. אַ מענטש מיט אַ פלעק...

שטייט ער דאָס איצט, בײַ זײַן אַמאָליקן פרײַנד, ביי רב מאָטיען אין הויז, אונטער דער חופּה, מיט שרה בת אברהם. רב מאָטיע האָט

שוין די אַלע זיבן זאַכן, וואָס מען דאַרף, דורכגעפּירט. מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אים.

רב מאָטיע אַליין איז מסדר קידושין. ער ציקלט אויס די ברכות. ער זינגט אויס אויף אַ הויכן קול, מיט חדווה:

— ברוך אתה ד׳ מקדש עמו ישראל על־ידי חופּה וקידושין!

אײַזיק הערט זיך צו צו דער ברכה:

— געבענטשט ביסטו, גאָט, דער וואָס הייליקט זיין פאָלק ישראל, דורך חופּה און קידושין.

פֿײַן ווערט געהייליקט מײַן פאָלק, דורך אַזאַ חופּה און קידושין... אײַזיק זאָגפעלד און כואַנאַ סואַרעז... וואָס וועט, משטיינס געזאָגט, האָבן פון זיי דאָס פאָלק ישראל? — ביטערט עס אין אײַזיקן.

די געדאַנקען אַרבעטן בײַ אים, גיך־גיך. עס באַווײַזט זיך פאַר אים די געשטאַלט פון זײַן טאַטן. די גוטסקײַט און די שכינה רוט אויף אים. ער זעט אים אַזאַ, ווי ער געדענקט אים פון אַ מאָל.

אַז זײַן טאַטע פלעגט זיך אַנברוגזן אויף אים, פאַר עפּעס, האָט ער קיין מאָל ניט געשריען. ער פלעגט נאָר אַ זאָג טאָן: פע, אײַזיק, ווי פּאַסט עס פאַר דיר. ער פלעגט דערבײַ אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, זיך אויסדרייען צו אים מיטן רוקן און אַוועקגיין. אָט דאָס ניט שרײַען אויף אים, האָט אים מער ווייי געטאָן, ווי ווען ער וואָלט אים צעפּאַטשט.

רב מאָטיע ציקלט זיך נאָך אַלץ און אײַזיק הערט מער ניט וואָס ער זאָגט. ער פאַרנעמט גאָר די רייד פון זײַן טאַטן:

— פע, אײַזיק, ווי פּאַסט עס פאַר דיר — מיט אַ גויה?!

און ער קערט זיך פון אים אָפּ — ווײַזט אים דעם רוקן.

אײַזיק שעפּטשעט שטיל:

— אויך דו, טאַטע? אויך דו?! איך בין ניט שולדיק. איך בין ניט שולדיק.

זײַנע ליפּן ציטערן. ער גיט זיך אַ וואַקל. רב מאָטיע האַלט אים אונטער.

איינער פון די מחותנים לאַכט אַרײַן, אין פריילעכן חלל:

— דער חתן איז שוואַך. געפּאַסט נעבעך. די גאַנצע צײַט געפּאַסט...

אַ טעות

אסתר רובין, די באַלעבאָסטע פון הויז, ווו ראובן בערגמאַן האָט געהאַלטן קוואַרטיר, איז געווען אַ פרוי אין די פערציקער. זי איז געווען אַ מאַמע פון פיר קינדער. איר עלטערע טאָכטער, בעלאַ, איז געווען אין איינע יאָרן מיט בערגמאַנען.

דאַוויד באָריסאָוויטש, אסתרס מאַן, איז געווען מיט אַ יאָר צען עלטער פון איר. פון פאַך איז ער געווען אַ טעכניקער און פון כאַראַקטער אַ פאַנטאַזיאָר מיט פאַרשיידענע „האָביס". די האַנט און דער קאָפּ פון דעם הויזגעזינט איז געווען אסתר. זי האָט געפירט איר מלוכה, ניט ביד־חזקה, נאָר מיט שכל און ליבשאַפט.

אסתר איז געווען פון מיטעלן וווּקס, אַ ביסל אַ באַלײַבטע, מיט אַ מאָט פּנים, פּעך־שוואַרצע האָר און מיט אַ פּאָר טונקל־ברענעדיקע אויגן, ניט פּאַר איר עלטער.

זי איז ניט געווען קיין באַריידעוודיקע, נאָר דאָס וואָס זי האָט גערעדט, דאָס וואָס זי האָט געזאָגט, איז געווען קלאָר, שנײַדיק און שאַרף. זי האָט פאַרמאָגט — ווי מען זאָגט עס — אַ חתוך־הדבור. און האָט איר געוואָלט באַגיין עפּעס אַ נאַרישקײַט, אָדער געזאָגט ניט קיין גלײַכע זאַך, איז געגנוג נאָר געווען, דאָס אסתר זאָל אַ שטעל אָנטאָן אויף איך אַ פּאָר אויגן, אַז איר זאָלט זיך באַדאַכטן אויף דעם וואָס איר האָט געטראַכט צו טאָן, און ניט דערזאָגן דאָס וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן.

בעלאַ איז אינגאַנצן אַרײַנגעראָטן געווען אין איר טאַטן. זי איז געווען שמאָל אין גוף, מיט אַ שאַרפן פּנים, און כאָטש זי האָט זיך געקעמט אויף אַרויף, האָט דער שטערן אירער דאָך באַוויזן, ווי קליין

ער איז. גערעדט האָט זי, מיט ציטערנדיקע סטרונעס. אַ נעזל האָט זי געהאַט, אַ קליינס און אַ פאַרריסנס, אויגן פאַרחלומטע און פאַרחידושטע. און האָט זי אַ מאָל אַ שמייכל געטאָן, האָבן העל מיטגעלאַכט אירע אויגן און געזאָגט:

— איך בין גאָרניט אַזוי מיאוס.

זי האָט זיך געהאַלטן צוריקגעצויגן און צניעותדיק און געקליידט האָט זי זיך באַשיידן.

בערגמאַן איז ביי די רובינס ניט געווען פאַררעכנט, ווי סתם אַ קוואַרטיראַנט, נאָר אַלס איינער פון דער משפחה. די רובינס האָבן געקענט זיין שטאַם, זיין יחוס און אפילו אים אַליין, ווען ער איז געווען אַ יינגל.

ראובן בערגמאַן איז געווען אַן עקסטערן און געלעבט האָט ער פון געבן העברעיִשע לעקציעס. דורך זיין באַשעפטיקונג איז ער דאָס אַריינגעקומען אין דער משפחה־רובין אַריין.

ווען בערגמאַן איז געקומען צו די רובינס אָננעמען אַ לעקציע פאַר די קינדער, האָט מען זיך פונאַנדערגערעדט און זיך דער־קאָנט. זיי זיינען אַלע געווען פון דער זעלבער שטאָט. די רובינס זיינען געקומען אַהער, אין דער רוסישער שטאָט כ., פאַרטריבענע פון זייער היים, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און בערגמאַן האָט זיך נאָך אין דער זעלבער שטאָט געפונען פון פריער. איצט איז ער געווען אָפּגעריסן פון זיינע עלטערן, וואָס זיינען געבליבן ערגעץ־ווו שטעקן, אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע.

די יוגנטלעכסטע פון דער גאַנצער משפחה־רובין, איז געווען די מאַמע, אסתר, און ניט קוקנדיק, וואָס זי איז געווען צוויי מאָל אַזוי די אַלט, ווי בערגמאַן, האָט זיך פאַרבונדן אַ שטאַרקע פריינדשאַפט צווישן זיי. זיי זיינען ביידע געווען באַקאַנט מיט די דיכטונגען פון ביאַליקן און טשערניכאָווסקין, פון פושקינען און לערמאַנטאָוון, פון פרצן און אַשן, און אַז זיי האָבן ביידע צוזאַמען געזונגען די זעלבע לידער, וואָס זיי האָבן געקאָנט, האָט זיך אסתר פאַרגעסן אָן איר עלטער.

— ערשט נעכטן איז דאָך דאָס געווען, ווען זי האָט געזונגען

די אייגענע לידער, צוזאַמען מיט אַזעלכע בחורים, ווי ראובן איז דאָס — האָט זיך איר געדאַכט.

אסתר האָט אַרויסגעוויזן איר צערטלעכקייט און ליבשאַפט צו ראובנען, אָפענערהייט, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

וואָס עס האָט זיך געטאָן בײַ איר אין האַרצן, האָט מען ניט געקענט וויסן, נאָר געהייסן האָט עס — זי האָט ליב ראובנען, ווי אַן אייגן קינד.

אין זאַך איז אָבער געווען קלאָר — זי האָט געוואָלט, דורך זיך, אײַנליבן ראובנען אין בעלאַן.

אין איינעם אַ זומער פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך געזעגנט מיט דעם אַוועקגייענדיקן טאָג און די פייגל האָבן אים באַגלייט מיט טשוויטשערדיקער שירה, האָט אסתר, צעפּודלענדיק ראובנס געקרײַזלטן קאָפּ, וואָס איז געלעגן אין איר שויס, דריקנדיק אים צו איר האַרץ, אין אים אַרײַנגעשעפּטשעט:

— זונעניו, ליבינקער, ווי טײַער דו ביסט מיר, ווי ליב איך האָב דיך, טאַקע ווי אַן אייגענעם קינד. אײַ וואָלט איך געוואָלט דו זאָלסט דאָס טאַקע זײַן אויף אַן אמת! דו ווייסט דאָך ווי בעלאַ האָט דיך גערן. זי איז ניט אַזאַ, וואָס זאָל דאָס קענען אַרויסווײַזן.

פון אויף מאָרגן נאָך דעם אַן, האָט בערגמאַן זיך אינגאַנצן געביטן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פירן אָפיציעל מיט אַלעמען פון דער משפחה־רובין. ער פלעגט גאַנצענע טעג זיצן אַ פאַרשפאַרטער, אין זײַן צימער, בײַ זײַנע ביכער, און אין די אָוונטן איז ער פאַרפאַלן געוואָרן.

פריער איז ער געווען נאָענט צו בעלאַן, ווי צו אַן אייגענער. ער פלעגט זיך רייצן מיט איר, מאַכן אַ שפּאַס, זיך אַ טשעפּע טאָן, זי רופן אפילו בײַ צונעמענישן — פונקט ווי אירע ברידערלעך פלעגן דאָס טאָן. איצט האָט ער זי גערופן, רעספּעקטפול — בעלאַ דאַווידאָוונאַ.

דאַוויד באָריסאָוויטש איז אַרומגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקער, בעלאַ אַ פאַרשעמטע און אסתר רובין, מיט פולע אויגן.

אין מאָל האָט זי בערגמאַנען געזאָגט:

— נו, ראובן, פאַרגעס. פּײניק מיך ניט. איך האָב גאָרניט געזאָגט. זײַ ווי דו ביסט געווען.

אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט זיך בערגמאַן דערקראָגן צו דער דײַטשיטער זאָנע און זיך פאַראייניקט מיט זײַנע עלטערן און די פאַמיליע רובין איז אַוועק קיין אַמעריקע.

ערשט איצט — פון דער ווײַטנס — איז בערגמאַן צעריסן געוואָרן פון בענקשאַפט. ער האָט געבענקט נאָך דער גאַנצער משפּחה, אָבער מער ווי נאָך אַלעמען — נאָך בעלאַן.

— אַזאַ פרוי וועט ער שוין קיין מאָל ניט באַגעגענען אין זײַן לעבן. אַזאַ גוטע, אַזאַ צאַרטע, אַ באַשיידענע און צניעותדיקע — מיט אַלע מעלות.

און וויפל פרויען ער האָט נאָך דעם ניט געטראָפן, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זײַנען זיי געווען — ניט דאָס. ער פלעגט זיי פאַרגלייכן מיט בעלאַן און בעלאַ איז אַלע מאָל אַרויסגעגאַנגען די געווינערע.

די יאָרן זײַנען געגאַנגען. בערגמאַן האָט געהערט, אַז בעלאַ איז פאַרבליבן אַליין. ער האָט זיך געריסן צו איר, אָבער ער האָט זי ניט געקענט דערגרייכן. ער איז געווען דער איינציקער שפּײַזער פון זײַנע עלטערן און האָט זיי ניט געקענט פאַרלאָזן אויף דער עלטער.

— —

— —

פון דעם צווייטן וועלט־קריג איז בערגמאַן אַרויס אַ גאַנצער — איינער אַליין אויף דער וועלט.

ווען בערגמאַן האָט זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, האָט ער אָפּגעפונען די פאַמיליע רובין און באַנײַט מיט איר זײַן פרײַנדשאַפט.

ער האָט אויסגעפונען, אַז בעלאַ איז פאַר דער צייט אַ סך שענער געוואָרן. איר קערפּער איז געוואָרן לײַביקער, פרוישער, דאָס פּנים פולער, אויסגעקײַלעכדיקט, די שפּיציקײַט פון אַ מאָל — פאַרווישט, די אויגן ליכטיקער און אָפענער.

בערגמאַן האָט בעלאַן באַשאָנקען מיט אַ סך ליבשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים פאַר דער גאַנצער צײַט. די ליבשאַפט האָט געשטראָמט פון זײַן האַרץ, ווי פון אַ קוואַל וואָס איז לאַנג געווען פאַרשטאָפּט. ער האָט זיך געפילט, ווי איינער, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ טײַערן אוצר און האָט אים נאָך דעם צוריק געפונען. ער איז אומעטום געגאַנגען מיט בעלאַן. אַן איר האָט ער קיין טראָט ניט געטאָן. ער האָט בעלאַן ערלעך געצאָלט אַן אַלטן חוב — פאַר אַ מאָל, ווען זיי זײַנען נאָך גאָר יונג געווען און פאַר דער לאַנגער צײַט פון זייער צעשיידונג.

איין מאָל, ווען בערגמאַן איז געווען אין עקסטאַז פון ליבשאַפט, האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט:

— טײַערינקע, בעלאָטשקע, איך בין שולדיק אין אַזוי פיל פאַרלוירענע יאָרן פון גליק. איך בין שולדיק. פאַרגיב.

— דו, שולדיק, פאַר וואָס?

— איך... פאַר אַמאָל. פאַר דאַן...

— ניין, דו ביסט גאָרניט שולדיק. דאַן... דאַן האָב איך דיך ניט ליב געהאַט. געדענקסט מאָיסעי אַבראַמאָוויטשן? אין אים בין איך גאָר דעמלסט געווען פאַרליבט. איך קען זיך דאָס נאָך ביז הײַנט ניט דערקלערן. איך, אַ יונג מיידל, אַ גימנאַזיסטקע, און ער... פון גימנאַזיע, בין איך צו אים געגאַנגען, אַנשטאָט צו גיין אַהיים.

פאַר בערגמאַנען איז אויפגעשווומען אַ געשטאַלט — דאָס פּנים פון מאָיסעי אַבראַמאָוויטשן. אַ פאַר ראָז־פאַרוועלקטע בעקלעך, בלאַנדע וואָנצקעס, וואַסערדיקע אויגן, דער קאָפּ־שיידל האַלב־באַדעקט מיט שיטערע שטרוי־הערעלעך. יאָ, ער האָט זיך דערמאָנט, מאָיסעי אַבראַמאָוויטש, אַן אויפגעקומענער מלחמה־גביר, אַן אַלטער בחור, וואָס האָט ניט אַנדערש ווי נאָר געוואָלט ריידן רוסיש, כאָטש ער האָט עס ניט געקאָנט, דער אַלטער בחור, וואָס בײַם ריידן פלעגט ער פאַרבײַטן די שינען אויף די סמכן און פאַרקערט. ער האָט אים ניט ליב געהאַט. ער האָט אים אויסגעמיטן. אין אים איז זי דאָס, בעלאַ, געווען פאַרליבט.

בערגמאַן האָט בעלאַן אָנגעקוקט פאַרשטאַרט. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ פרוי אין די פערציקער. ער האָט אין איר געזוכט, כאָטש אַ זכר פון דער אַמאָליקער בעלאַן, וועמען ער האָט אַ גאַנץ לעבן ליב געהאַט, נאָך וועמען ער האָט אויסגעבענקט אַלע זײַנע יאָרן, און ניט געפונען.

ער האָט זי נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האָט זי געזען...

1963.

די געטרייע

ווען שיינדעלע האָט נאָר געהערט דאָס וואָרט אַרגענטינע, פלעגט עס מיט זילבער פאַר איר אַ קלונג טאָן.

דאַן האָט זי נאָך ניט געוווּסט, אַז דאָס וואָרט, — אַרגענטינע — באַטײַט טאַקע זילבער. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז דאָס איז דער נאָמען פון אַ ווײַטן לאַנד. קיין גרויסע מלומדתטע אין געאָגראַפיע איז זי ניט געווען. ווו ריכטיק דאָס לאַנד געפינט זיך, האָט זי ניט געוווּסט און אויך ניט ווער עס זײַנען די מענטשן וואָס באַוווינען עס. אַז בסך־הכל איז זי געווען אַ קליין־שטעטלש, באַלעבאַטיש מיידל, וואָס האָט קוים געענדיקט די פאָלקס־שול. הלמאי איר טאַטע, יאָסל שניטקרעמער, וואָס האָט דאָס דאָזיקע וואָרט, אַרגענטינע, אַרײַנגעבראַכט צו זיי אין שטוב אַרײַן און האָט אים יעדן טאָג אַלץ מער פאַרהיימישט, האָט אינגאַנצן ניט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס געאָגראַפיע, און פונדעסטוועגן האָט ער אײַך געקענט דערציילן בערג מיט גליקן און אַלע פרטים וועגן דעם דאָזיקן לאַנד.

די נויט, דער פוילישער שטײַער־מאַנער, דער באָיקאָט, יידן־שנאה און די ליידיקע פאָליצעס אין קראָם, זײַנען דאָס געווען די בלעטער פון דעם געאָגראַפיע־בוך, פון וואַנען יאָסל שניט־קרעמער און אַנדערע שטעטלשע יידן האָבן געלערנט, וועגן פאַרשיידענע לענדער און מדינות אויף דער וועלט.

פריער האָבן די זשעטלער יידן נאָר געוווּסט פון אַמעריקע, ווו עס האָבן זיך שוין געפונען מערער זשעטלער ווי אין זשעטל אַליין. אָבער אַז די טויערן פון אַמעריקע זײַנען פאַרהאַקט געוואָרן, האָבן זיי גענומען זוכן, ווו אַז אָפענע שפּאַרונע, זיך אַדורכצובאַקומען דורך איר

צו דער פרײַ, צו אַ מקום פון חיונה פאַר זיך און דער משפחה. דאָן האָבן זיי זיך דאָס דערוווסט פון אַרגענטינע. (אַז אַרגענטינע איז אויך אַמעריקע, האָבן זיי אַפּילו ניט געוווּסט).

— —

— —

יאָסל ווײַסבוך איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בריוו פון אַרגענטינע, פון זײַן לייבלעכן חבר, בערל אַלטשולער. זײַן פרײַנדשאַפט מיט בערלען האָט זיך געצויגן פון די גאָר פריע קינדער־יאָרן. פון חדר אָן זײַנען זיי געגאַנגען אויף איין וועג און תמיד זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן פון מויל. אפילו נאָך דעם ווי זיי האָבן חתונה געהאַט, זײַנען זיי געגאַנגען צוזאַמען אין שותפות און זייערעביידע משפחות האָבן אויסגעזען ווי איין גרויסע, פאַרגלידערטע פאַמיליע.

איצט האָט אים בערל געשריבן אין זײַנע בריוו:

— יאָסל, וואָס זיצסטו דאָרטן אין דעם זשעטל? וואָס ווען סטו דאָרטן אויסזיצן? — דאָ איז אַ לאַנד פון שפע און פון ברכה. די מענטשן גוטע און צוגעלאָזטע. ברויט און פלייש וואַלגערן זיך אין די גאַסן. וואָס מען וואַרפט דאָ אַרויס אין איין גאַס, וואָלט געקלעקט פאַר גאַנץ זשעטל זיך צו שפּײַזן. מיר גייט ברוך־השם גוט. איך האָב אַ שיינעם געשעפט און האָב פאַרלייגט אַ פאַבריקל. אין געשעפט פאַרקויף איך טאַקע מײַן אייגענע אויסאַרבעטונג. עס פעלן מיר אויס הענט. איך וועל דיר צונעמען פאַר אַ שותף. עס וועט קלעקן פאַרביידן. צוזאַמען וועלן מיר נאָך מערער פאַרדינען. איך גלויב אין דײַן גוטן מזל און אין דײַנע כשרונות. פאַרקויף דײַנע בעבעכעס און קום אַהער. עס וועט דיר ניט פאַרדריסן. דו'סט זען.

פון יעדן בריוו, פון בערלען, איז יאָסל אָנגעצונדן געוואָרן מיט ברענענדיקן חשק, זיך אַוועקצולאָזן קיין אַרגענטינע. די פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלט אַ ליכטיקע וועלט פון גליק, רײַכקייט און וווּל, פאַר זיך מיטן ווײַב און קינדער.

נאָר אַ שווער לייעניש האָט יאָסל געהאַט מיט זײַן לאהן. זי וויל ניט הערן פון דעם אַרגענטינע.

— וואָס וועל איך דאָרטן טאָן אין דער פרעמד, אָן אַ שפּראַך, אָן אַ לײַב און לעבן?

לאה איז געווען פאַרוואָרצלט מיט אַלע אירע גלידער און געוועבן צו דער שטעטלשער ערד. דאָרטן האָט זי די וועלט דערזען. דאָרטן זײַנען געבוירן געוואָרן איר טאַטע־מאַמע, אירע זיידעס און באָבעס.

זי ווייס, אַז אויסערן שטעטל איז אויך דאָ אַ וועלט. אָבער יענע וועלט געהערט צו די, וואָס זײַנען דאָרטן געבוירן געוואָרן, — ניט צו איר. זי איז געבוירן געוואָרן אין זשעטל און זי געהערט צו זשעטל און זשעטל געהערט צו איר. דאָ איז איר וועלט. קומען ערגעץ אַנדערשוווּ לעבן, איז ווי זיך אַרײַנצורײַסן אין אַ פרעמדן גבול אַרײַן. זי איז געווען באַהערשט פון אַ פחד פאַר דער פרעמד — פון אַ מין פרעמדקײַט־פאָביע.

יאָסל איז ניט צוגעגאַנגען צו לאהן מיט שטורעם, מיט כח, מיטן הארבן וואָרט, נאָר מיט געדולט, מיט צײַט, פּאַוואָלינקע און מיט גוטן — ווי אַן איינגעבוירענער געניטער לערער. יעדן טאָג האָט ער מיט איר געקנעלט אַ שטיקל אַרגענטינע — אַזוי זיך, כלאחר יד, אומבאַמערקטערהייט.

— הערסטו, לאהלע, — פלעגט ער איר זאָגן, קומענדיק פון קראָם, בײַ דער וועטשערע, — זאָל דאָס אימיצער אַרײַנשמעקן אין קלייט צרײַן. זאָל זײַן כאָטש זיך צו דינגען, ניט קויפן. די גוים גייען אין „ספּולקע" אַרײַן, און די יידן — איז די וואָס האָבן פאַרוואָס צו קויפן, ברענגען זיי שטאָפן פון שטאָט, און בײַ די וואָס האָבן ניט פאַרוואָס צו קויפן, וועסטו דאָך ניט לייזן. ווייסט, — אויפן אָרט פון סחורה, וועט מען אויף די פּאָליצעס אין גיכן דאַרפן לייגן די ציינער.

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— זעסט, לאהלע, איך האָב נאָר פאַרגעסן. פון זינען איז מיר אַרויס. איך האָב דאָך ערשט באַקומען אַ בריוו פון בערלען. נאַ, לייען. ער שרײַבט אַז די קינדער זײַנע לערנען אינדערפרי אין אַ מלוכה־שול און בײַטאָג אין אַ יידישער. דאָרטן איז פאַראַן אַ יידישע שול, ווו עס לערנען אפשר צוויי טויזנט קינדער. מען קומט זיי נעמען פון דער היים

און מען פירט זיי אָפּ צוריק אין אויטאָבוסן, אויף וועלכע עס שטייט אָנגעשריבן, אויף יידיש, דער נאָמען פון דער שול — שלום־עליכם. אויפן אויטאָבוס איז אויך אָנגעמאָלן דאָס בילד פון שלום־עליכמן. זעסט, אַז מען וויל זײַן אַ ייד, קען מען דאָס אומעטום — אפילו אין עק וועלט.

— ווייסט, לאהלע, אָט איצט איז דאָך דאָ נאַכט, פינצטער — אין אַרגענטינע איז איצט ליכטיק — טאָג.

— און ווען דאָ איז טאָג, איז דאָך דערפאַר דאָרטן נאַכט.

— הערסטו, — שלאָפט מען דאָך דאַן.

— יאָ, לאהלע, דאָ איז איצט ווינטער, קאַלט. אין אַרגענטינע איז איצט זומער, אַ מחיה.

— דערפאַר איז דאָך דאָרטן ווינטער, ווען דאָ איז זומער.

— אויך מיר אַ ווינטער! וואָס פאַר אַ ווינטער איז דאָס דאָרטן, אַז עס שנייט אפילו ניט.

אָט אַזוי טאָג נאָך טאָג, חודש נאָך חודש.

שיינדל האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון טאַטע־מאַמע, צו דעם טאַטנס ווונדוירים וועגן אַרגענטינע און האָט געקוואָלן פון פרייד. נאָר אַליין דאָס פאָרן, דאָס זען נײַע לענדער, נײַע מקומות און דערקענען די וועלט, האָט איר גליקלעך געמאַכט. ביז הײַנט האָט זי די שיינע און גרויסע וועלט נאָר פון די ביכער אַרויסגעלייענט.

דער עקר האָט זי געוואָלט פּטור ווערן פון שטעטל. אַלע טאָג די זעלבער פּנימער. אַלע טאָג די זעלבע גאַסן, די זעלבע הײַזער. די יוגנט איז זיך צעלאָפן, ווו ווער עס האָט נאָר געקענט, און איבערגעלאָזט דאָס שטעטל אַ ליידיקע. וואָס וועט זײַן דער סוף דערפון?

אַ לעבן אָן דערוואַרטונג, אָן האָפן.

— —

— —

ניט די רייד פון יאָסלען, ניט זײַנע באַווײַזן, האָבן געווירקט אויף לאהן און מכריע געווען וועגן איר פאָרן קיין אַרגענטינע, — נאָר איין שטומער „אוּם״, וואָס יאָסל האָט נאָך איינעם פון זײַנע שמועסן אַ וואָרף געטאָן אין שיינדלס זײַט.

לאה האָט זיך אַ קער געטאָן צו שיינדלען. זי האָט דערזען פאַר זיך איר טאָכטער, אַ צערײַפּטע, אַן אַרויסגעוואַקסענע פון אירע קליידער, וואָס רײַסט זיך צום לעבן, העכער, העכער. די מלבושים זײַנען אויף איר געלעגן אָנגעצויגן און האָבן בולט באַוויזן איר פרוייִשן געשטעל און גידול, איר שטאַלטנעקײַט. איר פּנים האָט זיך אויף ראַז געזאַפּטיקט און די אויגן האָבן באַלויכטן די שטוב.

זי האָט איר אָנגעקוקט אַ צעשפּרושעטע, אַ דערשראָקענע — און געשטויסן פון יאָסלס „אום״, האָט זי צום ערשטן מאָל צו איר אַ זאָג געטאָן, ווי אַ גלײַכע צו אַ גלײַכע:

— נו, וואָס זאָגסטו טאָכטער? ווילסט פאָרן קיין אַרגענטינע?

— צי איך וויל? — איך וואָלט געלאָפן פליענדיק.

און ניט ווילנדיק האָט זיך בײַ איר אַרויסגעכאַפּט:

— וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן!

אָט דער „וואָס וועל איך דאָ אויסזיצן״, האָט אָנגעוואָרפן אויף לאהן אַ פּחד — אַ גרעסערן ווי פאַר דער פרעמד. זי האָט מורא באַקומען, אַז זי זאָל ניט זײַן דער גורם פון צעשטערן איר טאָכטערס גליק — איר איינציקע טאָכטער און דאָס עלטסטע קינד, וועמען זי האָט אַזוי ליב. זי האָט זיך דערשראָקן, אַז זי זאָל ניט זײַן די, וואָס זאָל ברענגען דערצו, אַז איר טאָכטער זאָל טאַקע אויף אַן אמת דאָ אַ מאָל ניט פאַרזעסן ווערן — דאָ אין דעם העק — אָדער זי זאָל חס־ושלום ניט אַרײַנפאַלן אין דחקות און אין אָרעמקײַט און דאַרפן אָפּפינצטערן אַ גאַנצן לעבן. און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו יאָסלען:

— נו, יאָסל, לאָמיר פאָרן קיין אַרגענטינע.

— —

— —

די ערשטע טעג פון דער נסיעה, איז שיינדל געווען פאַרכאַפּט פון דער שיינקײַט פון דער וועלט. פעלדער און וועלדער האָבן פאַר אירע אויגן געטאַנצט אַ קאַראַהאָד. און אין קאַראַהאָד האָט זיך גאָטס באַשאַף געדרייט מיט געזאַנג, מיט שירה און לויב צום באַשאַפער.

נאָך דעם האָט זי דערזען די נײַקײַט פון דער וועלט — גרויסע שטעט מיט אַלערליי וווּנדער־זאַכן.

אין דער נסיעה האָט זי געזען דעם וועג צום גליק.

זי האָט געזען בערלין. זי איז דורכגעפאָרן דורך די פּליינען פון האָלאַנד. פאַר אירע אויגן האָט אַ גלאַנץ געטאָן דאָס עלעגאַנטע פּאַריזש.

און ווען זי איז אָנגעקומען צו דעם פּאָרט פון שערבורג און דערזען פאַר זיך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן דעם ים, האָט זי זיך געפילט פאַרלאָרן פאַר זײַן ריזיקײַט און שטרענגקײַט.

זי איז געשטאַנען, צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און אירע ברידערלעך, מיט די קלומיקעס אין די הענט, בײַם ברעג ים, פאַר אַ „גראַמאַדנער", ווײַס־ליכטיקער געבײַדע, וואָס האָט זיך אַ שטאָלצע געגרויסט צום הימל אַרויף, מיט אויפגעריסענע אויגן. דאָס איז געווען די שיף „אַנדעס". וואָס דאָס איז אַזוינס „אַנדעס", האָט זי ניט געוווּסט.

זי האָט בײַ זיך געטראַכט: ווי קען זיך דאָס אַזאַ גרויסע געבײַדע האַלטן אויפן וואַסער, און ווי אַזוי קען זי זיך דאָס באַוועגן.

בײַם אַרײַנגיין אין שיף, זײַנען זיי באַגריסט געוואָרן פון יונגע מענער, וואָס זײַנען געווען געקליידט אין שוואַרצע הויזן און ווײַסע רעק. זייערע הענט זײַנען געווען באַצויגן מיט הענטשקעס און די העלדזער אַרומגענומען מיט בלאַנק־ווייסע קראַגנס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשוואַרצט קליינע שלייפלעך. זיי זײַנען אויפגענומען געוואָרן דורך דער מאַנשאַפט, ווי זיי וואָלטן געקומען אויף אַ גרויסן יום־טוב, אויף אַ חתונה.

— —

— —

די שיף האָט זיך אָפּגעריסן פון ברעג, מיט אַ בראַזגערײַ און פּײַפערײַ, און נאָך דעם זיך געלאָזט גליטשן אַ רויִקע איבערן רוקן פון ים.

שיינדל איז מיט אַ מאָל אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער נײַער וועלט, וואָס זי האָט אָקאָרשט דערקענט.

די שיף האָט אויסגעזען, ווי אַ שווימענדיק קליין שטעטל, וואָס

לעבט איר אייגן לעבן, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. די עטלעכע הונדערט איינוווינער פון דעם שווימענדיקן שטעטל, זײַנען געווען צעטיילט אויף אָרעם און רײַך, און אויסגעסאָרטירט אין קלאַסן. זיי האָבן געהערט צו פֿאַרשיידענע פֿעלקער און לענדער און גערעדט אויף אַלערעליי לשונות.

עס זײַנען ניט אַוועקגעגאַנגען קיין עטלעכע טעג פֿון שווימען צווישן וואַסער און הימל און די מענטשן פֿון „אַנדעס" האָבן שוין באַוויזן אויסצוטאָפּן דעם וואָגן איינער בײַ דעם אַנדערן און מען האָט שוין געוווסט צו דערציילן „ווער איז ווער". עס האָבן זיך פֿאַרוועבט ראָמאַנען און עס זײַנען אויסגעבראָכן קריגערײַען צווישן דער שיף־באַפֿעלקערונג. מען האָט באַרעדט איינער דעם אַנדערן, זיך געחנפֿעט, און אויף אַן אמת זיך געליבט. דאָס לעבן אין כסדרדיקער, ענגער פֿאַרבינדונג, ניט קענענדיק זיך אָפּרײַסן איינער פֿון אַנדערן, דערנענטערט די מענטשן, ווי זיי וואָלטן יאָרן לאַנג געלעבט צוזאַמען.

שיינדעלע איז אַרומגעגאַנגען אויף דער שיף אַ פֿאַרטראַכטע, אַן אַרײַנגעטוטענע אין זיך. זי האָט דאָ, פֿון אַזוי נאָענט, מיט אַ מאָל דערזען די שאַרפֿע קאָנטראַסטן פֿון מענטשלעכן לעבן און איז געפּלעפֿט געוואָרן. פֿון איין זײַט די אַלגעמיינע קאַיוטע, ווו זי געפֿינט זיך, צווישן צענדליקער מענטשן, אין ענגער שטיקעניש, אָנגעוואַלגערטע איינער אויפֿן אַנדערן, איבער פֿיר־שטאָקיקע נאַרעס, פֿון וואַנען איינער ברעכט אַראָפּ אויפֿן צווייטן — און פֿון עטלעכע מעטער ווײַטער, הערט מען צאַרטע, אידעלע מוזיק־טענער, וואָס באַגלייטן די טאַנצנדיקע טריט פֿון אויס־געכאַליעטע פֿאַרלעך, וועלכע טוליען זיך צו אַן אַנדער — און מיט אַ מאָל ווערט די מוזיק פֿאַרטויבט, דורך ווילדע קולות, וואָס קומען פֿון דער מענער־קאַיוטע, פֿון דריטן קלאַס, ווו מען גייט מיט מעסערס איינער אויף דעם צווייטן.

שיינדעלע דמיונט אויף צוריק. אַ בילד נאָך אַ בילד פֿון דעם נײַעם לעבן, וואָס זי האָט ערשט ניט לאַנג געזען, באַווײַזט זיך פֿאַר איר. זי האַלט שוין בײַ זשעטל. און אַ געשטאַלט טויכט אויף פֿאַר איר, אַ פּנים, וואָס איז איר אַזוי נאָענט און אייגן — דאָס פּנים פֿון

שמעונען. זײַנע גרויסע, אויפגעריסענע אויגן הענגען אויף איר און שלינגען זי. זי הערט זײַן קול:

— אַ שאָדן, שיינדעלע. פּאַרט איר טאַקע אָוועק? — אַ שאָדן. אַ גרויסער שאָדן.

דער טאַטע וועקט איר פון אירע רעיונות מיט אַ קאַלטן:

— וואָס איז טעכטערל? וואָס גייסטו אַרום אַזאַ פאַרזאָרגטע? וואָס? אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען? — דוסט דאָך אַזוי געוואָלט פאָרן.

שיינדל האָט געוווינט אין שכנהשאַפט מיט שמעונען. און כאָטש שמעון איז געווען עלטער פון איר מיט אַ פּאָר יאָר און אין שטעטל האָט ער געגאָלטן פאַר אַ וואַזשנעם בחור, אַ באַלעזנעם און באַוווסט־זיניקן — האָט ער דאָך תמיד צו איר גערעדט ווי צו אַ זײַנס גלײַכן.

זי האָט פון אים אַ סך געלערנט. ער האָט איר אָנגעוויזן ווי צו לייענען אַ בוך און ווי צו קוקן אויף דער וועלט. ער האָט פאַר איר געעפנט אַ וועלט, וואָס זי האָט ניט געקענט — אַ נײַע וועלט פון שיינקײַט און גערעכטיקײַט און ער האָט זי געוויזן דעם וועג צו דער דאָזיקער וועלט. ער פלעגט מיט איר שמועסן גאַנצע שעהן. און בעתן ריידן האָבן זײַנע אויגן געבלאַנדזשעט איבער איר גאַנצן גוף, — האָבן איר געגלעט און געצערטלט.

איצט שפּירט זי, אַז שמעון האָט אָנגערירט איר האַרץ.

זי טראַכט, אַז אפשר איז זי געווען פאַרבלענדט. אַז אפשר האָט זי זיך געהאַט באַגעגנט מיטן גליק און אים ניט דערזען, — אים זיך געלאָזט אַרויסגליטשן פון אירע אייגענע הענט.

— —
— —

יאָסל האָט באַטראַכטן די אַרגענטינער ערד, מיטן רעכטן פוס. דאָס מזל־ברכה איז אים געלאָפן אַנטקעגן. בערל האָט געהאַלטן וואָרט, מקיים געווען אַלץ וואָס ער האָט צוגעזאָגט אין די בריוו און אים צוגע־נומען פאַר אַ גלײַכן שותף. די געשעפטן זײַנען אָוועק גרויס. זיי האָבן

געעפנט אָפּטיילונגען אין די געגנטן פון שטאָט, און פון דעם פאַבריקל, וואָס בערל האָט געהאַט פאַרלייגט, איז אויסגעוואַקסן אַ פאַבריק.

אַ שטוב האָט יאָסל אויסגעשטאַט, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. אַזאַ שטוב האָט ער אפילו אין חלום ניט געזען. דער פּאַקאַרד, וואָס ער האָט געטריבן, איז געווען פאַר אים צוגעפּאַסט. ער איר געזעסן בײַם רודער אַ זיכערער. אַרויף און אַראָפּ פון אים איז ער אַ שטאַלטנער, אַ געשטערקטער, — אַ ריכטיקער ספּאָרטלער. זײַן קליידן זיך, זײַנע מאַנירן, זײַן ריידן, איז געווען, ווי פון אַ ריכטיקן „קריאָזשאָ" (אַן אָפּשטאַמיקער פון לאַנד). ער האָט גיך געכאַפּט די שפּראַך. דעם „סי" (יאָ) זופט ער אַרײַן איך זיך, ווי מען שלינגט אַרײַן הייסע לאָקשן. אַן דעם „עסטע" (וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן) באַגייט ער זיך ניט און דעם „קאַראַמבאַ" לאָזט ער פון זײַן מויל ניט אַרויס.

נאָר ווידער אַ מאָל לאה.

לאה איז אַרומגעגאַנגען אַן אומצופרידענע. קיין זאַך איז איר ניט אײַנגעגאַנגען. פון קיין זאַך האָט זי קיין הנאה ניט. עס איז עפּעס ניט דאָס.

זשעטל!

אין זשעטל איז דער הימל געווען שענער, די גראָזן שמעקנדיקער, די לופט געשמאַקער, די פירונג אַן אַנדערע. דאָרטן איז געווען אַ לעבן.

אַלץ איז איר דאָ פרעמד, אין דעם בוענאָס-איירעס. אפילו דעם מאַן האָט איר דאָ אימיצער פאַרביטן. די יינגלעך ריידן צו איר אויף אַ פרעמדער שפּראַך, און די טאָכטער, שיינדעלע, צוליב וועמען זי האָט זיך געלאָזט אײַנריידן צו קומען אין אַרגענטינע — פון איר האָט זי אויך ניט קיין נחת. זי האָט זיך פאַרדרייט מיט עפּעס אַ צוטשעפּעניש, מיט אַ „פּאָיעט", מיט אַ לידל-מאַכער.

— —

— —

וואָלף בערמאַנען האָט שיינדל געטראָפן אין דעם יוגנט-קלוב, וווהין זי פלעגט אַרײַנקומען. ער האָט דאָרטן געלייענט זײַנע לידער און געהאַלטן זײַנע רעדעס.

ער פלעגט ריידן וועגן דער זעלבער וועלט, איבער וועלכער שמעון האָט צו איר אַ מאָל גערעדט. אָבער בערמאַנס רייד זײַנען ניט געווען קיין סתם ווערטער, נאָר אַ געזאַנג — און דאָס געזאַנג איז באַלויכטן געוואָרן מיט דעם פייער פון זײַנע אויגן.

שמעון האָט איר געוויזן אַ גליקלעכע וועלט, צו וועלכער מען דאַרף גיין, זי צו דערגרייכן, און בערמאַן האָט איר אין דער גליקליכער וועלט אַרײַנגעפירט.

נאָר דאָס געפינען זיך מיט בערמאַנען אין נאָענטשאַפט און אונטער איין דאַך, — דאָס אַליין, איז שוין פאַר איר די וועלט פון גליק.

שיינדל פלעגט שלינגען בערמאַנס ווערטער מיט גרויסע אויגן און בערמאַן האָט יעדעס מאָל אויסגעפונען אירע אויגן און נאָר צו זיי האָט ער גערעדט.

צווישן שיינדלען און בערמאַנען האָט זיך פאַרבונדן אַ נאָענטע און שטאַרקע ליבשאַפט, וואָס אפילו דאָס שטערן פון טאַטע־מאַמע, זייערע שטעך־ווערטלעך, האָבן זי ניט געקענט צערײַסן.

— —

— —

בערמאַן איז געווען גליקלעך. ער האָט געליבט. ער האָט פאַרזוכט פון דער אייביקײַט. יעדן טאָג האָט ער שיינדלען אָנגעגאָסן מיט פולע עמערס גליק און דאָס גליק פון זיי געשעפּט צוריק, — געטרונקען פון זיי אַ דורשטיקער, פאַרכלינענדיק זיך.

ער האָט זײַן ליבע אויסגעשטורמעט, זײַן גליק געפּרעסן שטיקער־ווײַז, פאַראַמאָל, — גאָרניט געוואָלט איבערלאָזן אויף מאָרגן...

איין מאָל האָט ער געזאָגט צו שיינדלען:

— ווייסט, שיינדעלע, איצט קען שוין קומען וואָס עס זאָל ניט זײַן. איך האָב שוין פון לעבן, אַלץ גענומען... אַלץ. דאָס לעבן האָט מיר דיך געגעבן.

בערמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַ שכורער פון גליק. און שיכורעהייט איז ער איין מאָל געפאַלן, אויף מער ניט אויפצושטיין צוריק.

— —

— —

בערמאַן איז געשטאָרבן פּלוצלינג. אָבער שיינדעלע האָט אין אַלע טעג פון איר גליקלעכן לעבן מיט בערמאַנען, געהערט די טריט פון אומגליק, וואָס דערנענטערט זיך צו איר און קומט אָן. זי האָט קיין מאָל דעם גליק ניט געטרויט. צו גוט איז איר געווען. זי האָט זיך אַליין דעם גליק ניט פאַרגונען.

— פאַר וואָס קומט עס מיר? פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ גליק, אַזאַ גליק? — פלעגט זי אין זיך אַרײַנריידן.

שיינדעלע איז נאָך בערמאַנס טויט, נאָך שענער געוואָרן. די אבלות האָט איר אויסגעאיידלט. אירע אויגן זײַנען פול געווען מיט טרויער, אָבער אַ פּײַערל פון גליקזעליקײַט האָט פון זיי אַרויסגעלויכטן:

— אָבער פון גליק האָב איך פאַרזוכט. איך.

קיין מאַן איז איר ניט פאַרבײַ אָן אַ צאַפּל אין האַרץ.

אירע פריערדיקע באַקאַנטע האָבן זי געזוכט, — זײַנען אויס־געגאַנגען נאָך אירע טריט.

אָבער צווישן איר און זיי איז געשטאַנען אַ מחיצה, — בערמאַן — דער טויטער בערמאַן.

זי האָט אים נאָך מער אַרויסגעהויבן און אַרויסגעפּײַנערט אין זייערע אויגן, און ער איז אַרויסגעקומען, נאָך העכער און שענער ווי ער איז געווען.

— —

— —

זינט בערמאַנס טויט, איז לאה אַרומגעגאַנגען, נאָך אומצופרי־דענער ווי תמיד. דאָס לעבן איז איר ניט ניחא געווען.

זי האַלט אין איין ריידן צו זיך אַליין:

— אַזאַ בלום! אַזאַ בלום, און דאָס דאַרף פאַרוועלקן פאַר דער צײַט. וואָס וועט זײַן דערפון? וואָס וועט זײַן? אַלץ דאָס בוענאָס־אײַרעס. אין זשעטל וואָלט איך פון אַזעלכע אומגליקן ניט געוווּסט.

יאָסל דערהערט עס און גייט אַרויס פון די כלים:

— בהמה! שוין ווידער מיט דײַן זשעטל?! זשעטל! זשעטל! זשעטל!

זשעטל איז טויט! ווי אַלע טויטע. דו הערסט. טויט. ניטאָ. אַראָפּ פון מאַרק.

לאה קוקט אָן יאָסלען מיט אויגן פון יענער וועלט. זי פאַרשטייט ניט וואָס ער רעדט צו איר. אירע ליפּן ציטערן, אָבער זי קען קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען פון מויל, ווי דער צונג וואָלט איר אָפּגענומען.

יאָסל דערשרעקט זיך און וועקט זי פון איר פאַרגליווערטקײַט:

וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, לאה? וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט? דו ווייסט דאָך, אַז זשעטל איז פאַרברענט געוואָרן. און ווען מיר וואָלטן דאָרטן געווען, וואָלטן מיר שוין געווען אויף יענער וועלט — איך, דו און די קינדער. מיר וואָלטן אַהין אַוועק מיטן רויך.

און וואָס שייך דײַן טאָכטער — וואָס ווילסטו האָבן פון איר? זי האָט איין וועמען אַרײַנצוגעראָטן — אין דיר, אין דער מאַמען. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער פון איין גלאָז. דו לעבסט מיט דײַן טויטן זשעטל. דאָס טויטע זשעטל פאַרבלענדט דיר די אויגן און זעסט ניט די וועלט, און זי, דײַן טאָכטער, לעבט מיטן טויטן „פּאָיעט", מיט דעם טויטן לידל־מאַכער.

— —
— —

לאה איז געווען אַ פרומע לייענערין פון יידישע צײַטונגען. זי פלעגט זיי לייענען, ווי זיי שטייען און גייען, — מדאָסקע לדאָסקע, — אפילו די אַנאָנסן.

די צײַטונגען פלעגן איר אָפּט אַוועקפירן קיין זשעטל, אָדער צו אַנדערע שטעטלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי זשעטל און האָבן געשטילט איר היים־הונגער.

איין מאָל האָט זי געלייענט, אין אַ יידישער צײַטונג, אַז אין זאַל „סאַן מאַרטין" וועט האַלטן אַ רעדע דער פּאַרטיזאַן שמעון באַראַ־

נאַווסקי. דאָרטן איז געווען געשריבן, אַז ער איז אַ העלד און ער שטאַמט פון זשעטל.

דעם גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעדרודערטע. זשעטל! ביי דער וועטשערע האָט זי ניט דרייסט אָנגעהויבן:

— יאָסל, אפשר וואָלטן מיר היינט געגאַנגען הערן דעם רעדנער?

— וועלכן רעדנער?

— אָט דעם באַראַנאָווסקי. ער איז אַ העלד, אַ פּאַרטיזאַן. ער איז אַ זשעטלער.

שוין ווידער זשעטל?! איך האָב דאָס גענוג. איך ווייס שוין. איך האָב שוין געהערט. איך האָב שוין אַלץ געהערט וועגן זשעטל. גענוג.

— אָבער. יאָסל...

— מאַמע, קום. איך גיי מיט דיר — האָט זיך שיינדל אָפּגערופן.

— —

— —

אויף דער בינע, ביי אַ טישל, איז געזעסן אַ פעסט־געבויטער מאַן, מיט אַן ענערגישן פּנים. דער פאָרזיצער האָט אים פאָרגעשטעלט, דערציילט וועגן זיין העלדישקייט און ווי אַזוי ער האָט מלחמה געהאַלטן קעגן די דייטשן.

לאה און שיינדל האָבן די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם מאַן, ביים טישל. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווער דאָס איז אָט דער באַראַנאָווסקי און זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן און געלאָזט הערן זיין קול, האָט זיך שיינדעלע גלייך געכאַפּט. דאָס איז דאָך שמעון! שמעון! זייער שכן. זי האָט גאָרניט געוווּסט, אַז ער הייסט באַראַנאָווסקי.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אים אויך לאה דערקענט. זי האָט געהאַלטן אין איין קניפּן איר טאָכטער, און אַן אויפגערודערטע, שטיל אַריינגעשעפּטשעט אין איר טאָכטער:

— זע נאָר, שיינדעלע, זע נאָר. דאָס איז דאָך שמעון! אונדזער שכנס יינגל. שמעון דעם טאָקערס.

— —

— —

פון דאַן אָן, איז שמעון געוואָרן אַ היימישער בײַ די ווײַסבוכס אין הויז.

לאה האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט שמעונען, ווו אים צו שטעלן און ווו אים צו זעצן. סטײַטש, זשעטל! זי האָט אַרײַנגעבאַקומען אַ שטיק זשעטל בײַ זיך אין שטוב אַרײַן, — אַ לעבעדיקע שטיק זשעטל.

לאה וואָלט נאָר געזעסן טאָג און נאַכט און זיך צוגעהערט, ווי שמעון דערציילט וועגן זשעטל. און זײַן לשון, איז אַזאַ פריש־זשעטלער.

— —

— —

שיינדל האָט אויפגעוואַכט פון איר טרויער. שמעון האָט איר געבראַכט איר יוגנט־וועלט. עס איז איר געווען גוט מיט אים. שמעון האָט אויף איר געקוקט, ווי אַ מאָל, נאָר מיט רײַפערע אויגן. און אַז זי האָט אַ מאָל גערעדט וועגן בערמאַנען, האָט ער זי ניט אָפּגעפרעגט, נאָר אדרבה, אַרויסגעוויזן אָנערקענונג און פאַרערונג צו אים. דאָס האָט איר נאָך מערער דערנענטערט צו שמעונען.

איין מאָל איז זי געווען באַזונדער ליב צו שמעונען. זי האָט אַרײַנגעכאַפּט זײַן קאָפּ אין אירע אָרעמס אַרײַן און אים געדריקט צו איר ברוסט. זי איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט גלוסט. זי האָט זיך אַרײַנגעקאַמט מיט אירע לאַנגע, דינע פינגער אין זײַנע האָר אַרײַן. זי האָט איר האַנט פאָרזיכטיק צוריק גענומען. אירע פילבאַרע שפּיץ־פינגער, האָבן זיך אָנגעשטאָכן אָן בערשטל־האָר, ניט אָן קיין גלעטנדיקע לאָקן...

זי האָט ליב אַרײַנגעקושט שמעונען אין אויער אַריין:

— נעם מיך. נעם מיך.
טרינק דעם גליק פון פולן בעכער.
דער בעכער — דאָס בין איך.
נאָג דעם זיס פונם האַרץ פון בלום.
די בלום — דאָס בין איך.

אין גאַנג

די דאָזיקע ווערטער, האָבן אָנגעקלאַפּט אין שמעונס זכרון. זיי זײַנען אים באַקאַנט. פון וואַנען? ווו האָט ער זיי געהערט?

יאָ, דאָס זײַנען דאָך בערמאַנס ווערטער, פון זײַן אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט געווידמעט שיינדלען:

איך טרינק דעם גליק פון פולן בעכער.

— דער בעכער — דאָס ביסטו.

איך נאָג דעם זים פונ׳ם האַרץ פון בלום.

— די בלום — דאָס ביסטו.

שמעון האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן, זיך אַרויסגעגליטשט פון שיינדעלעס אָרעמס און אַוועק.

אַוועק.

.1965

אויף דער ערד פון ישראל

געפֿונען און פֿאַרלוירן

חיים הערצבערג האָט געדאַרפֿט נעמען דעם אויטאָבוס, וואָס פֿירט צום קיבוץ תּל־יוסף, זיבן אַ זייגער אין דער פֿרי. ער האָט אָנגעדרייט זײַן וועק־זייגערל, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין נאַכט־קעסטל, אויף זעקס אַ זייגער. אַ שעה צײַט — האָט ער געטראַכט — וועט אים קלעקן אויף אָנטאָן זיך און אויף צופֿאָרן צו דער תּחנה־המרכּזית (צענטראַלע סטאַנציע), פֿון וואַנען דער אויטאָבוס דאַרף אָפּפֿאָרן.

אָבער געשלאָפֿן האָט ער שוין ניט די גאַנצע נאַכט. ער האָט זיך געוואָרפֿן פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער און דאָס בעט, דאָס האָטעל־צימער, זײַנען אים ענג־געווען. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן, אין איין אויסמאָלן זיך, זײַן באַגעגעניש מיט ליובאַ רובינאַ.

שוין דרײַסיק יאָר ווי ער האָט זי נישט געזען. שוין דרײַסיק יאָר ווי ער האָט איר יאָ געזען, אין זײַן דמיון, אַזאַ ווי ער האָט זי איבערגעלאָזן. צי וועט ער זי דערקענען, צי וועט זי אים דערקענען? צי איז נאָך אין איר פֿאַרבליבן עפּעס פֿון איר אַמאָל? צי זײַנען נאָך אין אים פֿאַרבליבן שפּורן פֿון דעם דאַמאָלסטדיקן חיימען?

ערשט־נעכטן — נאָך צוויי חדשים זײַן אין לאַנד — האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ליובאַ לעבט, אַז ליובאַ געפֿינט זיך אין קיבוץ תּל־יוסף. ער איז שוין געווען פֿאַרצווייפֿלט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך שוין אומקערן צו דער ווײַטער ווענעזועלאַ, צו קאַראַקאַס, נישט דערגרייכנדיק זײַן הייסן באַגער, צו טרעפֿן זיך מיט ליובאַן.

ער האָט זיך געפֿילט אומגליקלעך. אַ שטיק פֿון זײַן לעבן האָט ער אַלץ געחלומט צו זען ליובאַן, צו טרעפֿן זיך מיט איר, כאָטש נאָך איין מאָל.

פון אַלע בערגלעך אַש, פון אַלע טײַכן בלוט, האָט ער זי געזען אויפֿשטיין און אַרויסטויכן אַ לעבעדיקע.

די גאַנצע צווֹלי חדשים, וואָס ער געפֿינט זיך אין לאַנד, האָט ער געהאַלטן אין איין נישטערן און אויספֿרעגן בײַ יעדן באַקאַנטן, וואָס שטאַמט פֿון יענע מקומות, פֿון וואַנען ער און ליובאַ קומען אַרויס: אַזוי און אַזוי, דרײַ שוועסטער זײַנען זיי געווען, די עלטערע האָט געהייסן פֿרידאַ, די מיטלסטע ליובאַ, די ייִנגסטע סאָניאַ; זייער פֿאָטער האָט געהאַט אַן אײַזן־געשעפֿט אין שטעטל — איז אפֿשר ווייסט ווער עפּעס פֿון יענער משפּחה.

ערשט מיט אַן אָוונט פֿריִער, ווען ער איז געזעסן בײַ זײַן יוגנט־פֿריינד און לאַנדסמאַן, שמואל בעקער, אין שטוב און געבלעטערט אַן אַלבאָם פֿון יענע, אַלטע גוטע צײַטן, ווען פֿרײַנדשאַפֿט האָט מען געצערטלט אין זכרון און געטוליעט צווישן טאָוולען, אויסגעבעטע אין שײנעם, גלאַטן פּליוש, — האָט ער דערזען אַ גרופּן־בילד, פֿון וואַנען ליובאַ האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער גרויס, מיט איר נעזל פֿאַרריסן צום הימל, מיט אירע אויגן, וואָס קוקן אַן מיט פֿאַרווּנדערונג די חדושים פֿון דער וועלט און מיט איר שטענדיקן שמייכל אויף אירע ליפּן, וואָס פֿון קלענסטן באַריר צעקלינגט ער זיך מיט אַ זילבער־געקלאַנג.

אויף אירע ליפּן זײַנען נאָך געהאַנגען די ווערטער, וואָס זי האָט אים דעמאָלט — פֿאַר זײַן אָוועקפֿאָרן — געזאָגט:

פֿאַר געזונט, חיים, מיר מוזן זיך נאָך אַ מאָל טרעפֿן.

דאַן האָט אים זײַן פֿרײַנד אַ זאָג געטאָן:

דו ווייסט, חיים, ליובאַ איז פֿאַראַן דאָ אין לאַנד. זי לעבט. זי געפֿינט זיך אין קיבוץ תל־יוסף. זי איז פֿאַרבליבן אַליין.

חיים האָט זיך קוים דערוואַרט עס זאָל טאָג ווערן. ער איז אַרויס אין גאַס.

די שטאָט האָט זיך שוין געהאַלטן אין וועקן. די הײַזער האָבן זיך פֿון דער נאַכט־פֿינצטערניש אויסגעשיילט נאָך ווײַסער ווי זיי זײַנען געווען. ער האָט זיך געחדושט, וואָס אַ שטאָט שטייט עס אַזוי פֿרי אויף. זײַן קאַראַקאָס ליגט נאָך אין די דאָזיקע פֿרימאָרגן־שעהן

אין טיפן שלאָף און דאָ לויפן שוין די מענטשן מיט זייערע אַרבעטס־געצייג אין די הענט און מיט די פּאָרטפעלן אונטער די אָרעמס.

בײַ דער תחנה־המרכזית האָט ער אַלץ געפונען אין רירעוודיקער באַוועגונג. אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון, האָבן זיך די אויסגעשפּרייטע שטיחים (טעפּיכער) געגרויסט און אויסגעפּײַנט מיט זייערע בונטע פאַרבן און צוגעזאָגט מנוחה פאַר די מידע פיס. ביליקע קאָפּיע־בילדער פון מקובלים מיט האַלב־מעטערדיקע קרײַצער־פּאות און שיטערע בערד, צעטיילט און עטלעכע חלקים, געשטאַלטן פון יידן־לומדים מיט גערעאָטענע, ברייטע בערד און פאַרמוחטע שטערנס, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פרימאָרגן־העלקייט, זײַנען געשטאַנען גרייטע פאַר די אויגן פון די דורכגייענדיקע טוריסטן. אַלע געשטעלן און טישלער זײַנען שוין געשטאַנען אָפן און גרייט פאַר דעם קונהס פאַרלאַנג, מיט זייער האָב און גוטס.

אין אַ זײַטיקן הויף, ווי אין אַ באַהעלטעניש, איז געשטאַנען אַ הענדלער, אײַנגעבויגן און מיט יראת־הכבוד, און איינציקווײַז אַרויס־גענומען פון אַ וואַליזקע שטיקער פון אַ סערוויז, אויסגלעטענדיק יעדע איינע פון זיי, און דאָס אָנגעבאָטן ווי אַ מציאה, וואָס ער האָט נאָר־וואָס מיט־געבראַכט מיט זיך פון דער פרעמד. „רק לירה, רק לירה, (נאָר אַ לירע), גלידה (אייזקרעם), פאַלאַפעל (אַזאַ מזרח־מאכל), הייסע בייגעלעך, בייגעלעך הייסע" — האָט פאַרקלונגען די לופט.

פאַרשיידנגעשטאַלטיקע דורכגייער אין כלערליי טראַכטן, האָבן זיך איבערגעיאָגט איינער דעם אַנדערן, נישט באַוויזנדיק זיך אָנצוקוקן.

חיים איז אַרײַנגעשטיגן אין נאָך ליידיקן אויטאָבוס. דאָס איז געווען אַ ציכטיקער, גרויסער וואָגן, מיט באַקוועמע, געבעטע בענק. ער האָט זיך אײַנגעמאָשטשעט לעבן פענצטערל, נאָענט פון נהג (שאָפער), כדי ער זאָל קאָנען אַריינרעדן אין אים, ווען ער וועט דאַרפן.

דער נהג, אַן אויסגערוטער, מיט אויפגעשטאַנענעם לעבן אויפן פּנים, האָט אַ דריי אויף געטאָן דעם ראַדיאָ פון זײַן מאַשין און אַ פרי־מאָרגן־געזאַנג האָט אַרויסגעקלונגען פון קינדערישע מײַלעכלעך. דאָס איז געווען אַ שירה פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג, וואָס באַגעגענט אים מיט מונטערקײַט. אַ צווייטער ראַדיאָ, אַ פּאָטענציעלער, אַן אינסטאַ־

לירטער אין דעם משרד פון דער תחנה־המרכזית, האָט איבערגעשריען דעם ראַדיאָ פון אויטאָבוס מיט געזאַנג אין פרעמדע לשונות, כדי אויך דער טוריסט און דער נײַע עולה זאָל פאַרנעמען די פרייד פון דעם נײַ־געבוירענעם טאָג. פון צײַט צו צײַט האָט דער צווייטער ראַדיאָ איבערגעריסן זײַן געזאַנג, וואָרענענדיק דעם רײַזנדיקן, ער זאָל זײַן פאַר־זיכטיק בײַם פאָרן און דעם נהג, — בײַם פירן.

פּונקט זיבן אַ זייגער האָט זיך דער אויטאָבוס אַ ריר געטאָן פון אָרט, מיט גבורה און זיכערקײַט.

דער נהג האָט רויק און קונציק אַרויסגעדרייט זײַן ריזיקע מאַשין פון אַלע ענגע און קרומע געסלעך, וואָס געפינען זיך אין אַלטן תל־אביב, אַרום דער תחנה, און זי אַרויפגעפירט אויפן ברייטן און ליכטיקן כביש (שאָסיי).

דער טאָג האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ צעהיצטער און די זון האָט פאַרפּלייצט די פעלדער מיט גאַנצע ימען ליכט. דער האָריזאָנט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף מרחקים.

חיים האָט נאָך אַזאַ ברייטן האָריזאָנט קיין מאָל און אין ערגעץ נישט געזען. ער האָט אויך נאָך אין זײַן לעבן נישט געזען אַזאַ שיינקײַט ווי דאָ — אַ שיינקײַט, וואָס דערגייט אַזש ביז רירנדיקער באַנגשאַפט.

פון ווײַטן האָט ער געזען ווי חלוצישע יונגען, געשטערקטע, מיט זייער דריי־פערטל בראָנזענער נאַקעטקייט, אַנטקעגן זון און ווינט — אַנטקעגן דעם גאַנצן לעבן — רײַסן זיך אַרײַן, מיט זייער אַקער, אין דעם געדערים פון דער ערד און וועקן זי אויף פון איר לאַנגן שלומער. ער האָט געזען ווי די ערד, וואָס שטייט אַ צעגאַרטע נאָך אַ טראָפּן רעגן, נאָך אַ לעק טוי, זויפט דורשטיק אין זיך אריין דעם רעגן פון די ממטרות (קינסטלעכע באַרעגענער), וואָס דער חלוץ האָט פאַר איר צוגעג־רייט, אָפּצומינטערן איר פון איר פאַרחלשטקייט, — ווי זי נעמט זיך אָן, די ערד, מיט בלוטיקן, גרינעם חיות פאַר די גראָזן, און מיט פיל־פאַרביקער זאַפטיקייט פאַר די בלומען און צמחים.

ער האָט געזען די פאַבריקן, וואָס הויבן זיך מיט שטאָלץ איבער אַלע אַרומען און ער האָט דערהערט, ווי ער רעדט צו זיך אַליין:

— ניין, אַזאַ פֿאָלק וועט קיין מאָל נישט אונטערגיין, אַזוי בויט מען נאָר, אַזוי אַרבעט מען נאָר, מיט זיכערקייט, מיט שטענדיקייט.

אָנגעזעטיקט זיך מיטן אינדרויסן, איז ער געוואָרן אומרויִק.

דער אויטאָבוס האָט זיך געטראָגן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט, האָט געשלונגען די קילאָמעטערס, ווי אַ הונגעריקער וואָלף — און פֿאַר חיימען איז דאָס אַלץ געווען ווייניק. ער איז געווען אומגעדולטיק. ער וואָלט שוין געוואָלט אָנקומען אין תל־יוסף. ער וואָלט שוין געוואָלט זען ליובאַן.

לאָזט ער זיך אַריין אין זיין ווייטן אַמאָל:

ליובאַ האָט אים פֿון אָנפֿאַנג געהאַלטן ווייט פֿון זיך. איר שטענדיקער שמייכל האָט צו אים תמיד גערעדט טראַציק:

— נאָר פֿון דער ווייטן, — געגען נישט, נאָר פֿון דען ווייטן.

און דערנענטערט צו אים האָט זי זיך דווקא אין אַ ווינטער־נאַכט. געטוליעט צו אים האָט זי זיך, אין דער דאָזיקער נאַכט אויף אַ גאַניק פֿון אַ ווייטן, הינטער־שטעטלדיקן, שלאָפֿנדיקן פּויערישן שטיבל. דעמאָלט האָבן אירע ציינער צו אים געשמייכלט, ווייסער פֿון דעם שניי, וואָס האָט צוגעדעקט די ערד און געטוליעט דעם דעכל אין זיין נידעריקייט און איינגעבויגנקייט... דאַן האָט זי אַנטפּלעקט פֿאַר אים איר ליבע, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן מיט זיין העלקייט, אַפֿילו אַנטקעגן דער ווייסקייט פֿון שניי. דאַן האָט זיך איר ווייס ליבע געצאַפּלט, אונטער אַ דינ־באַצויגענער, איידעלער ראָזקייט.

חיים האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיינע דמיונות, מיט אַ ציטער איבערן לייב, ווען אַרום, אין חלל, האָט זיך מער ווי אַלץ געטראָגן, צווישן אַלע לשונות, דאָס וואָרט „חמסין”. ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿון זיין אויפֿציטערן און זיך אַרומגעקוקט, צי האָט ווער נישט באַמערקט.

ער האָט באַטראַכט דאָס פּאָרל, וואָס איז געזעסן אַנקעגן אים. ער האָט די גאַנצע צייט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פֿאַרליבט פּאָרל. ערשט איצט האָט ער דערהערט פֿון דעם מיידל דאָס וואָרט „אבאלע”. ערשט איצט האָט ער דערהערט, ווי זי פּליסטערט אים, אין אויער אַריין, די גליקן און אויפֿטוען פֿון איר קיבוץ.

פלוצלינג האָט חיים דערהערט דעם קול פון נהג:

— תל יוסף! מי יורד? (ווער גייט אַרונטער).

חיים האָט גענומען זײַן וואַליזקע אין האַנט און איז אַראָפּגעשטיגן פון אויטאָבוס מיט געשטרויכלטע קני. ער האָט נישט געוווּסט צי וואַקלט ער דאָס, מחמת דער דרײַ שעהדיקער אײַנגעזעסנקײַט אין דעם פאָרנדיקן אויטאָבוס, אָדער צוליב דערוואַרטונג.

פון ווײַטן, אויף דער אַנדער זײַט פון דעם כביש, האָט ער באַמערקט אַ בילד. דאָס בילד האָט געהאַט די פאָרם פון אַ שטייענדיקן קאַפּושאַן, — פון דער ערד, אַרויף, גלײַך געבויט און העכער־צו, אויסגעבויגן אין אַ דעכל. אין דעם דאָזיקן בילד איז געשטאַנען אַ פרוי. דער גוף פון דער פרוי, האָט אָנגענומען די זעלבע קאָנטורן פון דעם בײַדל, אונטער וועלכן זי איז געשטאַנען.

דאָס איז געווען די איינציקע פרוי וואָס איז געשטאַנען אויפן כביש און האָט זיך געשיצט קעגן די פלאַמען פון דער זון.

חיים האָט זיך דערנענטערט צום בײַדל. פון בײדל האָבן אַרויס־געקוקט צו אים אַ פּאָר אויפגעריסענע, האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן און פון דאָרטן, ווו עס זיינען אַ מאָל אָפּן געווען אַ פּאָר בלוטיקע ליפּן, מחמת זייער שעפער האָט זיי אָקאָרשט געהאַט איבערגעשניטן אויף צווייען — און האָט, אגב, אין אײַלעניש די אויבערשטע ליפּ אַ ביסל פאַרדינט און די אונטערשטע פאַרפולט — האָט קרומלעך, מיט אַ ציטער, אַראָפּגעפרעגט:

— חיים, דאָס בינסטו?

חיים האָט זיך געלאָזט נאָכגיין ליובאַן, איבער דעם אַריינפיר צום קיבוץ. ליובאַ, איז געגאַנגען מיט אַ ברייטן טראָט. איר קערפּער איז נאָכגעגאַנגען אירע ברייטע, אויסגעטראָטענע שיך, וואָס האָבן זיכער געשפּרײַזט איבער די זאַמדן, גראָזן, שטעכלקעס און גרודעס. חיים איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך געפּרוּווט אויסגלײַכן מיט איר. ער האָט איר אַ ריר געטאָן בײַם אָרעם, אַ גלעט געטאָן איבער די האָר, וואָס זײַנען ווי אַמאָל געלעגן, גלאַט פאַרקעמט אויף אַרויף — און נישט געפונען קיין קאָנטאַקט מיט איר לײַב. ער האָט געפּרוּווט

עפּעס זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל איר אָנוואַרעמען און מאַכן גוט פילן, אָבער זײַנע ווערטער האָבן זיך נישט געקלעפּט, זיי זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען אין חלל.

ליובאַ האָט אים אַרײַנגעפירט צו זיך אין שטיבל אַרײַן, — אַ שטיבל פון אַ ותיק (אַלטגעזעסענעם), אײַנגעטונקט אין גרינס און אין בלומען — מיטן פאָרנט אָפן צום קיבוץ, צום לאַנד, און מיטן רוקן צו דעם פרעמדן און פײַנטלעכן ווײַט.

איר שטיבל, ווי אַלע שטיבלעך, פון אַ ותיק אין קיבוץ, איז באַשטאַנען פון אַ האָל, צעטיילט אויף אַן עס־צימערל און קיך, פון אַ קליינעם באָד צימערל און פון אַ גרויסן צימער. אין דעם גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ קליידער־שראַנק, אַ בעט, אַ שאַפּקע מיט ביכער און אויף אַ קײַלעכדיקן טישל אַ ראַדיאָ.

נאָך אַ קורצן אָפּרו, האָט ליובאַ געפירט חיימען ווײַזן דעם קיבוץ. זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן קיבוץ, ווי אַ באַלעבאָסטע אין איר גוט און געהאַלטן אין איין דערציילן חיימען, ווי אַזוי דער קיבוץ איז געווען אַמאָל און ווי אַזוי ער איז איצט. זי האָט אים געוויזן די לולים (היגער־שטייגן) מיט די טויזנטער עופות, צו וועמען דאָס עסן, דאָס טרינקען און די וואַרעמקייט, דערגייט דורך אַ נישט געזעענער האַנט. זי האָט אים געוויזן די שטאַלן פון די בהמות און שאָף, וואָס מעלקן זיך, ווי אויף אַ דרייבינע און גייען צו דער צײַט אַראָפּ פון די ברעטער, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעפירט זייער ראָל.

זי האָט אים געוויזן די שולן, די קינדער־הײַזער, דעם מוזעום, די בונקערן און די שיינקײַט פון דעם אַרום.

זי איז אַרומגעגאַנגען אַ נישט קיין מידע און ער איז איר נאָכגעגאַנגען אין זײַן שטאָטישן טראַכט, מיט פאַרזיכטיקע, אויסגעמאָסטענע שטאָטישע טריט.

פּלוצים, אין איין רגע, האָט זיך די זון אַ האַסטיקן קײַקל אַראָפּ געטאָן צום מערב און די נאַכט איז גלייך, אָן שהיות און שפּילערייען, צוגעפאַלן.

אין חדר־האוכל (עס־צימער) פון קיבוץ, האָט ליובאַ פאַרצערט

איר מאַלצייט, גיך און אָן צערעמאָניעס, — אַט ווי מען גיסט אָן אַ לאָמפּ ער זאָל ווײַטער ברענען.

נאָכן עסן האָבן זיי פאַרבראַכט בײַ אַ חבר פון קיבוץ.

אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן פרוכט, מיץ (זאַפט), זיסקייטן און אַלע גוטע זאַכן, וואָס ליגן ערגעץ אין זייער באַהעלטעניש און וואַרטן אויף אַ גאַסט.

חיים האָט געמיינט, אַז דאָרטן, בײַ דעם חבר, וועט ער אויך בלײַבן שלאָפן. ערשט נאָך דעם שמועסן און נאָך אַ זמרל, האָט אים ליובאַ גערופן צו גיין.

חיים איז ווידער נאָכגעגאַנגען ליובאַן, צו איר אין שטיבל אַרײַן.

— איך וועל דיר מאַכן דאָס בעט — האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן — דאָ וועסטו שלאָפן.

ליובאַ האָט גענומען אויסבעטן איר ברייטע בעט מיט דעם ווײַסן געצײַג און מיט דעם מאַמישן, ווייכן קישן, וואָס זי האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים.

חיים האָט אַ שטילער און פאַרטראַכטער געוואָרט: וואָס וועט דאָ זײַן? ער האָט געמיינט אַז נאָך דעם ווי זי וועט אויסבעטן פאַר אים דאָס בעט, וועט זי אַוועקגיין, ערגעץ צו אַ חברטע, שלאָפן.

— און איצט וועסטו מיר העלפן מאַכן מײַן בעט — האָט זי, איבערגעריסן זײַנע מחשבות.

צו וואָס דאַרפסטו נאָך אַ בעט? דאָס בעט איז גענוג ברייט. עס וועט קלעקן פאַר צווייען — האָט ער זיך געפרווט אַ וויצל טאָן.

זײַנע ווערטער זײַנען געבליבן באַנאַל־הענגען אין דער לופטן, אָן אַן אָפּקלאַנג.

חיים איז ליובאַן נאָכגעגאַנגען, אַ שטומער און פאַרשולדיקטער אין האַל אַרײַן. פון אַ ווינקל האָט זי אַרויסגענומען אַ לײַוונטענע צוזאַמענגעלייגטע בעטל.

ער האָט איר געפאָלגט, ווי אַ חדר־יינגל און געהאָלפן צוזאַמענשטעלן דאָס בעטל.

אַז דאָס בעטל איז געווען פאַרטיק צוזאַמענגעשטעלט און אויס־

געבעט, האָט ליובאַ אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַן צערעמאָניעס זיך אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפן.

חיים האָט פון זײַן בעט אַרויס נאָך געפּרוּווט צו פאַרציען אַ שמועס מיט ליובאָן. ער האָט געפּרוּווט איר עפּעס צו זאָגן, עפּעס פון דעם אַמאָל, וואָס איז געווען אַזוי שיין, אָבער פון דעם דערבײַיקן בעטל איז קיין וואָרט נישט געקומען.

חיים האָט פון זײַן בעט אַריבער געקוקט צום בעטל. פון דער געדיכטער פינצטערניש, האָט אַרויסגעשעמערירט די ווײַסקײַט פון אַ לײַלעך — נאָך ווײַסער פון שניי.

אונטער דעם לײַלעך האָט זיך געבערגלט די אַמאָליקע ליובאַ. דאָס בערגל האָט רויִק געאָטעמט.

חיים האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן.

ער האָט געטראַכט וועגן זיך, וועגן זײַן אומדערפאָלג בײַ פרויען. ער האָט געזוכט די סיבה דערפון.

— אפשר — האָט ער געטראַכט — אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס איך בין צו אָפן מיט זיי, מיט די פרויען, — איך ווייז זיי אַלץ וואָס איך פאַרמאָג און באַט זיי אַלץ אָן, גלײַך, און לאָז פאַר זיי גאָרנישט אויף מאָרגן, אפילו נישט קיין ליגן, אפילו, נישט קיין ביסל אָפּנאַרעריי. אפשר? אָבער ליובאַ? ליובאַ דאַרף דאָך דאָס נישט. ער האָט געטראַכט, אַז נאָך אַלעמען האָבן זיי זיך דאָך נאָך אינגאַנצן נישט אויסגעליבט און נישט אויסגעלעבט — נישט ער און נישט זי, טאָ פאַר וואָס איז זי אַזוי קאַלט צו אים, ליובאַ?

ער איז אַהער געקומען מיט דער לעצטער האָפענונג, מיט דעם לעצטן טרוים, אַז סײַ אין אים, סײַ אין ליובאָן, וועט זיך אַ הויב אויף טאָן דער לעצטער פלאַם, פאַרן פאַרגיין, פאַרן אויסלעשן זיך פון דעם פײַער, וואָס איז נאָך געבליבן אין זיי. און אויך די לעצטע האָפענונג איז איצט אָפּגעלאָשן געוואָרן.

ערשט אין דער טיפעניש פון דער נאַכט איז חיים אײַנגעשלאָפן.

ווען די זון האָט זיך שוין צעשפּרייט מיט אירע פליגלען איבער דער וועלט, האָט זי אויפגעריסן די מידע אויגן פון חיימען.

חיים האָט אַריבערגעהויבן די אויגן צו דעם בעטל, ווו ליובאַ איז געשלאָפן. דאָס ווײַסע בערגל איז שוין דאָרט מער נישט געווען. דאָס לײַלעך איז געלעגן אַ פלאַטשיקע, אָן אָטעם אונטער אים.

ליובאַ איז אין בעטל נישט געווען. זי איז אַוועק צו אירע פעלדער. צו אירע פעלדער, אין וועלכע זי האָט אַרײַנגעאַקערט איר ליבע, צוזאַמען מיט איר שמייכל.

פאַרלייקנט

מאיר גאָרדאָן איז געווען הונגעריק ווי אַ וואָלף. ער איז אויפֿ־געשטאַנען צוזאַמען מיטן טאָג. עס איז געווען אַנהויב פּרילינג. ער האָט זיך קוים דערוואַרט האַלב־טאָג זאָל זיך שטעלן. דער אינדרויסן איז געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטער אין גרין. דער האָריזאָנט איז געווען אַ ברייטער און דער הימל אַ נאָך ברייטערער. די זון האָט געוואָרפֿן מיט שפּע ליכט, איז אַריינגעדרונגען דורך פֿענצטער און טירן, דורך יעדער שפּאַרונע און פֿאַרלויכטן די וועלט. זי האָט געגלעט, געוואַרעמט און נישט געבאַקט. עס איז געווען אַ מחיה צו לעבן אויף דער וועלט.

מאיר האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ רעסטאָראַן, זיך באַקוועם געמאַכט בײַ אַ טישל, לעבן אַ ברייטן פֿענצטער און אַ טיר, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין גאַס. ער האָט געוואָלט קוקן דאָס לעבן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט איינשלינגען די וועלט, אַזוי הונגעריק איז ער געווען.

ער האָט געריסן שטיקער פֿון אַ פּיתה, זי געטונקט אין דעם האַרבן חומוס און גלוסטיק געמאָלן מיט די ציין. די שאַרפֿקייט פֿון דעם געשמאַקן מאכל האָט גערייצט זײַן גומען און אַרויסגערופֿן נאָך מער אַפּעטיט בײַ אים.

מאיר האָט זיך געקליבן צו לאָזן ווילגיין. ער וועט הײַנט פֿאַרצערן אַ סעודה, כּיד המלך. ער וועט באַשטעלן אַ שניצל, רויט־ווײַן, אַנדערע געשמאַקע מאכלים און אַ גוטן דעסערט.

אָבער נישט נאָר זײַן מויל האָט געפֿרעסן און זײַן קעל האָט געשלונגען, אויך זײַנע אויגן האָבן געפֿרעסן, געזויפֿן און געשלונגען די שײַן פֿון דער זון, דאָס ליכט פֿון מענטשלעכע אויגן און דעם שמייכל פֿון לעבן.

אַ טבע האָט מאיר געהאַט, זינט ער איז אָנגעקומען אין לאַנד, — ווו ער איז נישט געגאַנגען און געשטאַנען, ווו ער איז נישט געווען, צי אין גאַס, אין אויטאָבוס, אָדער אין טעאַטער — אַרײַנצוקוקן די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, גלײַך אין פּנים אַריין. ער האָט אין זיי געזוכט און געגישטערט דעם שפּור פון זייער יוגנט. ער האָט דאָך אויף זײַן לעבנס־וועג, איבער שטעט און לענדער, אַזוי פיל פרײַנד באַגעגנט און אײַנגעקויפט. איז דאָס מעגלעך, אַז ער זאָל דאָ קיין איינעם פון זיי נישט טרעפן און אַרויסגיין פון זײַן אַליינקייט? דאָ זײַנען דאָך זיך צוזאַמענגעקומען מענטשן פון דער גאַנצער וועלט.

בײַ דער אַנדער זײַט גאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פרוי. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן און גיך אַריבערגעשפּרייזט דעם וועג, פירנדיק אַ צען יעריקן יינגעלע ביי דער האַנט. זי האָט זיך דערנענטערט צום רעסטאָראַן. איר בלאָנדער קאָפּ האָט זיך צעצונדן און געגאָלדיקט אַנטקעגן דער זון. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסע בלוזע, וואָס האָט אויסגעטאָקט דעם אויבערשטן טייל פון איר קערפּער, און אין אַ האַלבע קליידל פון זאַמד־קאָליר. דאָס קליידל איז געווען ברייט, אויסגעלייגט אין אַ סך דינע פעלבעלעך, האָט דערגרייכט ביז צו אירע קני און קאָנטיק געמאַכט אירע הויכע, שטאָלטנע, גוט פאָרמירטע פיס.

די פרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער טיר פון רעסטאָראַן. מיט איין האַנט האָט זי פאַרגלעט די האָר, ווו אַ ווינטל האָט צווישן זיי אַ שטיף געטאָן און זיי צעפּודלט, פאַרריכט אַ ביסל דעם דעקאָלט פון דער בלוזע, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעבלענדט די ווײַס־ראָזקייט פון איר לײַב, פון אונטער אַ דרײַ־עק, וואָס איז געווען אָפּגעקופּערט פון דער זון, און די צווייטע האַנט האָט זי געהאַלטן אויף דעם בלאָנד־געלאָקטן קאָפּ פון איר זונעלע.

מיט אירע אויגן האָט זי אַרײַנגעלויכטן, אינעווייניק, אין רעס־טאָראַן אַרײַן און האָט זיך באַזעצט בײַ אַ טישל, אַנטקעגן מאירן.

מאיר האָט זי אָנגעקוקט און אין קאָפּ האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן — וואַרשע.

מאיר האָט זיך גענומען רײַבן דעם שטערן, געוועקט זײַן זכרון.

יאָ, דאָס איז זי, מרים ברוין. דאָס איז זי, די חברטע פון זײַן געוועזענעם נאָענטן פרײַנד, לייב פוקס. ווי קומט זי אַהער?

זײַן פרײַנד האָט פאַר אים תמיד גערעדט וועגן איר מיט ברען, און די גליקזעליקייט פלעגט אים אַרויסשפּאַרן פון די אויגן.

— נאָך אַזאַ פרוי ווי זי, איז אויף דער וועלט נישטאָ. קיינער קען אַזוי נישט ליב האָבן ווי זי. זי, זי, זי.

אַ גאַלאָפּ־קראַנקייט האָט אים פלוצים אַוועקגעלייגט און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער שוין אויף דער וועלט נישט געווען. און זי, מרים, האָט שוין איר מוטערשאַפט געטראָגן אין זיך.

אַ לענגערע צײַט איז זי פאַרשוווּנדן פון וואַרשע. נאָך דעם האָט זי זיך ווידער באַוויזן, — אַליין. זי פלעגט אויסמײַדן זײַן בליק און אַז זי האָט אים שוין יאָ אַ מאָל באַגריסט, איז דאָס געווען פאַר־בײַגייענדיק, אויף שנעל.

— יאָ, דאָס איז זי, די זעלבע מרים, נאָר אַ ביסל פאַרעלטערט.

ער איז געווען זיכער אין דעם — קלאָר ווי דער טאָג.

ער האָט זיך מער נישט געקענט אײַנהאַלטן, האָט זיך אויפ־געהויבן פון זײַן אָרט און איז צו איר צוגעגאַנגען.

— זײַנט איר נישט אַ מאָל מרים... ברוין...

מרים האָט אים איבערגעריסן:

— איר האָט אַ טעות, מײַן הער, ניין.

איר ענטפער איז געווען אַ שנײַדנדיקער, פון פריער אַ צוגע־גרייטער, אַ פאַרטיקער אויף ווען מען וועט אים דאַרפן.

מאיר האָט שוין מער נישט געקענט אײַנזיצן. די ביסנס זײַנען אים פון האַלדז געקראָכן. ער האָט זיך אַליין געזידלט:

— וואָס האָט דיר געשטופּט דער נאַר? צו וואָס נייגעריקייט קען שטויסן? צו וואָס האָסטו דער פרוי געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט?

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פרוי וואָלט זיך שוין לאַנג פון דאַנען אָפּגעטראָגן, נאָר זי האָט זיך מסתמא דאָ אָפּגערעדט צו טרעפן מיט וועמען.

באַלד איז טאַקע אַרײַן איר מאַן. מרים האָט צו פיל אַרום אים גענומען אַרומטאַנצן, צו פיל צערטלעכקייט אים באַוויזן. זי האָט אים אויסגעגלייכט דעם קראַוואַט, פאַרריכט זײַן טשופּרינע, מיט צו פיל אויפמערקזאַמקייט דאָס עסן אים צוגעגרייט און לאַנג־לאַנג אויף קליינע פּיצעלעך צעשניטן די פאַרשפּייז פאַרן קינד.

פון צײַט צו צײַט האָט זי געוואָרפן אַ פחדימדיקן בליק אויף מאירס זײַט:

— צו וואָס זיצסטו דאָ נאָך? ווען ווערסטו שוין אַוועקגיין?

מאירן האָט געטונקלט אין די אויגן. ער האָט אַלץ דערזען פאַר זיך אין אַנדערע, פאַלשע קאָלירן.

— פאַלש, פאַלש. אַלץ איז פאַלש. ווי קען דאָס אַ מענטש זיך אַליין פאַרלייקענען? ווי האָט זי דאָס געקענט זאָגן אויף זיך, אַז זי איז ניט זי?

און נאָר דאָס? זי האָט דאָך זיך גופא פאַרלייקנט פאַר זיך אַליין. זי האָט דאָך זיך גופא געפעלשט. זי גילט דאָך אין לעבן פאַר אַזאַ, וואָס זי איז נישט. אויך די איבערגעטריבענע צערטלעכקייט צו איר קינד איז אַ געפעלשטע. און דאָס פריערדיקע קינד אירס? איר גאַנץ לעבן איז איין גרויסער ליגן. אויב זי האָט מורא, אַז אַזאַ ווי זי איז, וואָלט זי נישט געקענט זײַן דאָס ווײַב פון איר מאַן, דאַן נאַרט זי דאָך אויס פון אים זײַן באַמאַנונג. אפילו זײַן פאַטערשאַפט האָט זי דאָך פון אים אויסגענאַרט. ווי קען מען דאָס אַ לעבן לאַנג אָפּלעבן מיט אַ מאַן, טיילן מיט אים דאָס לײַב און לעבן און ער זאָל קיין מאָל נישט וויסן מיט וועמען ער לעבט, ער זאָל נישט וויסן ווער זי איז? דאַן לעבט ער דאָך נישט מיט איר, נאָר מיט אַן אַנדערער, פאַר וועלכער זי פאַרשטעלט זיך. דאָס איז דאָך די גרעסטע נאַרעריי.

מאיר האָט זיך דערמאָנט זײַן חברס רייד: נישטאָ נאָך אַזאַ פרוי ווי זי. אַזוי ליב האָבן, ווי זי, קען קיינער נישט. זי, זי, זי.

ער האָט געוואָלט אויסשרייען: זי, זי, זי! ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, ער זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט.

ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, זיך אויף שנעל צעצאָלט מיטן

קעלנער און פֿאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן.

פֿון דעם אַנטקעגנדיקן טישל האָט דאָס ייִנגעלע געוואָרפֿן אַ בליק, דאָ אויף דער מאַמען, דאָ אויף דעם פֿרעמדן מאַן, וועלכער האָט פֿריער געזעדט צו זײַן מוטער אין אַ פּאָר אים אומפֿאַרשטענדלעכער שפּראַך און האָט מיט אַ מאָל פֿאַרלאָזן זײַן טישל, אַן אָנגעשטעלטן מיט נישט קיין דערגעסענע שיריים. און דאָס ייִנגל האָט ווײַטער געגעסן, אַ פֿאַרטראַכטער.

די שווייגנדיקע קעלנערן

דרײַ קינדערלעך, שלעפּן זיך נאָך ראַיאַן, אין איר ווײַבערישער אַליינקײַט.

קיינער פון זיי, דערגרייכט איר ניט, ביז צו די לענדן.

זיי קלאַמערן זיך אַרום אירע פיס און טוליען זיך צו אירע קני, און דאָס מאַכט אויפציטערן אין איר, איר מוטערשאַפט.

זיי פאַרשליסן אירע אָרעמס און פאַרחתמען איר האַרץ, פאַר אַנדערער ליבשאַפט, — אויסער צו זיי.

אין די דרײַ יאָר, וואָס זי איז אַליין, הערט ניט אויף איר מאַן לייבל זילבער, צו בײַטן די אָרעמס פון איין פרוי אויף די פון אַן אַנדערער. זיין יחוסדיקער פאַך — אַ דאַמען־פריזירער — גיט אים דערצו אַלע געלעגנהײַטן און שאַנסן.

אין די דאָזיקע דרײַ יאָר, האָט שוין ראַיאַ אַלץ אַרויסגעטראָגן פון שטוב, כדי אונטערצוהאַלטן דאָס חיות פון זיך מיט די קינדער. און איצט איז געקומען די צײַט, זיך אַליין אַרויסצוטראָגן פון שטוב אַרויס.

מיט אירע געזונטע, הויכע, שטאַלטנע און אויסגעשניצטע, דרײַסיק יאָריקע פיס, מיט אירע אויסגעמאָסטענע לענדן, מיט אירע רונדע, שטײַפע, קליינע בריסטן, וואָס בערגלען זיך, אונטער אַ געפּאַסטער, ווײַסער בלוזקע, מיט איר שיין פּנימל, וואָס ווערט באַלויכטן פון אירע פײַערדיקע אויגן, אונטער לאַנגע ברעמען, און באַקרוינט מיט אַ קאָפּ, אויף וועלכן עס כוואַליען זיך, פון זיך אַליין, גלאַנציק־שוואַרצע האָר, האָט זי זיך אַרײַנגעשטעלט, אין איינעם אַ נאָך מיטיק, אַ גרייטע צו באַדינען די באַזוכער פון קאַפע „פּז״.

ראַיאַ פלעגט — אַן אונטערגעגאַרטלטע, בײַ דער טאַליע, מיט

אַ ווײַסן פּאַרטעכל, וואָס איז געווען באַזוימט מיט בלוי און האָט געהאַט אַן אַרויפגעשטעפּטע, ווייס־בלויע קעשענע, אין דער רעכטער זײַט, מיט אַ ביכעלע און בלייער אין האַנט — זיך שטיל אַ פּאַרנויג טאָן פאַר די געסט, ווי אַ פּריסטערן בײַ דער עבודה, פלעגט אַ זינג טאָן איר „שלום" און אַן אויסצורײדן אַ וואָרט צו אירע קליענטן, אויפ־נעמען זייערע פאַרלאַנגען. איר האָט זיך נאָך גוט ניט באַוויזן אַרומ־צוקוקן אַרום זיך, ווי ראַיאַ איז שוין אויסגעוואַקסן פאַר אײַך, מיט די באַשטעלונגען.

די טישלעך, וועלכע ראַיאַ האָט באַדינט, זײַנען תמיד געווען געדיכטער און אָפּטער באַזעצט, ווי אַלע אַנדערע.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז ביי דער שטילער קעלנערן, ווערט מען גוט און שנעל באַדינט.

ראַיאַ האָט אַלעמען גלײַך, און קאָרעקט, באַהאַנדלט. זי איז געבליבן בלינד צו די שמייכלערײַען פון אירע קליענטן און טויב צו זייערע חן־ווערטלעך.

— —

— —

חדשים לאַנג, ווי דער מאָלער יאָסל קאָרן, קומט אַריין אין „פּז", פאַרברענגען אין די אָוונטן. די גרעסטע טייל פון זײַנע פערציק יאָר, האָט ער אָפּגעלעבט אין אַמעריקע. ער איז געקומען, ווי אַ סך אַנדערע, אָנקוקן ישראל און קען זיך פון אָרט ניט אָפּרײַסן. אַזאַ שלל פון קאָלירן אין דער נאַטור, אַזאַ מענגע פון מענטשן־געשטאַלטן, האָט ער נאָך אין ערגעץ ניט באַגעגנט. אינספּיראַציע, טעמעס וואַלגערן זיך ממש, אין די גאַסן. הלוואי נאָר אַזוי פיל צייט און חשק צו דער אַרבעט, ווי עס איז דאָ וואָס צו טאָן.

ער קומט אַרײַן, אין „פּז", מיט ניט קיין זיכערע טריט און מיט אַ שולדיקייט־מינעלע אויף זײַנע דיקלעכע ליפּן. ער דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיך שוין דורכגעשטופּט, מיט זיין הויך און ברייט־צעוואַקסענעם גוף, צווישן די טישלעך פון קאַפע „פּז". ער האָט דעם געפיל, ווי ער

וואָלט, אין זײַן גוף, פאַרכאַפּט אַ טייל, וואָס אַנדערע פעלט עס, ווי ער וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען אין חלל פון דעם אַרום. ער זעצט זיך אַוועק ביי זײַן שטענדיקן טישל, ווײַט אין הינטערגרונט, שפּאַרט אונטער זײַן פעסטע גאָמבע, מיט דער רעכטער האַנט, פאַרדרייסט זײַנע אויגן, צום באַלקן און צעלאַכט זיך, מיט אַ שטומען געלעכטער. טויזנטער קנייטשעלעך, צעלייגן זיך אים, איבערן גאַנצן פּנים, צווישן די מויל־ווינקלען און אַרום די אויגן־שניטן, לאַכן מיט, מיט אים, און צעשײַנען זיך אין דער טאָגיקער ליכטקײַט, וואָס שטראָמט אַרויס פון דעם מאָדערנעם, עלעקטרישן ליכט, וועלכער כוואַליעט אַרום, אין רוים פון קאַפע „פּז״. יאָסל זיצט אַזוי, אַ היפּשע ווײַלע, בײַ זײַן טישל, זיצט און גאַפּיעט צום באַלקן, גאַפּיעט און לאַכט.

שלום אדוני! וועקט אים אַ זילבער־קול.

יאָסל כאַפּט זיך אויף, ווי פון אַ ווײַטן חלום, ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. ער קוקט אָן ראַיאַן, ווי ער וואָלט דערזען פאַר זיך אַ קרעאַקטור, פון אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן פּלאַנעט. ער שטעלט אָן אויף ראַיאַן זײַנע גרויסע, קינדישע, בלויע אויגן, וועלכע מיניען זיך נאָך מיט מער העלקײַט, איבער זײַן פּנים, וואָס איז צעשמיסן פון ווינט און צעשרפּהט פון דער זון — גיט אַ שאַר, זײַן אַזוי אויך נאָכלאָזיקע, צעפּאַטלטע, ווילדע טשופּרינע, וואָס גאָלדיקט זיך אַרויס צווישן די אַרומיקע שוואַרצע קעפּ, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט דערמאָנען אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך — צעלאַכט זיך מיט זײַן שטומען געלעכטער און ברומט אַרויס פון זיך, מיט אַ צו הויכן קול:

— בירה! (אַ ביר).

ביי יאָסלס טישל, פלעגט זיך ראַיאַ פאַרהאַלטן לענגער, ווי ביי אַלע איבעריקע, כאָטש זי פלעגט ניט אַרויסריידן קיין איין וואָרט, אַחוץ דעם אָנגענומענעם פּזמון: שלום אדוני! — ראשית האָט זי געדאַרפט וואַרטן, אַ ווײַלע, ביז יאָסל האָט אויפגעוואַכט פון זײַן פאַרחלומטקייט און נאָך דעם, ווי ער האָט שוין אַרויסגעברומט זיין: בירה! פלעגן איר עפּעס, פלוצלינג אָנהויבן צו ציטערן די קנעכלעך און עס האָט

געדויערט ביז זי האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח, אָוועקצורײַסן זיך פון זײַן טישל.

— —

— —

אין אַ רעגנדיקן, קאַלטן אָוונט, איז ראַיאַ געגאַנגען, פון קאַפע „פּז" צו נעמען דעם אויטאָבוס, וואָס האָט איר געדאַרפט פירן צו דעם בײַשטעטל פון תל־אביב — חולון.

ראַיאַ איז געגאַנגען, אַן אַרײַנגעטוענע אין זיך. דער קאַלנער פון איר ווינטער־מאַנטל האָט איר דערגרייכט ביז איבער די אוירן און פאַרשטעלט דאָס פּנימל ביז דער נאָז. פונדעסטוועגן האָט זי דערהערט, שווערע טריט, הינטער זיך.

ראַיאַ איז געגאַנגען איר וועג און זיך ניט אומגעקוקט אַהינטער. נאָר, ווען זי איז געבליבן שטיין אויפן ראָג, ווו דער אויטאָבוס שטעלט זיך, האָט זי מער ניט געהערט, דאָס קלאַפּן, פון די שווערע טריט.

יאָסל איז פאַר איר אויסגעוואַקסן, אין זײַן גאַנצער גרויס. ער האָט זי אָנגעקוקט, אַ פאַרשולדיקטער, און אַ שעמעוודיקער אויסגע־ברומט: קען איך דיך אָפּפירן אַהיים?

זײַנע ווערטער, האָבן זיך אַרויסגעקוילערט פון זײַן ברוסט, הייסע, זודיקע, אַז אַפילו דער קאַלטער אינדרויסן, האָט ניט געהאַט קיין כּוח זיי אָפּצוקילן.

ראַיאַ האָט אים עפּעס געוואָלט ענטפערן, אָבער אירע קני האָבן זיך דאָס מאָל, נאָך מער צעציטערט. דאָס האַרץ האָט גענומען צאַפּלען, האַסטיק זעצן און די ווערטער זײַנען איר געבליבן שטעקן אין האַלדז.

דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען. ראַיאַ האָט גענומען אַרײַנשטײַגן אין וואָגן. יאָסל איז אַ רגע געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. אָבער פּלוצלינג, ווי אימיצער וואָלט אים אַרײַנגעשטופּט — האָט ער זיך געפונען אינע־ווייניק פון אויטאָבוס. ער איז פאַרלאָפן ראַיאַן דעם וועג און האָט אויסגעשריען, ווי ניט מיט זײַן קול, צום קאַסיר:

— פּעמיים (צוויי מאָל, ד"ה, — צוויי בילעטן).

יאָסל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן ראַיאַן, ניט אַרויסברענגענדיק אַ וואָרט פון מויל. זײַנע קינדעריש, בלויע אויגן, האָבן צוגעזאָגט גליק, געטרײַשאַפט און ערלעכקײַט און אויף זײַנע ליפּן האָט זיך אויסגעלייגט אַ רחמנות־בעטנדיקע שמייכעלע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט יאָסל איבערגעריסן דאָס שווײַגן:

— מיך רופט מען יאָסל, און ווי הייסטו?

— ראַיאַ.

— ראַיאַ! שיין, שיין, אַך ווי שיין! ראַיאַ! ס'אַרא שיינער נאָמען! און ווײַטער געשוויגן.

אַראָפּשטײַגנדיק פון אויטאָבוס, זײַנען יאָסל מיט ראַיאַן געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן זיך פון לאַנג, לאַנג געקענט, — ווי זיי וואָלטן זיך געקענט פון זייער געבוירן ווערן אָן, נאָר עפּעס אַ צופאַל האָט זיי צעשיידט.

ראַיאַ, וואָס האָט אַ שטיין געהאַדעוועט אין האַרצן, האָט זיך געוווּנדערט, וואָס זי איז מיט אַ מאָל אַזוי לײַכט געוואָרן, — ווי זי וואָלט פליגלען באַקומען.

ראַיאַ האָט, מיט פאַרטראַכטקײַט און ווי מיט באַזונדערער כוונה, אויפגעשלאָסן די טיר פון איר שטוב.

דער שלאָף־צימער איז געשטאַנען אַ באַלויכטענער. איין בעט איז געשטאַנען אַ פאַרבעטע און אין דעם אַנדערן איז פון איין זײַט געלעגן, אויפן רוקן, מיט די הענטלעך צעשפּרייט, ווי געקרײַצט, ראַיאָס זעקס יעריקער זונעלע, אין טיפן, קינדערישן שלאָף, און צופוסנס איז געלעגן, איר פיר יעריק מיידעלע, אַרומגענומען פון דער עלטסטער נײַן יעריקער טעכטערל ווי פון אַ קליין מאַמעלע.

יאָסל איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר פון שלאָף־צימער, ווי פאַר אַן אַנטפּלעקונג.

— —
— —

דער באַגינען האָט זיך געשטעלט, אַן אויסגעלײַטערטער. די פריע

שטראַלן האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך די לאָדנס, און אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון טאָג.

עס איז נאָך ניט פאַרבײַ קיין האַלבע שעה, ווי יאָסל האָט פאַרלאָזן ראַיאַס שטוב. ראַיאַ איז געלעגן, אַ פאַרשכורטע, אין איר בעט, און האָט ווידער אַ מאָל איבערגעלעבט די גענוסן פון דער נאַכט. זי האָט זיך געפילט דערהויבן. אַזוינס האָט זי קיין מאָל, אין איר לעבן, ניש געשפּירט. זי האָט זיך אין די לעצטע שעהן פאַראייניקט מיט דער אייביקײַט. דאָס איז געווען איר ערשטע ליבענאַכט. אין די פאָרן פון איר הויט, האָט זיך נאָך געוואָרעמט יאָסלס הייסער אָטעם. איר לײַב איז געווען געחתמעט, מיט סמנים פון יאָסלס ווילדע און מילדע קושן. אירע ליפּן האָבן זיך געצויגן צו די סמנים פון איר לײַב, זיי אויסצוקושן. מיט איר צונג איז זי, וויפל מאָל, איבערגעגאַנגען, איבער אירע ליפּן, ווי דאָס טוט אַ דורשטיקער, ווען ער נעמט אַוועק זײַן מויל פון דעם קוואַל, וואָס האָט אים אָקאָרשט געשטילט פון זײַן פאַר־שרפהטער טריקעניש. זי האָט, מיט צעבאַלעוועטקײַט געצויגן אירע גלידער אין דער וואַרעמקייט פון איר געלעגער. זי האָט געשפּירט, ווי איר גוף ווערט אויפגעלייזט, זי ווערט לײַכט און לײַכטער, דערהויבט זיך צו די הויכן, צום הימל אַרויף.

זי האָט געהאַט חשק אײַנצודרימלען אַזוי, אין האַלבן שלאָף, אויף אייביק, אונטער דער זיסקײַט, וואָס האָט איר באַגוועלטיקט.

— —

— —

אַ קלאַפּ אין טיר האָט זי אויפגעוועקט פון אירע חלומות, אין איר פאַרחלשטן דרעמלען.

ביי דער טיר איז געשטאַנען איר מאַן, לייבל, אַן אָפּגעלאָזענער און באַוואָקסענער, מיט צוויי וואַליזעס אין די הענט. ער איז געקומען מאָנען זײַן רעכט אַלס באַלעבאָס און מאַן.

ראַיאַ האָט אים אָנגעקוקט, מיט פאַרשטאַרטע אויגן, וואָס זײַנען איר אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ.

זי איז געשטאַנען פאַר איר מאַן, ווי אַ הייליקע מאַדאָנע פאַר איר שענדער. זי האָט געוואָלט שרייַען, ניין, ניין, דאָס קען נישט געשען! — אָבער איר קול איז דערשטיקט געוואָרן אין איר האַלדז, ווי דאָס פּאַסירט אין אַ בייזן חלום.

ווען ראַיאַ איז צו זיך געקומען, האָט זי זיך געפונען אין איר בעט. ביים בעט איז געזעסן אַ שכנותדיקער דאָקטער. ער האָט געקוקט אויף איר, מיט מילדע, ווייכע אויגן און געטרייסט, אַז זי איז שוין אַרויס פון געפאַר.

— אַז איר וועט זיך אָפּהיטן אַ פּאָר חדשים און ניט ריידן, וועט איר צוריק באַקומען דאָס לשון. פון אַ דערשיטערונג זײַנען אײַערע שטים־בענדער געשעדיקט געוואָרן.

ראַיאַ האָט געפאָלגט דעם דאָקטער. זי האָט ניט גערעדט.

און אַז עס איז אַוועק אַ שטיקל צײַט און ראַיאַ האָט שוין צוריק באַקומען דאָס לשון און געמעגט ריידן, — איז זי אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקע.

צו וואָס ריידן, אַז ווערטער קענען סײַ ווי גאָרנישט דערציילן...

ישׂראל רעפּאָרטאַזשן

איך האָב דיך געזען, ישׂראל!

איך האָב דיך געזען, ישׂראל — און דערזען.

צו שוואַך איז די פאָרשטעלונגס־קראַפט פון אַ בן־אדם, ער זאָל דיך דערזען, אַזאַ ווי דו ביסט, נישט האָבנדיק געזען דיך.

איך האָב דיך דערזען — און דו האָסט מיינע אויגן צעעפנט.

ווען איך האָב מײַנע טריט אויף דײַן ערד געשטעלט, האָב איך נישט דערשפּירט קיין אדמת־קודש, אונטער מיינע פיס, נאָר אַן ערד, אַ צעצאַפּלטע, אַ צעברויזטע, אַן אויפגערירטע און אויפגערודערטע, — פון דעם כּח, פון דער פּאָטענץ פון דײַנע זין און טעכטער.

איך האָב דיך דערזען, דערוואַכן אין פריען קאַיאָר, אונטער דעם אָקער, וואָס דער חלוץ האָט זיך אַרײַנגעגראָבן מיט אים, אין דײַן פאַרחלשטער אינגעווייד אַרײַן.

איך האָב דיך געזען, זיך טשוכען פון טיפן דרימל, דורך מאָטאָר־גערויש, האַמערישן געקלאַנג, קינדער־געזאַנג און שפּילנדיקן געסקריפּ פון דער פּען.

איך האָב געזען דײַן פילגעשטאַלטיקײַט און די פילקאָלירקײַט פון דײַנע קינדער.

מײַן אויער האָט פאַרנומען אַלע לשונות פון דער גאָרער וועלט — פון וואַנען דײַנע קינדער זײַנען אַנטרונען צו דיר און זיך צוגעטוליעט צו דײַן ערד.

— און איך האָב דערהערט, פונעם מויל פון דײַן קינד — וואָס הויבט זיך ערשט נאָר אויף פון דײַן ערד — איינאיינציקע שפּראַך: די שפּראַך פון זײַנע אבות.

איך האָב געזען דײַנע פעלדער, שטיין פאַרחלשטע און פאַרברענטע פון דורשט.

איך האָב זיי געזען אויסקוקן, צום הימל אַרויף, נאָך אַ טרונק וואַסער, נאָך אַ טראָפּן גשם, נאָך אַ לעק טוי — און פון הימל איז גאָרנישט געקומען.

האָב איך געזען, ווי דיינע קינדער האָבן צעעפנט פאַר די פעלדער, אַ מטר־דוש, פון די ממטרות, וואָס זיי האָבן געשאַפן מיט זייערע הענט און זיי האָבן אָפּגעמינטערט די פעלדער פון זייער פאַחלשטקייט, אַרויסגעצויגן פון זייער אײַנגעווייד אַרויס, דעם גרין פאַר די גראָזן און בוימער, וואָס באַצירן זיי און אַרויסגענאָגט פון זיי דעם פּילקאַליריקן זאַפט, פאַר די בלומען און פרוכטן.

איך האָב געזען דײַנע חלוצישע זין און טעכטער, באַפרוכפּערן דײַנע טאָלן און בערג.

איך האָב זיי געזען, מיט געשטרעקטע ברוסטן, אַנטקעגן דעם שונא, וואָס לויערט אויף זיי פון אַלע באַהעלטענישן.

איך האָב געזען, ווי דײַנע קינדער באַפעלן דעם בוים, ער זאָל זיך פאַרוואָרצלען אונטער די פעלדזן און זאָל אַרויסוואַקסן און אַרויס־שטאַמען פון צווישן זיי.

ישראל, איך האָב דיך געזען אין דיינע אוניווערזיטעטן און ישיבות, — איך האָב דיך געזען ביי דײַנע ספרים און ביכער און בײַ דעם כלי־זין, וואָס דו שאַפסט צום לעבן און צו פאַרטיידיקן זיך.

ישראל, איך האָב געזען צעשפּרייט, איבער דײַנע באַגרינטע, באַבלומטע פעלדער, דײַנע חלוצישע זין און טעכטער, וואָס זײַנען דער קערן פון דײַן איבערמענטשלעכער גבורה און פון דײַן פאָלקישער דערהויבנקײַט.

איך האָב דיך געזען אין פרייד, איך האָב דיך געזען, אין דעם טאָג פון דײַן ווידעראויפשטיין.

איך האָב געזען, ווי אַ גאַנץ פאָלק איז אַרויס טאַנצן אין די גאַסן.

איך האָב געזען די לעצטע פרייד־טרערן, אין די אויגן פון דײַנע זקנים און געהערט די יובל־געזאַנגען פון דײַנע יונגען.

ערד פון ישראל!
לאַנד פון ישראל!

איך האָב געזען, ווי דײַן פאָלק ליבט דיך.

איך האָב געהערט, ווי מען בויט דיך, אויף אַלע שפּראַכן, ווי מען לײַדט פאַר דיך אין אַלע שפּראַכן און אויך, ווי מען באַוויינט, מען רימט און מען פּרײַזט, אויף אַלע לשונות, דײַנע גבורים, וואָס זײַנען געפאַלן פאַר דיר.

ישראל!

איך האָב געזען ווי מײַן פאָלק, האָט זיך אויפגעהויבן אויף דײַן ערד, פון אַש — ווי עס האָט זיך געשטעלט אויף דײַן באָדן, אַרויסבראָדזשענדיק פון דעם ים פון זײַן אייגענעם בלוט, וואָס האָט אים דערגרייכט ביזן האַלדז — און איז אויפגעשטאַנען צום לעבן און האָט באַוויזן, וואָס עס קאָן, ווען עס לעבט צוזאַמען — אַליין, פרײַ, אויף אייגענער ערד, אין אייגענעם לאַנד.

ישראל!

איך האָב אויפגעהויבן מײַן קאָפּ, גלײַך, צעעפנט מײַנע אויגן און דערזען דײַנע הימלען — הימלען גרעסערע און ברייטערע ווי דײַן ערד.

ישראל, איך האָב געזען, ווי דײַנע הימלען הילן אײַן, וויקלען ארום דײַן ערד, אין ימען ליכט, — ווי דאָס ליכט פון דײַנע הימלען צעטראָגט זיך, צעשפּרייט זיך איבער דער וועלט און דערלאַנגט צו די אויגן פון דײַנע קינדער, וואָס זײַנען אָנגעהאַנגען אָן דיר, — ווי די שטראַלן פון דײַן זון דערוואַרעמען די הערצער פון דײַנע קינדער, אין דער ווײַט, — די הערצער, וואָס צאַפּלען מיט דיר און פאַר דיר.

ישראל, איך האָב דיך — אינגאַנצן ווי דו ביסט, מיט דײַן ערד און מיט די קינדער וואָס אויף איר — דערזען, ווי איין גרויסע צברה.

— האָב איך זיך אײַנגעביסן אין דיר און האָב דערשפּירט דעם זיסן זאַפט דײַנעם אין מײַן בלוט. מײַן בלוט האָט זיך אין מיר שטאַרקער צעריזלט און מײַן האַרץ האָט גענומען פעסטער שלאָגן, פון דעם כח, וואָס דו האָסט מיר געגעבן.

ישראל, איך האָב דיך דערזען און דו האָסט באַגליקט מײַנע טעג, וואָס איך האָב געטראָטן אויף דײַן ערד און דו ווסעט באַגליקן די ווײַטערדיקע טעג פון מײַן לעבן.

ערשטע טריט

אין תל־אביב בין איך אָנגעקומען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט.

אַ צימער האָב איך נאָר גענומען פון יוצא־וועגן, ווײַל אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן. עפּעס איז מיר אויסגעקומען מאָדנע: אַזוי לאַנג געוואַרט צו זען ישראל און דאָ גיי זיך גאָר לייגן שלאָפן אין מיטן דערינען, איידער דו האָסט נאָך עפּעס־וואָס אָנגעקוקט.

די נאַכט איז סײַ ווי סײַ געווען אַ קורצע. תל־אביב שטייט אויף מיטן קאַיאָר.

ווען אין אַנדערע שטעט פון דער וועלט קערט מען זיך ערשט איבער אויף דער אַנדער זייט, באַוועגט זיך שוין תל־אביב אַן אויפגעוואַכטע און מונטערע.

איך שפּאַציר אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט. — די גאַסן! איז דאָס ניט קיין חלום?! הערט נעמען פון גאַסן!: אבן־גבירול, רבי יהודה הלוי, אחד־העם, ביאַליק, מענדעלע, פרישמאַן, שאול־המלך, ירמיהו הנביא, בר־כוכבא א.א.

איך זע אַזוי פיל פאַרשיידנגעשטאַלטיקע פּנימער און הער אַזוי פיל לשונות. איך זע פאַר זיך אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט, — אַ קליין ניו־יאָרק.

און איך זאָג צו זיך אַליין: הזאת היא נעמי?! דאָס איז אַ יידישע שטאָט? אַזוי זעט זי אויס? — וואָרעם ווען איך ווייס ניט אַז איך געפין זיך אין תל־אביב, וואָלט איך אויף די מענטשן, וואָס איך האָב געטראָפן, קיין מאָל ניט געזאָגט, אַז דאָס זיינען יידן.

און אפשר דערקען איך זיי ניט — טראַכט איך מיך — אפשר

האָב איך ניט דערקענט מיינע יידן, ווייל זיי האָבן זיך דאָ אויסגעגלייכט און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם הייקער?

בלייבט איר טאַקע שטיין, די ערשטע צייט, אַ פאַרוווּנדערטער, אַ פאַרחמטער. ערשט נאָך דעם, אַז איר געפינט זיך אַ ביסל לענגער אין ישראל, געפינט איר זיך אָפּ און הויבט אָן ליב צו האָבן דאָס לאַנד, אהבת־נפש.

האָב איך טאַקע נאָך דעם געזען, ווי מען לעבט, מען בויט און מען איז זיך מקריב פאַרן לאַנד אין אַלע לשונות און איך האָב דערפילט די נאָענטקייט פון איין פאָלק, וואָס קלייבט־צוזאַמען זיינע פונאַנדערגעריסענע אברים און לאָזט זיי אַרײַנוואַקסן אין זיין גוף.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן, וואָס איך האָב געזען אין קבוץ „נגבה".

אַרום דעם קבוץ „נגבה" איז בעת דער באַפרײַונגס־מלחמה פאָר־געקומען אַ שווערע שלאַכט, אין וועלכער עס זיינען געפאַלן 59 יונגע זין פון ישראל (ישראל רופט די געפאַלענע — קינדער). פאַר די 59 קינדער איז געשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקער מאָנומענט. די קברים פון די העלדן ליגן אײַנגעטונקט אין גרין און זייערע נעמען שרײַען אַרויף, צו דעם ליכטיקן ישראל־הימל.

זײַנען אין דעם יום־הזכרון געקומען צום קבוץ „נגבה", דעלע־גאַציעס פון די אַרומיקע קבוצים מיט פרישע בלומען־קרענץ. מיליטער האָט פאַראַדירט און אַ מיניסטער האָט געהאַלטן אַ רעדע.

דאָס איז געווען די אָפיציעלע טייל פון דער דערמאָנונג. נאָך דעם האָבן גענומען ריידן, ניט צום עולם, — צו די קברים — טאַטעס און מאַמעס, פון די געפאַלענע, — שוועסטער און ברידער.

איינע, אַ פרוי, אַ שמאָל־גופיקע, אַ דראָבנינקע, מיט אַ טונקלען פנים, איז אַ פאַל געטאָן אויף דעם קבר פון איר 17 יעריקן יינגל, האָט זיך אויסגעצויגן אויף אים און אַ באַנומענע פון מוטערלעכן צער, אַזוי אַריינגעשריען אין שטיין אַריין: „מי ניניטאָ! מי ניניטאָ!" (מײַן יינגעלע, מײַן יינגעלע) — אַז נאָר, ווייל דאָס איז געווען אַ שטיין, האָט ער ניט צוגעלאָזט, דאָס איר יאָמער זאָל דערגיין צו איר קינד.

אַ בליק אויף ירושלים

איך פֿאָר קיין ירושלים מיט דער באַן. די רײַזנדיקע, אין באַן, זײַנען פֿאַרשיידנאַרטיק. אין דער קופּע, וואָס איך פֿאָר, געפֿינט זיך יונג־וואַרג. איך זיץ בײַם פֿענצטערל און שלינג די לאַנדשאַפֿט.

מיר דערנענטערן זיך צו כפר־חבד. עס גייען אַראָפּ און אַרויף יונגע יידן, גלײַך־פּלייציקע, מיט געראָטענע בערד און ליכטיק־גלויביקע פּנימער.

דאָס זײַנען זיי אַהער אָנגעקומען פֿון אַלע וועגן און שטעגן און אויף אַלערליי אופֿנים, כדי צו לעבן אין יידישן לאַנד, — כהלכתם.

איך שליס באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ גרופּע חבד־חסידים. זיי קומען מערסטנס פֿון ליטע און ווײַס־רוסלאַנד. זיי זײַנען צוגעלאָזט און עס שטראָמט פֿון זיי מיט אהבת־ישראל.

— קומט צו אונדז אויפֿן כּוס, — שרייען זיי מיר אַרײַן, דורכן פֿענצטערל, איידער די באַן רירט זיך.

איינעם, אַ יונגן ייד, אַ תּושב פֿון כפר־חבד, וואָס פֿאָרט קיין ירושלים, באַזעץ איך לעבן מיר. ער איז אַ באַבאָרדטער און באַפּאותטער און גייט קורץ געקליידט, לויטן ליטווישן נוסח. דער דאָזיקער ייד איז אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ביאַליסטאָק און געקומען קיין ישראל איז ער פֿון אורוגואַי, וווהין זײַנע עלטערן האָבן אים געבראַכט, אַלס קינד. ער געדענקט נאָך אַפֿילו אַ ביסל שפּאַניש.

דער ייד, וואָס זיצט לעבן מיר קוקט אַרײַן אין תּניא. ביסלעכווײַז ווערן מיר היימישער צווישן זיך. ער קנעלט שוין אויך מיט מיר אַ שטיקל תּניא. ער קוועלט אָן דאָפּלט, — סײַ פֿון דעם עצם מתיקות

פון דאָס געלערנטע, סײַ פון דעם, וואָס ער איז מהנה נאָך אַ יידן מיט דברי־תורה.

דער דאָזיקער ייד וויל, דווקא, אַ ישראל מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט מעשר און תרומה, מיט חלה נעמען און מיט שמיטה.

אויף די בחורים און בחורות, מיט די רוק־זעק אויף די פּלייצעס, קוקט ער ניט ניחא. עלעהיי דאָס זײַנען שקצים מיט שיקסעס. זייער עברית קלינגט אפילו פאַר אים ניט יידישלעך. ער קוקט אויף זיי, ווי עפּעס אויף אַ פאַרבײַגייענדיקער זאַך, — גם זה יעבור.

מיר דערנענטערן זיך צו ירושלים. איך פאַרלאָז דעם יידן מיט דעם געשמאַקן שטיקל תניא.

איך גיי אָנקוקן די טויזנט יעריקע, הייליקע שטאָט, ירושלים, די שטאָט, צו וועלכער יידן האָבן, דורות־לאַנג, אַרויפגעקוקט און אַרויס־געקוקט, מיט האָפענונג און בענקשאַפט. און איך ווייס ניט וואָס מערער צו באַוווּנדערן, צי די מאַיעסטעטישע שיינקייט פון די בערג־טעראַסן, צעגרינטע, אַנטקעגן דעם ליכטיקן הימל, וואָס רינגלען זי אַרום און ליגן איר צו די פיס, אָדער זאָל איך מער באַוווּנדערן די יידישע גבורה, וואָס האָט פאַרזייט דעם גאַנצן וועג צו ירושלים מיט טאַנקן־שטאָל, צי זאָל איך נאָך מערער באַוווּנדערן און באַזינגען דעם כח־היצירה פון ישראלס זין און טעכטער, דעם כח, וואָס האָט באַפוילן דעם גראָז, ער זאָל אַרויסגרינען פון צווישן די שטיינער און דעם בוים, ער זאָל זיך פאַרוואָרצלען און זיך אַרויסהויבן פון צווישן די פעלדזן.

איך שטיי ביים באַן־פענצטערל און רייד צו זיך אַליין: אַזוי באַהערשן די ערד, קען מען ניט, מיט בלויזע הענט, — מען דאַרף אויך צולייגן קאָפּ און האַרץ. אַזוי באַהערשן די ערד קען מען נאָר, ווען מען גיסט אין איר אַרײַן, ניט נאָר דעם שווייס פון פּנים, נאָר אויך די ליבשאַפט פונם האַרץ און אויך דאָס בלוט, ממש.

מאה־שערים

איך וועל אײַך אַרײַנפירן, אויף אַ ווײַלע, אין אַ פרײַוויליקן געטאָ — אין מאה־שערים. מאה־שערים זעט אויס ווי אַ געטאָ פון מיטל־אַלטער.

עס איז ערב־פסח און די אָרעמקייט פון מאה־שערים האָט זיך באַוויזן אַ נאַקעטע, אַנטקעגן דער פרילינג־זון.

שמאַטעס, שמאַטעס, שמאַטעס!

שמאַטעס אויף די גופים און שמאַטעס, וואָס בלאָזן זיך, אויפ־געהאַנגענע אויף שטריק.

ישיבה־בחורים און יונגעלײַטלעך, לויפן מיט זייערע דינע גופים, ווי דער ווינט וואָלט זיי געטראָגן. זיי לויפן ניט גלײַך, נאָר זײַטיקלעך, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט פאַרנעמען צו פיל אָרט אויף דער וועלט.

מערסטן גייען זיי אוניפאָרמירט, אין גרויע קאַפּאָטעס און הויזן און מיט שוואַרצע קאַפּעליושן אויף די קעפּ.

פון אונטער זייערע שוואַרצע, ברייטע קאַפּעליושן, הענגען אַראָפּ, האַלב־מעטערדיקע פאות, — געקרײַזלטע און זײַדיק־גלאַטע.

די פאות דערלאַנגען זיי, ביז צום אַקסל און ווען זיי לויפן, ווי דער ווינט, באַמבלען זיך די פאות, הין און צוריק, אין אַלע זײַטן.

יידיש איז דאָרטן די הערשנדיקע שפּראַך.

אויף יידיש פאַרטייטשט מען דאָרטן די גמרא, אויף יידיש האַנדלט מען דאָרטן און אויף יידיש שנאָרט מען דאָרטן.

פון טוריסטן אַנטלויפן די ישיבה־בחורים, ווי פון טייוול. זיי ווילן זיך ניט לאָזן אָפּמענטשלען, צו שפּאָט.

איר שטויסט זיך דאָרט אָן אויף שנאָרעריי, מיט קוויטאַנציעס אין די הענט.

איר קומט אַרײַן אין אַ ישיבה און ווי איר טרעט נאָר אַריבער דעם שוועל, וואַקסט שוין אויס פאַר אײַך אַ קײַלעכדיקער ייד: — וויפל גיט איר?

מנחה, מנחה, מנחה! — שרײַען צוויי יידן בײַם אַרײַנגאַנג פון אַ שטיבל און ווי איר גייט נאָר אַהין אַרײַן, — מען לאָזט אײַך אפילו ניט צוקומען צו דער מנחה — אַ ייד שלעפט שוין פון דער קאַפּאָטע אַרויס, דאָס ביכעלע.

איר גייט איבער מאה־שערים און לייענט די גרויסע אויפרופן, קעגן אומצניעות — שרײַענדיקע אויפרופן — אַרויסרופערישע.

איר גייט. איר טרעפט זיך אָן מיט יידן און קליינע יידעלעך — קינדער — מיט צעפּלאָשעטע פּאות און קאַפּאָטעס. איר גייט אַזוי און גייט אַריבער דעם גבול פון מאה־שערים. אַ פּאָר טריט — ממש אויף דער אַנדער זייט פון מאה־שערים — זעט איר שוין אַן אַנדער וועלט.

איר שטויסט זיך אָן אויף צברהס, אין נעט־צוגעפּאַסטע הויזן, מיט ווײַסע בלוזקעלעך, פון וועלכע דאָס אײַלנדיק־וואַקסנדיקע לײַב שפּאַרט צום דרויסן אַרויס.

זיי שפּרײַזן גיך, גיך, מיט זייערע געשטערקטע, גלײַכע גופים און מיט די קעפּ פאַרריסן צום הימל, גייען זיי און וואַקסן.

.1960

אַלטע זאַכען

אין איינעם אַ פרימאָרגן, בין איך געוועקט געוואָרן, אויף מײַן געלעגער, וואָס איז געשטאַנען אין רמת־חן — פון מײַן פאַרשפעטיקטן שלאָפן. געוועקט האָט מיך אַ מאָדנער געזאַנג און אין דעם געזאַנג זײַנען געווען אײַנגעוויקלט, בלויז צוויי ווערטער: אַלטע זאַכען, אַלטע זאַכען (דער למד איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן ווייך און „זאַכען").

— איז דאָס אַ חלום? — ווי קומט אַהער „אַלטע זאַכען"?

— ניין, דאָס איז ניט געווען קיין חלום. דאָס געזאַנג פון די צוויי ווערטער האָט זיך כסדר איבערגעחזרט.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון מײַן געלעגער, אַרויסגערוקט מײַן קאָפּ דורכן פענצטער און דערזען, אַ ברייטביינערדיקן, ספרדישן ברודער, וואָס איז געזעסן אויף דער קאָזלע פון אַ פירדעדערדיקן, היימישן וואָגן. פון זײַנע הענט, זײַנען, נאָכלאָזיק, אַראָפּגעהאַנגען די לייצעס. דאָס פערדל האָט געשפּאַנט, טריט ביי טריט, איבערן כביש, און דער ספרדישער אויפקויפער פון אַלטע זאַכן, האָט מיט זײַן זינגען אַרויס־גערופן די פרויען פון די הײַזער, מיט זייער סחורה.

אַלטע זאַכען! אַלטע זאַכען — אין מויל פון אַ ספרדישן יידן, אויף אַ כביש פון ישראל...

אַ גאַנצן טאָג האָט מיר געקלונגען אין אויער און זיך געבאָמבלט אין מח: אַלטע זאַכען! אַלטע זאַכען!

אלטע זאַכן!

— אפשר דאַרף מען אַזוי לײַכט ניט אַרויסוואַרפן די „אַלטע זאַכען"? אפשר דאַרף מען פריער בודק זײַן, צי ליגט עפּעס ניט פאַרבאָרגן אין די „אַלטע זאַכען"?

1960.

קדוש־שבת

אין אַ פרײַטיק צו נאַכט, האָב איך זיך געלאָזט גיין איבער די שולן. איך האָב געוואָלט זען און הערן פאַרשיידענע נוסחאות. נאָכן אַרויסגיין פון דער לעצטער שול, האָב איך זיך געלאָזן, אַליין, שלײַכן איבער די תל־אביבער גאַסן.

אַ מאָדנע שלוה האָט גערוט, איבער דער שטאָט. עס האָט אויסגעזען, ווי די נאַטור אַלייך, האָט איר אָטעם פאַרהאַלטן. — אַז רו, איז רו.

די פענצטער און די טעראַסן פון די הייזער, האָבן אַרויסגעגאָסן, אַ שפע ליכט, אין גאַס אַרויס.

פון אַ זײַטיקער גאַס, האָט זיך אַ ניגון דערהערט — אַן אַלט־באַקאַנטער ניגון פון שבת־זמירות.

מײַנע פיס האָבן זיך געטראָגן אַהין, פון וואַנען דער ניגון איז געקומען.

די גאַס איז געשטאַנען אַ באַרוטע, אײַנגעהילט אין נאַכט, אײַנגעטונקען אין טונקל־גרין, און באַצירט, פון ביידע זײַטן, מיט געדיכט־צעוואַקסענע בוימער.

דער ניגון איז געקומען, פון דער טעראַסע, פון אַן איינשטאָקיקער הויז.

מיט די פנימער צום דרויסן, זײַנען זיי געזעסן, די שבת־פראַווער, אויף דער אָפענער, ליכטיקער טעראַסע, און געזונגען.

סאָלאָ, האָט געזונגען, דער איינציקער מאַן פון שטוב — דער באַלעבאָס — און עס האָט אים באַגלייט אַ קוואַרטעט — זײַן פרוי, מיט דריי טעכטערלעך.

איך האָב שוין געזען, אין מײַן לעבן, ווי אַזוי מען פראַוועט

שבת, — געהערט ווי מען זינגט זמירות. איך האָב געשבתט, אין מײַן מתנגדישער היים, איך האָב געזען, אַ מלכותדיקן שבת, אין אַ חסידיש־אַריסטאָקראַטישער שטוב, אין וואַרשע, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען, די זין פון דעם באַלעבאָס, — מײַנע חברים — אין זײַדענע, גלאַנציקע, לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט קליינע, פּויליש־יידישע היטעלעך אויף די קעפּ.

דאָס שבת פּראַוועז אָבער, וואָס איך האָב פריער געזען, איז פאַר־געקומען, צווישן די פּאַרמאַכטע פיר ווענט און די זמירות־ניגונים, האָבן זיך געכאַוואַליעט און זיינען דערגאַנגען, נאָר צום באַלקן אַרויף.

שבת פּראַווען, אין גאַס אַרויס, אין דרויסן — זמירות־ניגונים, וואָס צעטראָגן זיך, איבערן חלל, אין דער וועלט אַרײַן?

איז דאָס אַ חלום?!

ניין, עס איז ניט געווען קיין חלום. איך בין געשטאַנען, פעסט אויף דער ערד! אויף דער ערד פון ישראל, ביי דער טעראַסע פון אַ ישראל־ייד, וואָס האָט געזונגען, ווי אַ פרײַער און באַפרײַטער.

.1960

ביי אַן אַראַבישן עקס־חבר־הכנסת

אין דעם דאָרף, באַקאַ על גאַרביע, האָרט ביים ירדנישן גרעניץ, האָבן מיר, פיר יידן, אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, בײַם אַראַבישן עקס־חבר־הכנסת, פריס חאַמדאַן. ער איז איינער פון די רײַכסטע אַראַבער פון דעם המשולש. ער איז אין שותפות, מיט אַ יידן, אין איינער פון די גרעסטע קאָנסערוון־פאַבריקן פון לאַנד.

ער וווינט אין אַ לעגענדאַריש־פּרעכטיקן פּאַלאַץ, וואָס איז אַרומגערינגלט, מיט פאַרמויערטע הויכע ווענט — קאָנטיק, כדי אַ שלעכט אויג זאָל דאָרטן ניט שולט זיין...

אַחוץ אונדז — די יידישע געסט — האָבן זיך דאָרטן געפונען, אַ פּאָר אַראַבישע פרײַנד פון באַלעבאָס.

אין זאַל פון פּאַלאַץ, וווּ מיר זײַנען אויפגענומען געוואָרן, האָט געהערשט, אַן אוראַלטע שטילקייט — און אַז אימיצער האָט שוין אויסגערעדט אַ וואָרט, איז עס פאַרשלונגען געוואָרן אין חלל אַרײַן, איז עס פאַרטראָגן געוואָרן, צו דעם הויכן, הויכן, אָוואַלן סופיט אַרויף.

מיר זײַנען באַדינט געוואָרן, מיט דער ספּעציעלער, כאַראַקטער־ריסטישער, הכנסת־אורחימדיקער מידה, וועלכע מען זעט נאָר אין אָריענט.

קיין פרויען־וועזן פון די הויז מענטשן, האָט זיך ניט באַוויזן.

אונדזער געשפּראַך איז געפירט געוואָרן אין עברית. דער באַלעבאָס, אין געוועזן קאַרג אין רייד און מיר — פיר יידן — האָבן זיך געפילט פרעמד. מיר זײַנען טאַקע געווען אין מדינת־ישראל, אָבער דאָך אין אַ פרעמדער וועלט — פיר יידן אין אַן אַנדער וועלט — נאָענט פון דער

ירדנישער גרעניץ, אַרומגערינגלט מיט טויזנטער אַראַבער און אין אַ וועלט פון טויזנטער יאָרן אויף צוריק.

איינער פון אונדז האָט אַ פּרוּוו געטאָן צו ריידן וועגן שלום. אָבער פּריס חאַמדאַן, האָט אַ זאָג געטאָן: שלום, יאָ, שלום דאַרף קומען פון אַלע צדדים. זײַנע רייד, זײַנען געווען געוויקלט אין אַ מין באַהעל־טעניש און מיר האָבן ניט גוט — און ספקדיק — פאַרשטאַנען זײַן באַמער־קונג — מיר האָבן ניט געוווסט, הלנו הוא או לצרנו — צי איז ער אַ פרײַנד, אָדער אַ פיינט...

פּלוצלינג איז די אָנגעצויגנקייט און די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן.

אין זאַל איז אַרײַנגעשפּרונגען אַ מיידעלע פון אַ יאָר 4—5. זי האָט זיך באַלד צוגעקלעפּט צו דעם שויס פון פּריס חאַמדאַן, וועלכער האָט צאַרט געגלעט די שוואַרצע, גלאַנציקע האָר פון איר קעפּל און זי פּאַטערלעך אַרומגענומען אין זײַנע אָרעמס, ווי אָן אַנגעלייגטן ווען אויף דער וועלט — און אירע אויגעלעך האָבן געפּלעמלט, מיט סודות פון לעבן.

דאָס איז געווען דאָס מיידעלע, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די פליינען פון מדבר־סיני — בעת דער אַקציע — אַ לעבעדיקע, ביי דער ברוסט פון איר טויטער מאַמען. די ישראל זעלנער, האָבן זיך אַרום איר מטפל געווען און דער דעמאָלסטיקער חבר־הכנסת, פּריס חאַמדאַן, האָט איר אַדאָפּטירט פאַר זײַנער אַ טאָכטער.

.1960

אין אַ געצעלט פון אַ בעדווינער

אַ גרופּע חברים פון רמות־מנשה, זײַנען געווען אײַנגעלאַדן, אויף אַ מאַלצײַט, צו אַ בעדווינער.

די בעדווינער־משפּחה האָט געוווינט אין די הרי־אפרים, ניט ווייט פון קבוץ. דער עלטסטער פון דער פאַמיליע איז געווען אַ שומר פון קרן־קימת און זייערער אַ זון, אַ בחור פון אַ יאָר 18, האָט געאַרבעט אויף שכירות, אין רמות־מנשה.

דער זון פון דער בעדווינער־משפּחה, האָט עס געגעבן דעם מאַלצײַט, פאַר אַ גרופּע חברים פון קבוץ, לכבוד דעם, וואָס זײַן אַרבעטס־שעף, אַ חבר פון קבוץ, האָט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע און איז געזונט געוואָרן.

מיר זײַנען אָנגעקומען צו דעם בעדווינער געצעלט, אַרום האַלבן טאָג.

אין דרויסן, האָט די זון, געברענט און געבלענדט. אונטער די דיקע, שוואַרצלעכע שטאָפן, פון וועלכע דער געצעלט איז אויפגעשטעלט, האָט איר די היץ ניט געשפּירט.

דער צעלט איז געווען פאַרשפּרייט און אויסגעבעט, מיט דעקעס און קישעלעך. די קישעלעך זײַנען געווען אויסגעלייגט אין אַן עגול. מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעלייגט, אין אַ קרייז, — אָנגעלענט אָן די קישעלעך, ווי פּסח צום סדר — טועם געווען פון דעם געשמאַקן כרמל־ווייַן, פאַרביסן מיט ניסלעך, ראָזינקעס און אַנדערע זיסוואַרג און געמיטלעך געשמועסט.

אַז עס איז געקומען צום עסן, צו דער סעודה, האָט דער פאָטער פון דער משפּחה, — אַ פעט־לײַביקער און בײַכיקער — זיך אויפ־

געשטעלט און מיט אַ באַזונדערער צערעמאָניע, מיט אַן אויסערגעוויינט־לעכער שנעלקייט, פֿאַרוואַנדלט דעם צענטער פֿון קרייז, אין אַן עס־פּלאַץ.

דער דאָזיקער צענטער פֿון דעם צעלט, וואָס האָט געדאַרפֿט דינען, אַלס אַ במקום־טיש, איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן, מיט אַ טונקעלער דעקע, — עלעהיי אַ טישטעך — און איבער די ברעגעס פֿון דער דעקע, האָט ער אַרום און אַרום — מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער געשיקטקייט — פֿון דער הויך, אַראָפּגעוואָרפֿן, די פּתות (אַזעלכע ברויטן, וואָס זעען אויס, ווי דיקע, ווייכע מצות) און געטראָפֿן מיט זיי, לעבן יעדער איינעם פֿון אונדז.

נאָך דעם זײַנען, איבער אונדזערע קעפּ, געפֿאַלן לעפֿל־גאָפּל־מעסער, וואָס האָבן אויך געטראָפֿן, לעבן יעדערן.

עס האָבן זיך באַוויזן לעבן די פּתות און לעפֿל־גאָפּל־מעסער, צוויי ליימענע שיסעלעך, אָנגעפּילט מיט שאָפֿן־פֿלייש, וואָס זײַנען געקאָכט און צוגעגרייט געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און געהאַט דעם טעם פֿון מעדני־מלך. אין צענטער זײַנען געשטאַנען פּאָלומיסקעס מיט פֿײַן־צוגעפּראַוועטן רײַז.

נאָכן מאָלצײַט, האָט מען דעם עולם סערווירט, אַזאַ מין קעפֿיר און שוואַרצן, טערקישן קאַווע, צו וועלכן עס איז געווען צוגעגעבן אַ פּאָר טראָפּנס פֿון אַזאַ מין אייל.

די גאַנצע צייט פֿון מאָלצײַט, האָט זיך אין געצעלט, ווו די געסט האָבן זיך געפֿונען, ניט באַוויזן קיין פֿרוי. די פֿרויען זײַנען געווען אין צווייטן, זייטיקן טייל פֿון דעם געצעלט.

עס האָט זיך נאָר, פֿון צווייטן טייל געצעלט, פֿאַרגנבעט, צווישן אונדזערע פֿיס, אַ קליין ציקעלע, וואָס האָט איבערגעלאָזן שפּורן פֿון איר באַזוך.

פֿון צווישן אַ שפּאַלט פֿון ברעזענט, וואָס האָט צעטיילט דעם געצעלט אויף צווייען, האָבן אַרײַנגעקוקט אַ פּאָר פֿײַערלעך, וועלכע האָבן באַלויכטן דעם טונקלען פּנימל פֿון אַ קליין, בעדויִניש מיידעלע, וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן די נײַגעריקײַט.

מיר זײַנען אַרויס פֿון דעם צעלט און זיך געלאָזט גיין צום טענדער.

פון דעם צעלט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן, עטלעכע בעדויִנישע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך גלײַך באַוויזן צו פאַרחברן, מיט די קינדער פון קבוץ. נאָך דעם איז אַרויס די גאַנצע בעדויִנער־משפחה, אונדז צו באַגלייטן.

עס זײַנען געקומען פרײַנדלעכע געזעגענונגס־אויסרופן: שלום! שלום! און אַ וויטעווען מיט די הענט.

די זון האָט געשײַנט, פאַרפלייצט די וועלט מיט ליכטיקייט.

איך בין געשטאַנען, באַוואונדערט דעם ליכטיקן אַרום און געטראַכט: ניט דער ווינט, ניט דער שטורעם, וועט אַראָפּרײַסן און פאַרטראָגן, די בעדויִנער, טונקעלע צעלטן, נאָר די ליכטקייט, וואָס וועט זיך אײַן זיי אַרײַנרייסן, וועט זיי אויפרײַסן און וועט אַרויסהויבן זייערע באַוויינער פון דער נידער צו דער הויך...

.1960

אַ חתונה אין קבוץ

עס איז אַ חתונה אין קבוץ. די כלה איז חנה ראָזענטאַל, אַ האַלבע יתומה. זי איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד און דער שטורעם פון לעבן האָט איר פאַרטראָגן אַזש קיין באַליוויע און פון דאָרטן זי צוריקגעטראָגן און געבראַכט צום לאַנד פון אירע אבות.

חנה געפינט זיך אין קבוץ אינגאַנצן אַ פּאָר יאָר.

— דער חתן — איז אלימלך גם־זו.

— אַ מאָדנער נאָמען, זאָגט איר? איאָ?

— טאַקע אַזוי, — אַ מאָדנער.

איז אַז איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן אַ סוד פון חדר, אַז אַ מאָל האָט ער, דער חתן, אַנדערש געהייסן. ער האָט אַ מאָל זיך גערופן ריינאַלדאָ גאָמעז. איז פון ריינאַלדאָ געוואָרן אלימלך און פון גאָמעז — גם־זו.

אלימלך איז געבוירן געוואָרן אין דעם ווײַטן דרום פון טשילע און האָט דאָרטן געהערט צו אַ ייִדישן שבט „היכאָס דע סיאָן" — בני־ציון.

אלימלך איז געוועזן... אלימלך איז געוועזן...

נאָר צו וואָס זאָל איך אײַך דערציילן, וואָס ער איז געוועזן. לאָמיר אײַך בעסער דערציילן וואָס ער איז געוואָרן, וואָס ער איז. — ער איז געוואָרן אַ ריכטיקער ייד, אַ ייד ווי עס באַדאַרף צו זײַן, כדין וכדת, ונפשו חשקה בארץ־ישראל.

אלימלך איז אַ וותיק אין קבוץ אור הנר. ער איז אין לאַנד אַזוי פיל צײַט, וויפל דער קבוץ איז אַלט — אַ זעקס־זיבן יאָר.

אלימלך איז איינער פון די גרינדער פון אור הנר, פון זײַנע

ראשונים, ווי מען רופט עס. ער האָט צעאַקערט זײַן ערד, געפלאַסטערט זײַנע וועגן, אויסגעלייגט אין ברייטע, שטיינערנע טרעפּ זײַנע בערגלעך, געבויט זײַנע הייזער, זיי געמאָלן און געפּוצט און וואָס אַלץ האָט ער נישט געטאָן אין קבוץ!

אלימלך איז אין קבוץ נישט סתם עפּעס אַ נאָמען, נאָר אַ שם־דבר. אלימלך אַהער און אלימלך אַהין. וכל דבר הקשה איז — אלימלך.

אַחוץ אַלעמען, טיילט זיך אלימלך אויס מיט זײַן גוט־חברשאַפט, גוט־ברודערשאַפט און גוט־פרײַנדשאַפט.

דעם רחבת־הלב האָט ער פון זײַן לאַנד געבראַכט, פון טשילע, וואָס איז פול מיט שפע און מיט ליבע.

— —

— —

דער טאָג האָט אויסגעצאַנקט מיט זײַן לעצטן ברען. די זון איז אין שהיות, אין שפּילערײַען פאַרגאַנגען און פאַרזונקען. די נאַכט האָט פּאַוואָלינקע, בנעימות, געבומען פּאַכען מיט די צווײַגן פון די ביימער. אַ ווינטל האָט געגלעט די אָנגעהיצטע שטערנס פון די מענטשן און אַ ביסל אָפּגעקילט די אָנגעהיצטע לופט. אין די קיבוצים־שטיבלעך האָבן זיך צעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן און זיך צעפינקלט אין דער ווייטקייט פון דער נאַכט.

אויף דער רחבותדיקער טעראַסע פון דעם היכל־התרבות, אין אור־הנר, האָבן זיך די פּראָיעקטאָרס צעטאָגט, געוואָרפן גאַרבן ליכט און גערופן די חברים: מאַכט זיך גרייט, קומט, איר זײַנט פאַרבעטן — אלימלך און חנה גייען הײַנט צו דער חופּה.

דער אַרום פון היכל־התרבות איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט ווייסע העמדער און בלוזעס פון יונג און אַלט, קינד און קייט. די ווײַסקייט האָט געגלאַנצט אַנטקעגן דער ליכט פון די לאָמפּן און אָפּגעבלאַנקט אין דעם הינטערגרונט פון דער נאַכט.

פון דעם ים מיט ווײַסקייט אַרויס, האָט זיך קענטיק געשוואַרצט אַ דינע פיגור — דין ווי אַ לולב. די פיגור איז געווען אָנגעצויגן מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, אָנגעטאָן אין שוואַרצע הויזן, שיך און זאָקן.

אויפֿן קאָפּ איז געזעסן אַ קליין, שוואַרצע יאַרמלקע, וואָס האָט נישט געקאָנט צודעקן די שוואַרצע האָר־געדיכטעניש. דאָס טונקעלע פּנים איז געווען באַזוימט מיט אַ קליין, צוגעפּוצט, שוואַרץ בערדל און פֿון אונטערן שטערן האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע אויגן, נישט נאָך דער גרויס נאָך פֿון דעם גוף. אַלץ איז אין דעם גוף געווען שוואַרץ, ווי אויף צו־להכעיס דער ווײַסקייט וואָס אַרום.

עס האָט אויסגעזען, ווי דער דאָזיקער גוף וואָלט זיך אויף אַ ווײַל אָפּגעריסן פֿון דער נאַכט, וואָס איז געשטאַנען הינטערן קבוץ, כדי זיך דאָ אַ באַווײַזן צו טאָן מיט זײַן אַנדערשקייט און אַז דערנאָך זאָל ער צוריק פֿאַרשווינדן אין דער נאַכט אַרײַן.

דאָס איז געווען דער רב פֿון דעם דערבײַיִקן שטעטעל, אַן אַנטרונענער פֿון מאַראָקאָ. ער איז דאָס געקומען אַהער צו דער חתונה, כדי אויפֿצומאָנען די צינזן, וואָס דער קבוץ דאַרף צאָלן דער עפֿנטלעכקייט...

פֿון דער כלהס וווינונג ביז צום היכל־התרבות איז אינגאַנצן עטלעכע שפּאַן. פֿונדעסטוועגן זײַנען די קבוצניקעס נישט מוותר אויף דעם צערעמאָניאַל. — מען ברענגט די כלה צופֿירן, מיט גרויס פּאַראַד, אויף אַ טראַקטאָר. דער טראַקטאָר איז אײַנגעטונקען אין גרינס און באַצירט מיט בלומען און מיט פּאַלמען־צווײַגן. אינעווייניק זיצט די כלה, אַן אויסגעפּוצטע אין דעם טראַדיציאָנעלן ווײַסן קלייד און שלייער. פֿון פֿאָרנט אָרודעוועט דער טראַקטאָרשטשיק, אַ צעשײַנטער.

אויף צוויי ווידלעס און צוויי ביקסן — דער סימבאָל פֿון אַרבעט און גבורה — אין די הענט פֿון פֿיר חברים, שפּרייט זיך די פֿאָן פֿון קבוץ. דאָס איז די חופּה, אונטער וועלכער מען פֿירט חנהן מיט אלימלכן.

דער רב ציקלט אָפּ אײַנטאָניק דאָס וואָס ער דאַרף, און די צערעמאָניע גייט ווידער איבער אין די הענט פֿון די קבוצניקעס.

אַ חבר נעמט אויף די נײַע משפּחה פון קבוץ און נאָך דעם לייענט אַ פּאָרל, וואָס האָט חתונה געהאַט פריער, פּאָר חנהן און אלימלכן — אַ מין מגילה, געשריבן אויף פּאָרמעט — און גיט איבער די דאָזיקע מגילה צו חנהן און אלימלכן. חנה און אלימלך וועלן נאָך דעם איבערגעבן די זעלבע מגילה צו דעם פּאָרל, וואָס וועט חתונה האָבן נאָך זיי.

פון דער חופּה גייט דער גאַנצער עולם אין עס־זאַל. דער זאַל איז פאַרפלייצט מיט ליכט. ביר און מיץ גיסט זיך ווי וואַסער. עס פעלט אויך נישט קיין אכילה און עוגות שטייען אויפן טיש צו פאַרטיילן אַ וועלט.

אויף אַ וואַנט פון חדר־האוכל איז אויסגעמאָלט אַ האַרץ מיט אַן איבערשריפט — באַליוויע. אַן אָנגעשטאָפּטע פיגור, אין אַ כאַקע־העמד און הויזן און אַ פענדזל אין האַנט — וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אלימלכן אַלס מאָלער — קלעטערט אויף אַ לייטער צו דערגרייכן דאָס האַרץ פון באַליוויע...

אַ יום טוב אין כפר חב״ד

מוצאי שבת. די נאַכט איז צוגעפאַלן מיט אַ ים חושך. דער דרויסן איז געהילט אין פינצטערניש, און נעפּל. עס מראַקעט אַ דינער רעגנדל. די אויטאָמאָבילן ציען זיך לאַנגזאַם איבערן כביש, וואָס פירט צו ירושלים. די טרײַבער פירן זייערע וועגענער פאַמעלעך, ניט ווי דער שטייגער אין ישראל. די רעגן ווישערס באַוועגן זיך צום טאַקט — טיק־טאַק, טיק־טאַק. פון אַ פּאָר קילאָמעטער די ווײַט פון כפר חבד, וואָס פאַרנעמט זיך צו לינקס פון כביש, באַווײַזט זיך אַ ליכט פון פּראָזשעקטאָרס, וואָס ווערט געוואָרפן פון די פּאָליציי־אויטאָמאָבילן. דאָס ווײַזן זיי אָן דעם וועג צום חבדישן דאָרף, ווו עס קומט פאָר, הײַנט, אַ גרויסער יום טוב — 165 יאָר זינט דער באַפרײַונג פון דעם אַלטן רבין, דעם אדמור, ר׳ שניאור זלמן מליאדי, און 150 יאָר פון זײַן נסתלק ווערן.

אונדזער אויטאָ־טרײַבער, אַ יונגער האָלענדישער חבדניק, פירט זײַן מאַשין מיט אַ באַזונדערער כוונה — מיט דערוואַרטונג פאַר אַן אויסערגעוויינטלעכער איבערלעבונג.

מיר זײַנען אַרײַנגעפאָרן אויף דער טעריטאָריע פון כפר חבד — אַ שטיק ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ פינצטערער וועלט...

דער וועג איז באַלויכטן מיט גרויסע, העלע לאַמטערנעס און באַשנירלט מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס שײַנען אַרויס פון דער פינצטערניש, ווי ליכטיקע איידל־שטיינער.

פון ביידע זײַטן וועג, אין שטעטל, — רייען שוטרים און פּאָליציי־אָפיצירן.

שיכונים ליגן אויסגעשפּרייט איבערן שטעטל און פון צווישן

זיי הויבן זיך אַרויס גרעסערע געבײַדעס — בית ספר לדפוס (אַ דרוקערײַ שול), בית ספר לחקלאות (אַן אגריקולטור שול), בית ספר לנגרות (אַ שול פאַר סטאָלערײַ).

דאָס באַווײַזט, אַז די חבדניקעס האַלטן פון דעם טוב תורה עם דרך ארץ, אַז די תורה איז ניט קיין לופט זאַך, נאָר זי דאַרף זיך אויסמישן מיטן לעבן אַליין.

און אָט זײַנען מיר אָנגעקומען צו דעם ריכטיקן פּלאַץ — צו דעם מקום התורה — צו דער גרויסער ישיבה, וווּ עס לערנען הונדערטער יידן. זיי לערנען און אַרבעטן. די ישיבה — אַ שטיק טאָג אינמיטן דער נאַכט.

אַ טויזנט קעפּיקער עולם זעט זיך אַרויס פון די אָנגעצונדענע פענצטער. די „פּאַרכאַפּערס" זיצן אַרום טישן און הונדערטער שטייען — נײן, זיי שטייען ניט, זיי באַוועגן זיך — אַרום די ווענט, אויף די אויסגעבויטע גאַלעריעס.

בערד, בערד — שוואַרצע און ווײַסע, גרויע און געלע, בלאָנדע און שאַטענע — און אָנבערדיקע פּנימער. אין אַלעמענס אויגן ברענט אַ פײַער.

דער עולם איז דורכגעשפּרינקלט מיט שוואַרץ פון קאַפּאָטעס, מיט ווײַס פון העמדער און מיט דעם גראָז־גרין פון אָפיצערישע, חילישע און שוטרישע מונדירן.

עס איז אַ געמיש פון מענטשן, תושבים פון כפר חבד, מיט דעפּוטאַטן, מיניסטאָרן, שטאָט־פּאַרוואַלטערס, שרײַבערס, לערערס, פּראָפעסאָרן, סוחרים און אַרבעטער — געסט, וואָס זיינען געקומען פון גאַנצן לאַנד, און צווישן זיי די העכסטע פיגור פון דער מדינה, דער נשיא פון ישראל, ר' שניאור זלמן שזר.

עס ווערט פאַרצויגן אַ ניגון נאָך אַ ניגון און דער עולם קען מער ניט אײַנזיצן, קען מער ניט אײַנשטיין אויף די ערטער. ער לאָזט זיך אַוועק אין אַ טאַנץ. ער טאַנצט ניט אויף דער ערד. ניטאָ מער קיין ערד... ער טאַנצט אויף די טישן. ער דערהויבט זיך העכער, העכער.

עס טאַנצט דער ישיש, הרב גאָלדשטיין, דער מרא דאתרא פון

כפר חבד, וואָס אַז ער האָט ערשט גערעדט, האָט מען אים קוים געהערט. עס טאַנצט אַ יונגער רב, וואָס די בינע ברעכט זיך אונטער זײַנע פּיס. עס טאַנצט, אויף אַ שמאָלער באַנק, אַ ייד אין כאַקע הויזן און אַ ווײַסן העמד, וואָס איז פּאַרדעקט מיט אַ געראָטענער, שוואַרץ — באַזילבערטער באָרד. זיין גוף איז עלאַסטיש. זײַנע גלידער זינגען אויס דעם פאַרצויגענעם ניגון און זײַנע אויגן שיטן מיט פײַער. עס טאַנצט אַ 50 יעריקער, רוסישער ייד, אַ גבר, האַנט אין האַנט געפלאָכטן מיט אַ יונגן, דאַרן, שוואַרץ־בערדיקן תימנער, וואָס זעט אויס קעגן אים ווי אַ קאַרליקל.

עס טאַנצן זקנים און קינדער. עס טאַנצן די שוטרים — וועמען זאָלן זיי דאָ היטן — עס טאַנצן טויזנטער יידן — בערדיקע און אָן בערדיקע. עס טאַנצן די שטעקנס. עס טאַנצן די שירעמס. עס טאַנצן די ווענט. אַלץ טאַנצט. אַלץ וויגט זיך. עס וויגט זיך די גאַנצע ישיבה.

און דער אַלטער רבי, דער רבי פון ליאַדי, האָט דאָרטן אויך געטאַנצט. ער איז דאָרטן געווען.

מיין שטעטעלע בעלז

אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט. אַ דריבנער רעגנדל מראַקעט. מען קען ניט זאָגן, אַז דער אינדרויסן קריכט אין די ביינער אַריין, ווײַל עס איז ניט קאַלט. נאָר אין דער נשמה קריכט ער יאָ אַריין און פאַר־מערט דעם אומעט.

איך שטיי אין דער ריי בײַ דעם אויטאָבוס, דאָרטן ווו ער פאַרמירט זיך. די ריי איז גרויס, — אַ לאַנגער עק.

פון דער ווײַטן דערטראָגט זיך אַ טרויעריק געזאַנג. דאָס קול איז פון אַ פרוי.

איך דערנענטער זיך צו דער זינגערין. אונטערן דעכל פון דער „תחנה" שטייט אַ פרוי פון אַ יאָר 18־19, וואָס זעט אויס אויפן ערשטן בליק פון 30, מחמת איר אַפּגעלאָזנקײט. די קליידער הענגען אויף איר. די שיך צעפּאָרן. דאָס פּנים צעוירן. אויך איר זינגען איז אַן אַפּגעלאָזנס, אַ צעקראָכנס. זי איז אַרויסרופעריש בלאָנד.

זי זינגט אין יידיש. אין אַ פרעמדן יידיש. די למדן זײַנען ווייכע. די ווערטער ניט קיין גאַנצע, ניט קיין דערזאָגטע. זי געהערט ניט צו דער אשכנזישער עדה.

וואָס זינגט זי ?

איך בין שוין נאָענט פון איר.

יאָ. זי זינגט „מײַן שטעטעלע בעלז".

— מײַן שטעטעלע בעלז, מיין היימעלע בעלז.

דער פאַרנאַכט איז טרויעריק. דאָס געזאַנג איז טרויעריק.

איר אויסזען איז טרויעריק און זי אַליין איז אַ שטיק טרויער. זי זינגט אַ לידל וואָס צופּט ביים האַרצן. זי זינגט אַ יידיש לידל. מיט

אַ יידיש לידל — ווייסט זי — דערגייט מען צום מענטשלעכן האַרץ.
זי זינגט בעלז מײַן שטעטעלע, מײַן הײמעלע בעלז.
אוי!
מײַן שטעטעלע בעלז,
מײַן הײמעלע בעלז...

דאַמען־רעכט

דער אויטאָבוס גייט אַ געפּאַקטער. די חמימה איז גרויס. קיינעם גלוסט ניט אָפּצוטרעטן זײַן פּלאַץ, מעג דאָס זײַן פּאַר אַ זקן — כאָטש אַלע האָבן דאָ געלערנט דעם „מפּני שיבה תקום" — מעג דאָס זײַן פּאַר אַ פרוי — כאָטש עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מין זאַך ווי דאַמען־רעכט. מען האַלט זיך אָן אָן די שטאַנגען, מען דרייט נערוועז די לעדערנע אויערן, וואָס הענגען אַראָפּ פון זיי, מען שאָקלט זיך, מען וואַקלט זיך, מידע און פאַרחלשטע.

אַנטקעגן מיר שטייט אַ פאַרפּאַלק, — תימנער. ווערליק אַ תימנער, זעט דער מאַן אויס אַ גבר: העכער פון מיטל־וווּקס, ברייט־פּלייציק און אַ ביסל באַלײַבט. ווען ניט זײַנע פּאות און די פינף־חלקימדיקע באָרד — צוויי ברעגעס אונטער די פּאות, צוויי ברעגעס בײַ די קין־באַקן און איין ברעג אויף דער מאָרדע (אַ באַשטעטיקונג, אַז ווען מען גאָלט זיך איז מען עובר אויף פינף לאווין) — ווען ניט דאָס ברענענדיקע פײַערל אין זײַנע אויגן, וואָס האָט געשײַנט מיט בטחון און גוטסקייט, און ווען ניט זײַנע דיקלעכע ליפּן, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט פון צײַט צו צײַט אין אַ נאַכגיביקן, נעבעכדיקן רחמנות־שמייכעלע, וואָלט איך אים ניט אָנגענומען פאַר קיין יידן, מחמת זײַן קורצע, געראָטענע פלײשיקע נאָז און צוליב די אַנדערע סלאַווישע שטריכן פון זײַן פּנים. און זײַן פלוניתקע, אַ באַלײַבטע, מיט אַ פאַרריסענעם נעזל, מיט אַ קאָלירט טיכל אויפן קאָפּ, וואָלט מען געקענט אָננעמען פאַר אַ היימישער גויה, ווען זי שטייט ניט לעבן אים, דעם באַבערדלטן און באַפּאותטן.

דער געוואָגטער נהג רודערט מיט געשיקטקייט און זיכערקייט די ריזיקע מאַשין און פירט זי אַרויס, קונציק, פון אַלע שמאָלע געסלעך.

מ׳יר דערנענטערן זיך צו דער תחנה־המרכזית. דער עולם ווערט שיטערער. עס ליידיקט זיך אָפּ אַ זיץ־פּלאַץ לעבן דעם תימנישן פּאַרפּאַלק. מאַן און ווײַב קוקן זיך איבער. זי וואַגט זיך ניט צו זעצן. ער קוקט זיך אַרום. ער ווייסט בײַ זיך, אַז אים קומט דער זכות צו זעצן זיך. זײַן אָנזען קען נאָך פאַלן בײַ זײַן אשה. אָבער ער דעצידירט זיך שנעל. עס פּאַסט ניט. אין דער היים וועט ער דאָס זײַניקע אָפּנעמען. ער גיט אַ מורמל צו איר און זי זעצט זיך, אַ ניט דרייסטע, אויף אַ האַלבן בענקל.

דער תימנער שמייכלט ביטערלעך אין די וואָנצעס אַריין מיט זײַנע טונקעלע, שיטערע, קליינע ציינדלעך:

אַזאַ מין אָנשיקעניש גאָר אויף מיר — דאַמען־רעכט.

בעטלער

בײַ דעם אויטאָבוס 4, אין תחנה המרכזית, איז די ריי תמיד אַ לאַנגע און אַ באַוועגלעכע. די אויטאָבוסן שטייען אויך אין אַ ריי. זיי פּילן זיך אָן איינער הינטערן אַנדערן און נײַע קומען אָן. טויזנטער, טויזנטער מענטשן גייען דורך צווישן צוויי אייזערנע באַריערן. נישט ווייניקער פון צוויי בעטלערס „באַדינען" די דאָזיקע ריי.

שטייט איין בעטלער הינטער דער זײַט פון דעם אײַזערנעם באַריער. ער איז אַן עלטערער מענטש, מיט אַ פאַרמעט פּנים, אַן אַ חתימת זקן. זיינע אויגן זײַנען ווײַס, אָפּן צו דער ווײַט און זעען גאָרנישט. ריידן קען ער און רעדט נישט. זיינע ליפּן ליגן שמאָל אויסגעלייגט, ווי פּאַר'נדר'טע. צו וואָס זאָל ער ריידן?! — זיין עלנט פּנים שרײַט. זיין ווײַטער, בלינדער „קוק" בעט.

ציען זיך די הענט פון די ריי־פאַרבייגייער צו אים, און זײַן בלעכענע פּושקע שרייט מיטן אָפּקלאַנג פון די ביליקע מטבעות, וואָס קלאַפּן איר אָן.

ביי דעם אַרויסגאַנג פון אויטאָבוס שטייט דער צווייטער בעטלער, אַ יינגערער, מיט אַ קאַלטענעוואַטער, אָן קאָליריקער באָרד. ער האַלט אין איין מאָנען, אין איין שרייען און סטראַשען:

— אַ ייד דאַרף געבן צדקה. אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז מען דאַרף געבן צדקה. דער וואָס גיט נישט קיין נדבה, איז בכלל קיין ייד נישט. גיט אַ נדבה, יידן רחמנים!

ער שרייט. זיין בלעכענע פּושקע בראַזגעט מיט אַ פּאָר מטבעות, אָבער דעם עולם הערט נישט.

דער עולם האָט דערהערט דעם שטומען געבעט פון דעם ערשטן.

אַשכּנזים־דיסקרימינאַציע

די לעווינסקי־גאַס איז שמאָל. דער פּאַרקער איז גרויס. דערצו איז נאָך די לינקע זייט גאַס פֿאַרשטעלט מיט אויטאָמאָבילן. עס ציט זיך אַ קאַראַוואַן פֿון כלערליי מאַשינען. אין מיטן פּאָרט איינער אויף אַ דריי־רעדערדיקן מאָטאָציקל. הינטער אים פּאָרט אַ שווערער טראַק. דער מאָטאָציקל־פֿאָרער דערשפּירט הינטער זיך די שווערע מאַשין, איר דערנענטערן זיך צו אים. ער צעטומלט זיך, פֿאַרלירט זיין רויִקייט און פֿאַרנעמט זיך אויף לינקס, כדי זיך אָפּצושטעלן. ער באַוויַזט דאָס נישט און שטויסט זיך אָן אין אַ שטייענדיקן אויטאָ. זיַן פֿאָדערשטער לאָמטערן ווערט דערביַי צעשעדיקט. הינטער אים בלײַבט שטיין דער טראַק. ביידע מאַשין־פֿירער שפּרינגען אַראָפּ פֿון זייערע וועגענער און בלײַבן שטיין, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי די העגנער. דער מאָטאָציקליסט מאָנט „פּיצויים” (שאָדן־פֿאַרגיטיקונג) פֿאַר זיַן לאַמטערן, בײַם שאָפֿער פֿון טראַק. דער לעצטער טענהט, איך בין דאָך ניט שולדיק. דו האָסט זיך דאָך אַליין אָנגעשטויסן, האָסט זיך דאָך צעשעדיקט פֿון פֿאָרנט. די קולות ווערן שטאַרקער. דער מאָטאָציקליסט לאָזט ניט אָפּ דעם שאָפֿער פֿון טראַק. דערוויַל קלײַבט זיך אָן אַן עולם פֿון נײַגיריקע און עס קומט אָן אַ שוטרת — אַ קליינינקע, אַ מאָגערע, אַ טונקעלע. די גאַנצע שוטרת קען אַ ווינטעלע אַוועקטראָגן. די שוטרת נעמט זיך צו איר געווער — צום ביכעלע און בלײַפעדער. דער טראַק־שאָפֿער הייבט אויף זיין קול: — היתכן!

— אויף וועמען שרייסטו? — זאָגט געלאַסן די שוטרת און פֿאַרריכט דאָס שיפּעלע־היטעלע אויף איר שוואַרץ־האָריקן קאָפּ. דער שאָפֿער ווערט געלאַסענער, נעמט אַרויס צוויי לירות פֿון קעשענע.

— ניין, נאָר פינף לירות — שרײַט דער מאַטאָציקליסט.

— סטײַטש, אַ נײַער לאַמטערן קאָסט דאָך נישט מער ווי צוויי לירות מיט עפּעס.

— נאָר פינף לירות!

— נאָ דיר פיר לירות.

די שוטרת נעמט זיך צום בלײַפעדער.

דער מאָטאָציקליסט שפּירט די שוואַכקייט פון שאָפער. ער וויס, אַז דער שאָפער וויל ניט האָבן קיין צעטל פון דער פּאָליציי און האַלט זיך בײַ זײַניקע.

די שוטרת שמייכלט און זאָגט: נו, גיב אים שוין די פינף לירות — מה בכך.

דער שאָפער דערלייגט אים די פינפטע לירה און לאָזט זיך אַ ברוגזער צו זיין מאַשין.

אַ רעדל־שטייער זאָגט צו מיר: ער וועט שוין הײַנט נישט אַרבעטן, דער שנאָרער, דער פרענק. ער האָט שוין געמאַכט זײַן טאָג.

ערשט דאַן פאַרשטיי איך, אַז דער שאָפער פון טראָק איז אַן אַשכנזי און דער מאָטאָציקליסט איז אַ פּרענק. איך, דער גרינער, האָב לכתחילה געמיינט, אַז ביידע זיינען זיי ספרדים. כדי זיך צו איבערצייגן, רוף איך זיך אָפּ צום שאָפער: דער פּסק פון דער שוטרת איז געווען נישט קיין גערעכטער. דו ביסט נישט שולדיק.

— זאָל ער זיך שטיקן מיט די פינף לירות. איך בין צופרידן, וואָס איך דאַרף נישט האָבן צו טאָן מיט דער משטרה — ענטפערט מיר דער שאָפער אין אַ ליטווישן יידיש.

אַלע זיינען אַוועק צופרידן: די שוטרת, וואָס מען האָט זיך צוגעהערט צו איר פּסק־דין, דער מאָטאָציקליסט, וואָס ער האָט געכאַפּט אַ פּאָר לירות, דער שאָפער, וואָס ער וועט נישט דאַרפן האָבן צו טאָן מיט דער משטרה, און איך, מיט דעם, וואָס דאָס מאָל איז דיסקרימינירט געוואָרן אַן אַשכנזי.

אפשר וועט דאָס העלפן צו מזוג־גלויות — אפשר וועט זיך דורך דעם אַ ביסל אויסגלײַכן די וואָג.

שומרי התור (היטער פון דער ריי)

דאָס פאָרן אין אויטאָבוס איז אַן אָפּקומעניש. מען פאָרט געפּאַקט, און אין די אויטאָבוסן קומען אָפּט פאָר צוזאַמענשטויסן צווישן די פּאַסאַזשירן. מען הערט געשרייען און זידלערײַען. אַנדערע ווילן האָבן, אַז די דענערווירטקײַט פון די רײַזנדיקע נעמט זיך פון שווערן קלימאַט. אַנדערע טענהן, אַז די ישראלים זײַנען שלעכט דערצויגן און האַרט. איך האַלט, אַז דאָס נעמט זיך גיכער דערפון, וואָס מיר זײַנען אַהער אַנגעקומען פון אַלע גלותן. דאָרטן, פון וואַנען מיר זײַנען געקומען, האָבן מיר זיך ניט צו פיל געשטופּט. מיר האָבן מורא געהאַט פאַר די ידי־עשיו און אַ מאָל אויך פאַרן קול־עשיו — פאַר אַ גוישן קולאַק און אויך פאַר אַ בייז וואָרט פון אים אויף אונדזער יידישן חשבון. אָבער דאָ, ביי זיך אין דער היים, איז עפּעס אַנדערש. נעמען מיר דאָ אָפּ פאַר אונדזער אַמאָליקער קריוודע. מיר נעמען זיך אָפּ איינער ביי דעם אַנדערן — „אַז דו ביסט שוין יאָ אַ ייד, טאָ זײַ זשע ניט קיין שייגעץ!“

ביי אַנדערע אויטאָבוסן זײַנען אײַנגעשטעלט רייען, ביי אַנדערע ניט. און דאָרטן הערשט דאָס געזעץ פון כל דאלים גבר — דער שטאַרקער איז דער גערעכטער. און די „גערעכטע“ זײַנען די יונגע. „אינוואַדירן“ זיי דעם אויטאָבוס. און די לעצטע — די אַלטע — דאַרפן שטיין אויף זייערע מידע פיס, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, ביז זיי זײַנען דערגאַנגען צו זייער היים...

דאָס אַרײַנזאָגן זיך אין די אויטאָבוסן איז געוואָרן אַ מין ספּאָרט. מען איז תמיד גרייט. „דאַוואַי דראַטסיאַ“.

אויך בײַ די אויטאָבוסן ווו עס זײַנען דאָ רייען, געפינען זיך אַזעלכע פרעכע, „פרישע״, וואָס שטופּן זיך אויף כּח.

אין די רייען געפינען זיך אָבער תּמיד אַזעלכע מיני אַפּהיטער פון דער אָרדענונג — שומרי־התור, וואָס דערלאָזן ניט קיין עוולות.

די ריי איז לאַנג. די שעה איז אַ שפּעט־פּאַרנאַכטיקע, ווען מען קערט זיך אום פון דעם אַרבעט. אַלע זײַנען מיד. אַלע ווילן שוין אָנקומען אל המנוחה ואל הנחלה — צו זייער רו און צו זייער היים.

פּלוצים קומט אַ יונגערמאַן און שטעלט זיך אוועק בײַם אָנהויב פון דער ריי. זײַנע אויגן לויערן צו דעם אַרײַנגאַנג פון אויטאָבוס. ער באַטראַכט אַ סטראַטעגישן אָרט צווישן די פּאַסאַזשירן, ווו אַרײַנ־צושטופּן זיך.

פון דער ריי מאַרשירט אַרויס אַן עלטערע פרוי, לאָזט זיך גיין צום יונגערמאַן, שטעלט זיך אַנטקעגן אים פּנים אל פּנים און שרײַט אים אַריין: דאָ איז ניט קיין זשונגל, גיי אַוועק פון דאַנען.

— איך האָב ניט קיין רעכט צו שטיין ווו איך וויל? — שרייט צוריק דער יונגערמאַן.

— האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן.

— איך וויל זיך אײַנקוקן.

— האָסט דאָ ניט וואָס צו זען.

די פרוי איז אַוועק צוריק צו איר אָרט אין דער ריי.

דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין און קוקן.

אין דעם אויטאָבוס איז ער שוין נישט אַרײַן.

ער איז געבליבן וואַרטן אויף דעם אַנדער אויטאָבוס.

איצט איז ער געווען דער ערשטער אין דער ריי.

אַ סוף צום קאָנפליקט

די תחנה־המרכזית איז פאַרגאָסן מיט זון. מענטשן פלייצן אין די טויזנטער. זייער גאַנג שטעלט זיך ניט אָפּ. דער חלל ווערט פאַרהילכט פון אַלערליי אויסרופן פון די גאַסן־פאַרקויפער. צווישן די אויסרופן הערט איר דעם תנכישן: חלב ודבש, חלב ודבש! די סחורות אַליין רופן אויך, שטום, מיט זייער שיינקייט, מיט זייער רייץ און מיט זייער געשמאַק.

בײַ אַ געשטעל שטייען צוויי טונקל־הויטיקע יידן. זיי שרײַען אויס זייער סחורה — פלוימען.

שמונים! שמונים! רק שמונים — סאַנטאַ ראָזאַ! סאַנטאַ ראָזאַ!

זיי דאַרפן נישט שרײַען, די פאַרקויפער.

די פלוימען אַליין רופן די קונים. זיי ווינקען צו זיי, מיט זייער גלאַנציקער, טונקעלער, רייפער הויט, מיט זייער אָנגעקוואָלנקייט. די ברענענדיקע זון מאַכט זיי נאָכגיביק. זיי בעטן זיך ממש: נעמט אונדז צו אײַער גומען. מיר ווערן צעזעצט. פאַרזוכט אונדזער זאַפט און איר וועט זיך דערקוויקן. אונדזער אינגעווייט איז זיס און געשמאַק, מחיה נפשות, און אַז איר וועט קומען צו אונדזער האַרץ און דערפילן אַ טערפקן זויער, וואָס זעצט זיך דאָרטן אָפּ, טאָ פאַרקרימט זיך ניט. דערפאַר איז דאָך דאָס אַ האַרץ, און אַ האַרץ קען תמיד ניט זײַן זיס. נעמט זיך צו אַ צווייטן פלוים און פאַרבײַסט מיט זײַן זיסקייט.

אַרום דעם געשטעל ווערט אַ „סטיסק" — אַ געדרענג. די צוויי פאַרקויפער טיילן זיך אײַן מיט זייערע ראָלן. איינער איז דער „קאַסיר" און דער צווייטער איז דער אָפּוועגער. דער עולם שטופּט די לירהס אין האַנט פון דעם ערשטן, כדי גיכער צו באַקומען דעם קילאָ פון דעם

געשמאַקן מאכל. דער קאַסירער גלעט אויס די לירהס, האַלט זיי אין דער גאַנצער לענג צווישן די פינגער און גיט רעשטע.

אַן עלטערע פרוי, אַ געבויגענע אונטער דעם עול פון די יאָרן און פון די אָנגעלאָדענע קאָשיקעס, וואָס זי טראָגט, בלײַבט שטיין בײַם געשטעל. זי דערלאַנגט דעם קאַסיר אַ לירה. אָבער די פלוימען שמייכלען צו איר: נעם מערער, מיר זײַנען זיס ווי צוקער, וואָס וועסטו אויפטאָן מיט איין קילאָ. זי באַשליסט זיך, דערלאַנגט דעם קאַסיר נאָך אַ האַלבע לירה:

— גיב מיר אָנדערטהאַלבן קילאָ.

דערווײַל האָט דער „קאַסיר" פאַרגעסן אַן דער לירה, וואָס ער האָט שוין באַקומען און מאָנט נאָך 70 אגורות. די פרוי פאַרלאַנגט אָנדערט־האַלבן קילאָ פלוימען און 30 אגורות רעשט.

די קולות טראָגן זיך העכער, העכער און הויבן זיך צום ווײַטן הימל אַרויף.

באַלד געפינען זיך עדות:

— האָסט אים געגעבן אַ האַלבע לירה. איך האָב אַליין געזען.

— יאָ, אָבער פריער האָב איך אים געגעבן אַ לירה.

די פרוי איז שטומפּיק אויף עברית און וואָס זי דערבעדט ניט מיטן מויל, טוט זי דאָס מיט די הענט. זי שטורכעט דעם פאַרקויפער. זי לאָזט אים ניט אָפּ. זי האָט אים שוין צוגעשפּאַרט ביז צו דער וואַנט.

דער פאַרקויפער ווערט צעטומלט פון איר זיכערקייט און רופט זיך אָפּ צו דער פרוי:

— יש לך ילדים? (דו האָסט קינדער?)

— יאָ, ענטפערט די פרוי אַ באַנומענע און לייגט צו אַ האַנט צו די אויגן, ווי בײַם ליכט בענטשן.

דער פאַרקויפער וועגט איר אָפּ אָנדערטהאַלבן קילאָ פלוימען און גיט איר רעשט.

אינעם פּאַרט פון חיפה

אין פּאַרט פון חיפה זשומעט מיט אַ גערעדעריי אין אַלערליי לשונות — יידיש, העברעיש, שפּאַניש, פּויליש און פראַנצויזיש.

ביי אַ טישל קאָכט זיך אַן אַרגענטינער ייד. ער האָט געבראַכט עטלעכע און צוואַנציק קילאָ „מאַטע״ (אַזאַ מין גראָז, פון וועלכן מען מאַכט אַ געטראַנק — דער נאַציאָנאַלער אַרגענטינער געטראַנק). מען פאָדערט פון אים אַ 30 דאָלער מכס.

— סטייטש — ברוגזט ער זיך — פאַר דער גאַנצער „מאַטע״ האָב איך באַצאָלט אַ 3—4 דאָלער און איר פאָדערט פון מיר אַ מטמון מיט געלט! איך האָב דאָך דאָס געבראַכט, ווי אַ מתנה פאַר קרובים און פריַינד. זיי גייען פּשוט אויס נאָך אַ ביסל „מאַטע״.

היינט גיי דערקלער א ישראלדיקן פקיד, וואָס עס באַטייט „מאַטע״ פאַר אַן אַרגענטינער. וואָס קאָן דער פּקיד וויסן דעם טעם און דאָס פאַרגעניגן פון זיצן אין אַ קריַיז, אַרום אַ טישל, אויף וועלכן עס שטייט אַ קאָכעדיקער טשייניק וואַסער און די באַלעבאָסטע פון שטוב גיסט אַן יעדער רגע אַ „מאַטע״ און דערלאַנגט עס אירע בני־בית און די געסט, לויט דער ריי נאָך — דאָס געלעכערטע זיפּן־רערל גייט איבער פון מויל צו מויל. יעדערער פאַסמאַקעוועט זיך פון דעם ביטערלעכן געטראַנק, וואָס מאַכט דערוואַכן די חושים, צעבינדט די צונג און פאַרבינדט אין אַ נאָענטער פריַינדשאַפט די מסובים.

גיי דערצייל דאָס אַלץ דעם פּקיד פון מכס, ער זאָל פאַרשטיין, פאַר וואָס דער אַרגענטינער ייד קאָכט זיך אַזוי און ברוגזט זיך.

אין אַ צווייט ווינקל שטייט אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער עולה נעבן זיינע דריי קאַסטנס. ער האָט זיך דערוואַרט. עס קומט זיין ריי.

די פּאָרט־אַרבעטער נעמען זיך צו זייער געצייג.

מיט פלינקער רוגזה נעמען זיי רייסן שטיקער פון די קאַסטנס. די קאַסטנס קרעכצן און גיבן נאָך.

פון די קאַסטנס באַווייזן זיך היימישע זאַכן. דער מכס־רעווידירער קריכט מיט זיינע הענט אין דעם אינגעווייד פון די קאַסטנס, שלעפּט אַרויס פון זיי אייניקע זאַכן, באַטראַכט זיי, לייגט זיי צוריק אַריין און נעמט זיך צו אַן אַנדער ווינקל פון קאַסטן.

אין דעם לעצטן קאַסטן שטייט אַ וואַש־מאַשין. דער רעווידירער הייסט דעם אַרבעטער אַרויסנעמען די וואַש־מאַשין פון קאַסטן.

— איך וועל נישט אַרויסנעמען.

— נעם אַרויס.

— איך וועל נישט אַרויסנעמען. דאָס איז נישט מיין פליכט. ווילסטו, נעם אַרויס.

דער רעווידירער גיט זיך אונטער. ער נעמט אַרונטער די אויבער־שטע דעק פון דער מאַשין. אינעווייניק ליגן פאַרשידענע חפצים און בגדים. דער עולה נעמט אַרויס אין זאַך נאָך דער צווייטער און רעכנט זיי אויס: הויזן. דער אַרבעטער זאָגט אים נאָך מיט חוזק: הויזן, שמויזן. דער עולה: אַ בוך. דער אַרבעטער: אַ בוך, אַ שמוך, אַ טוך.

דער רעווידירער שמייכלט אַ פאַרלעגענער און דערווייטערט זיך פּאַוואָליע פון די קאַסטנס. דער אַרבעטער וואַרפט אים צו אַ ביטולדיקן בליק און נעמט זיך מיט אימפּעט צום פאַרקלאַפּן די קאַסטנס.

מיט אַ מימרא אָפּגעראַטעוועט אַ ראַפּאָרט

איך וואַרט אויף אַן אויטאָבוס. פּלוצים לויפט אָן אַ שירות (קאָלעקטיו) און פאַרפאָרט דעם אויטאָבוס פון פאָרנט אַריין, כדי צו געווינען אַ פּאָר פּאַסאַזשירן.

איך שטייג אַרײַן אין אויטאָ. מיר פאָרן נאָר אָפּ אַ פּאָר הונדערט מעטער מיטן שירות און איצט פאַרפאָרט אונדז פון פאָרנט אַ משטרה־קאַטש (אַ פּאָליציי־קאַטש). פון משטרה־קאַטש שפּרינגט אַרויס אַן אָפיציר, נישט קיין יונגער. ער פאַרלאַנגט די דאָקומענטן בײַ אונדזער שאָפער. דער שאָפער נעמט זיך צו דער קעשענע. ער איז בלייך ווי די וואַנט און דאָס לשון האָט אים אָפּגענומען. איך פּרוּוו זיך צו זײַן דער מליץ־יושר פון שאָפער און אָפּבעטן די שטראָף:

— דאָס מאָל זײַ מוחל.

— ניין. דאָס איז אוממעגלעך. אַלע אומגליקן קומען אַרויס פון דער נישט פאָרזיכטיקייט.

— אָבער נאָר דאָס מאָל.

— איך קען נישט. געזעץ איז געזעץ.

— די גמרא זאָגט, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן, דערפאַר וואָס מען האָט זיך דאָרטן נוהג געווען נאָר על פּי דין.

דער אָפיציר קוקט מיך שאַרף אָן און גיט אָפּ די דאָקומענטן דעם שאָפער.

דער שאָפער פאָרט אַ צופרידענער און ווייסט מיר ניט ווי אָפּצודאַנקען.

— דו האָסט מיר אָפּגעראַטעוועט אַ טאָג פּרנסה. 15 לירהס איז

די שטראָף פאַר עובר זיין דעם געזעץ, און דאָס איז וואָס איך פאַרדין אַ גאַנצן טאָג.

דער ליכטיקער פרילינג־פרימאָרגן שיינט העלער און פריילעכער ווי פריער.

איך פאַל אַריין אין מחשבות: ווו געפין איך זיך אויף דער וועלט? — איך אַ ייד, דער שאָפער אַ ייד, דאָס לאַנד אַ יידישע, די וועגן יידישע, דער פאָליציי־אָפיציר אַ ייד, און דעם שאָפער האָב איך אָפּגע־ראַטעוועט פון פאָליציישע הענט — מיט אַ... „די גמרא זאָגט".

.1960

ביים קיאָסק

דער קיאָסק שטייט אויף אַן אָפּגעלייגטער גאַס. איין זײַט גאַס איז ניט פאַרבויט. די דאָזיקע זײַט גאַס איז פאַרצאַמט מיט שיינע הויכעביימער, צווישן וועלכע עס בליצט אַדורך דער אָפּשיין פון באַן־שינעס. די צווייטע זײַט פון דער גאַס איז פאַרבויט מיט הײַזער, אין וועלכע עס געפינען זיך דרוקערײַען פון צײַטונגען, וואָס צעשפרייטן ליכט און נײַעס איבערן גאַנצן לאַנד.

אין די הייסע זונען־שעהן איז דער קיאָסק באַלאַגערט. עס ציען זיך צו אים די שרײַבער פון די צײַטונגען, אין געפּרעסטע הויזן און ווײַסע העמדער, און דרוקער־אַרבעטער, אין טונקעלע, פאַרשמירטע העמדעלעך און אין „בלוזשינען”. זיי קומען אַהין לעשן זייער דורשט און דערקוויקן זייער האַרץ — אָפּגעבן דעם גוף וואָס עס קומט אים. זיי שטייען בײַ די געשטעלן פון די אָפענע פענצטער פון קיאָסק און זיצן אַרום די עטלעכע אויסגעשטעלטע טישלעך אויף דער גאַס. יעדערער טרינקט זיך זײַן פרעפערירטע משקה און עסט זײַן געפעליקן מאכל.

די שרײַבער עסן און טרינקען חשיבותדיק, שווײַגנדיק, פאַרטראַכטע און אַרײַנגעטוענע אין זיך. זייערע קעפּ זײַנען אָנגעלאָדן מיט מחשבות. יעדעדער פון זיי טראַכט פון דעם וואָס ער האָט געשריבן נעכטן, פון דעם וואָס ער וועט שרײַבן הײַנט און וואָס ער וועט ענטפערן מאָרגן, אויב אימיצער וועט אָפּפרעגן זײַן נעכטיקן שרײַבן.

די אַרבעטער ווײַצלען זיך אויפן קול, שמועסן וועגן אַלץ און ריידן זיך אַראָפּ פון האַרצן.

לעבן מיר שטייט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרײַסיק. דאָס מויל מאַכט זיך אים ניט צו, ער עסט און טרינקט און רעדט. פון אַלץ האָט ער הנאה...

ער עסט און טרינקט אויפן ביכל, דאָס הייסט, עסן עסט ער אויפן געשטעל פון פענצטער, נאָר פאַר דעם עסן און טרינקען באַצאָלט ער ניט גלײַך. אַלץ וואָס ער קאָנסומירט ווערט פאַרשריבן אין אַ ביכל און ער באַצאָלט דערפאַר און אַ חודש אַרום. מחמת דעם איז זיין הנאה פולער. ער פילט זיך, בײַם געניסן, ניט געצאָמט — פרײַ.

פון דער װײַטן הערט זיך אַ גערויש פון אַ מאָטאָר. אַ יונגער בחור שפרינגט אַראָפּ, מיט שטאָלץ, פון זײַן נײַעם מאָטאָציקל. דער גלאַנץ פון דעם ניקל שײַנט אַרײַן מיט בלענד אין די אויגן. מײַן מיט־שמועסער, דער באַריידעוודיקער יונגערמאַן ווערט הוילע באַגײַסטערונג:

— אָט דאָס איז אַ כלי! אָט דאָס איז אַ מאַשין! אַ צאַצקע! פאַרשטייט זיך, — נאָר אַ דײַטשישע מאַשין קען אַזוי אויסזען.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעהיצט? וואָס האָסטו זיך אַזוי צעזונגען? פרווו איך אַרײַנשטעלן — אַ דײַטשישע. איך וואָלט איר אפילו ניט גענומען, ווען מען שענקט מיר זי. אַ דײַטשישע! האָסט גאָר פאַרגעסן וואָס די דײַטשן האָבן אונדז געטאָן? איך וואָלט זיך נישט געקענט באַנוצן מיט אַ דײַטשישן חפץ. עס וואָלט מיר ניט אײַנגעגאַנגען די הנאה. עס וואָלט מיר תמיד דערמאָנט די דערשטיקטע, פאַרברענטע, און פאַר־גאָזטע ברידער און שוועסטער אונדזערע.

— לא חשוב. מה איכפת. שטות, — האָט מיר מײַן שכן געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, און געקוקט אויף מיר מיט רחמנות: עפּעס אַ ניט־דאַאיקער. אַן אומגליקלעכער מענטש. אַ ציוניסטל.

דער יונגערמאַן האָט זיך געהייסן אַנגיסן נאָך אַ גלאָז מיץ און פאַרביסן מיט אַ צעטעלע פון „מפעל הפיס”.

איך האָב אים ניט אָפּגעלאָזן:

— וואָס וועסטו טאָן מיטן גרויסן געווינס?

דער יונגערמאַן איז ווידער געוואָרן באַריידעוודיק:

— וואָס וועל איך טאָן? — אינגאַנצן אויסגעבן. אינגאַנצן.

— וואָס הייסט? אַזאַ סומע: פופציק טויזנט! די טראַכטסט גאָרנישט וועגן דײַן צוקונפט? דו ביסט דאָך אַ פאַכמאַן. קענסט דאָך

ווערן זעלבסטשטענדיק, גיב אויס אַ ביסל און מיט דעם איבעריקן פֿאַרזאָרג זיך אויף דײַן גאַנצן לעבן, האָב איך זיך געפּרווּוט דינגען.

— שטות. אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. דער עיקר איז דער הײַנט. די הויפּטזאַך איז זײַן גליקלעך, — גוט עסן, גוט טרינקען, זיך גוט אָנטאָן און געניסן. מײַן מוטער איז אַוועק יונג פֿון דער וועלט. זי האָט רק געשפּאָרט. בעת זי איז געשטאָרבן, האָט זי געהאַט אָן אָפּגע־לייגטן פּופּציקער. ווער האָט פֿון דעם גענאָסן? ניט זי. איך וועל אויס־געבן אַלץ!

צורעשט וועל איך אויסמעבלירן אַ שטוב. נאָך דעם וועל איך זיך באַקליידן און מײַן ווײַב מיט די קינדער. יאָ, עטלעכע טויזנט פֿונט וועל איך צעטיילן אויף צדקה. איך האָב שרעקלעך ליב צו געבן צדקה. און נאָך דעם, — רײַזן. רײַזן! איך וועל אַרומפֿאָרן איבער דער גאַנצער וועלט, איבער אייראָפּע און אַמעריקע. איך האָב ליב אַרומפֿאָרן.

איך האָב זיך פֿאַרטשעפּעט אין דאָס וואָרט אַמעריקע.

— אַמעריקע, וואָלסט דאָרטן פֿאַרבליבן, אין אַמעריקע?

— למה לא, פֿאַר וואָס נישט? ווען בישט מײַן טאַטע, וואָלטן מיר שוין דאָרט לאַנג געווען. נאָך מײַן מאַמעס טויט, זײַנען מיר געבליבן אויף גרויסע צרות. אונדזערע קרובים, אין אַמעריקע, האָבן אונדז גערופֿן אַהין. און מײַן טאַטע, איין מאָל ניין. ער פֿאָרט ניט. ער פֿאָרט ניט פֿון דאַנען, — מען מעג אים געבן כל הון דעלמא.

— און די מולדת? די מולדת איז ביי דיר גאָרניט?

— מולדת. מולדת. לא חשוב. ווו עס איז גוט, דאָרטן איז די מולדת.

דער דרויסן איז געווען אַ זוניקער. די זון האָט געשײַנט. און מיר איז דורכגעגאַנגען אַ סקרוך איבערן לייב:

— אַזוי יונג און אַזוי אַלט. אַלץ איז בײַ אים הבל הבלים, גאָרניט. דער עיקר איז געניסן. עסן און טרינקען, זיך גוט קליידן און פֿאָרן. פֿאָרן! זײַן טאַטע איז געקומען אַהער מיט פֿערציק יאָר צוריק, בויען די מולדת, און ער וויל איר בשום אופֿן ניט פֿאַרלאָזן, און ער פּײַפֿט אויף

דער מולדת. די באַליבטסטע ווערטער ביי אים זיינען: לא חשוב, מה איכפת לי, שטות.

דער יונגערמאַן האָט דערזען מיין שטומקייט, האָט ער מיר צוגעוואָרפן אַ שטילן, וואַרעמען שמייכל און איז אַוועק.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון מיין פאַרווירטקייט:

— דערווייל האָט ער דאָך נאָך ניט געמאַכט דעם גרויסן געווינס. דערווייל איז ער אַוועק אין דער דרוקערייַ, פון וואַנען ער וועט העלפן פאַרשפרייטן ליכט איבערן גאַנצן לאַנד און אַז דאָס לאַנד וועט אים דאַרפן און רופן, וועט ער זיכער קומען און זאָגן: גרייט! מאַלע וואָס אַ יונגערמאַן פּלאַפּלט. שטות...

און עס האָט מיר אַ וואַרעם געטאָן אין האַרץ.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ לב טוב. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער האָט מיר געזאָגט: און עטלעכע טויזנט פונט, וועל איך צעטיילן אויף צדקה. איך האָב שרעקלעך ליב צו געבן צדקה.

דער סוד

די זון איז געהאַנגען אַ צעצונדענע איבער תל־אביב. די גאַסן פֿאַרגאָסן מיט ליכט. עס איז שוין געווען נאָענט צו האַלבן טאָג. אויף דער אַלענבי האָבן זיך די מענטשן באַוועגט גיכער ווי תמיד. זיי האָבן זיך געאײַלט. עס איז געווען ערב יום־טוב — ערב ראש־השנה. נאָך אַ פּאָר שעה און אַלע געשעפֿטן וועלן פֿאַרמאַכט ווערן אויף קאַרגע דרײַ טעג, — דאַרף מען באַוויַזן אַלץ אײַנקויפֿן. די דורכגייער האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט, אָנגעשטויסן איינער אָן דעם אַנדערן און ווײַטער געלאָפֿן, ווי אימיצער וואָלט זיי נאָכגעיאָגט.

אַנטקעגן דער גרויסער בית־הכנסת פֿון אַלענבי, שטייט אַן אָרעמע שול. זי איז אַ גאַנצן טאָג אָפֿן. זי ווערט באַוואַכט פֿון אַ פּאָר בעטלער.

פֿון דער ווײַטן זע איך אַ יונגערמאַן מיט אַ קינדערישן יונגן פּנים, וואָס איז באַצירט מיט אַ העל־בלאָנד בערדל, אין הוילן העמד און טלית־קטן. די ציצית באַוועגן זיך פֿרײַ אין דער לופֿט, ווי זײַנע פּאות.

ער לויפֿט אַרום, אַ שטאַרק באַשעפֿטיקער, הין און צוריק. אָט לויפֿט ער צו צו דעם אויטאָבוס־אָפּשטעל, לויפֿט נאָך אַ ייִדן וואָס איז אַראָפּגעשטיגן, רוימט אים עפּעס אַרײַן אין אויער און לויפֿט צו אַ צווײַטן, סודעט זיך מיטן צווייטן און לויפֿט שוין צו אַ דריטן.

ווו האָב איך געזען די געשטאַלט פֿון דעם יונגערמאַן?

יאָ, אויף די הייליקע, קריסטלעכע געמעלן.

אָבער דער לעבעדיקער יונגערמאַן, צו וועמען איך דערנענטער זיך, זעט אויס הייליקער פֿון די געמאָלענע.

איך געפֿין זיך עפּעס ווי אין אַ ניט־דאָיִקער וועלט — אין אַ וועלט פֿון הײַנט און פֿון נעכטן. ווו בין איך?

איך האָב פאַרגעסן ווו איך געפין זיך און געטראַכט:
פאַר וואָס פאַרוואַרפן זיי אים ניט מיט קיין שטיינער?
פאַר וואָס בוקן זיי זיך ניט פאַר אים?
מיט אַ מאָל האָט מיר דער יונגערמאַן אויפגעוועקט פון מײַן פאַרטראַכטקייט:
— ר׳ ייד, אפשר האָט איר נאָך הײַנט קיין תפלין ניט געלייגט? קומט אַריין.
איך האָב אַרײַנגעקוקט דעם יונגערמאַן אין זײַנע ריינע, בלויע אויגן אַרײַן און אים נאָכגעגאַנגען.
ער איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג און דערלאַנגט טלית און תפלין.
ער איז גלײַך צוריק געלאָפן, אַ גליקלעכער, אין גאַס אַרײַן:
אפשר וועט ער דאָך העלפן איבערצווועגן די וואָגשאָל פון דער וועלט לכף זכות.

די אויגן פון חייל

אונדזער אויטאָבוס האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביי אַ תחנה. דאָס מאָל האָבן זיך קיין פּאַסאַזשירן ניט אַרויפגעשאָטן מיט רוגזה און געפּיל. די לעבעדיקע שורה האָט זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק:

דרך־ארץ! מאַכט אַ וואָרע!

אַן אָפּגעפּאַשעטער, גראָבער כלב מעסט אויס זײַנע טריט. אַ שפּרונג און ער איז אינעווייניק.

אַ צופרידענער, אַ ביסל אַ געריסטער, גיט ער אַ טרייסל מיט זײַן קאָפּ און רוקן.

— אָפּגעטאָן אַ וואַזשנע אַרבעט.

ער ווייס זײַן פּלאַץ, — הינטערן שאָפער, בײַ דער ערשטער באַנק. די פּאַסאַזשירן האָבן שוין לאַנג באַפרײַט די דאָזיקע באַנק.

הינטערן כלב גייט נאָך, פֿאַרזיכטיק, אַ יונגער, שיינער מאַן. דעם לאַנד האָט ער אַוועקגעגעבן דאָס ליכט פון זײַנע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן.

דער כלב איז איצט דאָס אויג פון דעם יונגערמאַן.

דרך־ארץ פֿאַרן כלב!

דרך־ארץ פֿאַרן אויג פון דעם חייל!

מיין חבר בערגער

מיין חבר, שמואל בערגער, איז אינגאַנצן אין לאַנד אַ 5 יאָר. אַז איך האָב אים געטראָפן אין גאַס, האָב איך אים שיעור ניט דערקענט.

זײַן פּנים איז פאַרברוינט פון דער זון, איז ענערגישער געוואָרן, און זײַנע אויגן בלויען אַרויס פון אונטערן שטערן מיט אַ ליכטיקן פֿײַערל.

איך האָב ביז איצט גאָרנישט געוווסט, אַז מײַן חבר בערגער האָט אַזעלכע בלויע אויגן. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דער טונקל פון זײַן פּנים בולט עס אַזוי אַרויס דעם קאָליר פון זײַנע אויגן און, אַז אויך מחמת זײַן גיין מיט אַ געשטרעקטן קאָפּ, צו דער הויך אַרויף, זאָפן זײַנע אויגן אײַן דעם בלוי פון די הימלען פון ישראל.

איך האָב זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיין חבר.

— וואָס מאַכסטו עפּעס בערגער?

— איך הייס מער ניט בערגער. איך הייס הררי — שמואל הררי.

— ווי זשע גייט עס דיר עפּעס, חבר הררי? זעסט דאָך שוין אויס ווי אַ גאַנצער וותיק.

מיין חבר, בערגער־הררי, האָט זיך בטולדיק צעשמייכלט:

— ווי אַ גאַנצער וותיק!

עס איז געווען קאָנטיק, אַז מײַן קאָמפּלימענט געפעלט אים ניט. וואָס הייסט דאָס עפּעס, ווי אַ גאַנצער וותיק!

ער האָט זיך געפילט פאַר מער פון דעם. מײַן שבח האָט באַוויזן זײַן אַנדערשקייט און ער האָט געוואָלט, מען זאָל אים זען, ווי איינעם פון אַלע, ווי אַן אזרח־ישראל. נאָך מערער, מײַן חבר האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן, אַז זײַן לעבן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן

מיט 5 יאָר צוריק; אַז ביז דאַן האָט ער גאָר קיין מאָל און אין ערגעץ ניט געלעבט.

— ווי אַ וותיק! — האָט מײַן חבר איבערגעחזרט — ניין, עס איז ניט דאָס. אַז איך בין געקומען אין לאַנד, פאַרשטייסטו מיר, האָב איך געמאַכט אַ רעכענונג פון מײַן לעבן. עס האָט ניט געשטימט — אַ מעות אין חשבון. איך האָב אונטערגעצויגן דעם סך הכל — אפס, גאָרנישט. האָב איך אָנגעהויבן פון דאָס נײַ. פאַרשטייסט? עס דוכט זיך מיר, אַז גאָר אַ מאָל, מקדמונים, האָב איך שוין דאָ געלעבט און בין פון דאַנען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל און, אַז איצט בין איך צוריק פאַר־וואָרצלט געוואָרן. דו׳סט מיר גלויבן, אַז איך האָב אפילו אויפגעהערט צו ריידן יידיש. וועסט דאָך מיר ניט חושד זײַן, אַז איך האָב חס־ושלום פײַנט יידיש. ניין, איך לעב מיט דערווירקלעכקײַט און עברית איז די שפּראַך פונעם לאַנד.

איך האָב גוט געקענט מײַן חבר. איך האָב געוווּסט, אַז איז ער עפּעס „געוואָרן״, איז דאָס געווען בלב ונפש, מיט ברען און פײַער און אַז ער איז עפּעס „געוואָרן״, האָט ער דאַן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז ער דאָס פריער אַנדערש געווען. ער האָט אפילו ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַנדערע קענען דאָס זײַן, ווי ער איז פריער געווען.

מײַן חבר איז פאַר מיר געשטאַנען אַן איבערגעלאָדענער מיט פּלענער און איניציאַטיוועס. ער האָט ניט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט. עס האָט פון אים מיט פּלענער אַרויסגעשאָטן.

— מען דאַרף גיין, מען דאַרף גיין. די צייט שטייט ניט. עס איז דאָ אַ סך אַרבעט. להתראות, להתראות!

מײַן חבר בערגער איז אַנטלאָפן, ווי אַן אונטערגעטראָגענער פון אַ ווייכער.

איך בין געבליבן, ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט.

איך האָב אים לאַנג און ווײַט נאָכגעקוקט און גערעדט צו זיך אַליין:

— יאָ, חבר בערגער, דו וועסט שוין מער קיין מאָל ניט „ווערן״. דו ביסט געוואָרן און וועסט בלײַבן, דאָס וואָס דו ביסט...

עס שלאָפט ניט און עס דרימלט ניט
דער היטער פון ישראל

עס איז אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט. די זון שרפהט ניט, נאָר וואַרעמט און לײַכט. די ערד הויבט זיך אָן ביסלעכווײַז אָפּקילן. די לופט איז געשמאַק. מען פילט אַ טעם אין איר. קילע ווינטלעך יאָגן אָן און ברענגען מיט מיט זיך דעם ריח פון ים, דעם דופט פון פעלדער. זיי שפּילן זיך צווישן די האָר פון קאָפּ און פאַרקריכן אונטער די פּאַכוועס.

מיר זיצן, צוויי חברים, און שמועסן געשמאַק און נאָענט, וועגן אונדזערע וואַנדלונגען איבער די עקזאָטישע לענדער, וואָס מיר זײַנען דורכגעגאַנגען.

די זון הויבט אָן דערווײַל אָפּצוגיין אין רויט. דער הימל ברענט נאָך. אָבער באַלד וועט ער אָפּגעגאָסן מיט חושך, און פאַרלאָשן.

תל אביב גיט זיך ווידער אַ צעהעל, אונטער שנירלעך פינקלענ־דיקן ליכט.

נאָר איין שטיקל קיילעך פון דער שטאָט, העלט ליכטיקער אַרויס פון דער נאַכט — ווי דאָרטן וואָלט זיך אָפּגעריסן אַ שטיקל טאָג, וואָס וויל נישט אַוועקגיין.

— וואָס איז דאָרטן אַזוי ליכטיק? — פרעג איך.

— קום!

מיר שנײַדן דורך גאַסן. דער פּאַרקער איז גרויס. טויזנטער און טויזנטער מענטשן, מיט קינדער בײַ די הענט, ציען זיך צו דעם ליכט־אינדזל.

דער ליכטיקער קײַלעך, דאָס איז דער ככר מלכי ישראל.

אַ יום טוב קומט פֿאַר אויף דעם קאַרק פֿון ככר. די שטאָט תל אביב נעמט דאָרט אויף אַ מאָטאָריזירטן רעגימענט פֿון נגב.

אויף דעם ככר מלכי ישראל, שטייען, באַלעבאַטיש ברייטלעך, די „געסט", מאָטאָריזירטע כלים פֿון פֿאַרשידענע גרויסן און מאָדעלן און לעבן זיי — די שטאָלענע ריזן — שטייען פֿאַרברוינטע, יידישע אנשי־חייל. די יונגע ישראל־זעלנער זיינען שטאַרק פֿאַרנומען.

הונדערטער קינדער, יינגלעך און מיידלעך, נעמען ארום אין אַ קרייז יעדן חייל און פֿאַרשיטן אים מיט פֿראַגן. זיי דאַרפֿן אַלץ וויסן. זיי דאַרפֿן וויסן וואָס עס טוט זיך אין די בײַכער פֿון די מאָטאָרן, וואָס פֿאַר אַ אינגעווייד זיי האָבן אינעווייניק און ווי זיי לעבן אויף, די שטאָלענע גולמס.

דער יונגער זעלנער, וואָס איז נאָך נישט לאַנג אַליין געזעסן אויף דער שול באַנק און געחלומט, זיך צו זען אין דעם אוניפֿאָרם פֿון אַ חייל פֿון צה"ל, האַלט זיך חבריש מיט קליינוואַרג. ער האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן זיין קינדהײט. הײַנט איז ער שוין אַ מאַן. זײַן גוף האָט שוין דורכגעמאַכט אַלע בויגונגען און איבונגען, איז געשטאַרקט געוואָרן צו פֿאַרטיידיקן זיך און דאָס לאַנד. ער פֿילט זיך וויכטיק. אָבער ער פֿאַרשטייט די קינדער, וואָס רינגלען אים אַרום און גיט זיי, מיט חשיבות און יינגלשן שטאָלץ, אַלע מיני דערקלערונגען. ער שפּירט זיך ווי אַ וויסער.

אָבער די קינדער באַנוגענען זיך נישט מיט די בלויזע דערקלע־רונגען. זיי דאַרפֿן עקספּערימענטירן, זיך אַליין אין אַלץ איבערצײַגן.

ווי חמרים פֿליגן איבער זיסוואַרג, אַזוי האָבן זיי זיך אָנגע־וואָלגערט און באַזעצט אויף די אַלע מאַשינעס, אין זייערע קאַבינעס, אויף זייערע רוקנס, און רײַטנדיק, אויף זייערע העלדזער. זיי דרייען די רודערס, גלעטן מיט זייערע קינדערישע הענטלעך די קאַלטע גופים זייערע און שטילערהייט, בגנבה, פֿאַרקען זיי זיך בײַ זייערע שרויפֿן.

די לופֿט איז פֿאַרהילכט געוואָרן מיט קינדערישע קולות און דאַך בין איך געווען ווי אין חלום.

— ווו בין איך?

אויף אַ שטאָט פּלאַץ, וואָס הייסט ככר מלכי ישראל, אויף דער

ערד פון ישראל, דאָס געווער ווערט האָרודעוועט דורך די הענט פון יידישע זעלנער און אויסגעגלעט פון יידישע, קינדערישע הענטלעך.

ווי לאַנג איז דאָס געווען, — ערשט מיט איין דור צוריק, האָט דאָך אַ יידיש קינד, מיט פחד אויסגעוויינט אַ זעלנער, אַ יאָוון — און היינט איז ער אַזוי היימיש מיט אים און מיט זיין געווער.

איך האָב מיך געוועקט פון חלום, אויסגעגלייכט מיט שטאָלץ מיין רוקן, געשטרעקט מיין קאָפּ צום הימל, מיט פעסטע טריט געטראָטן די ערד אונטער זיך און איין זיך געמורמלט: הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל — עס שלאָפט ניט און עס דרימלט ניט דער היטער פון ישראל...